STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07779

DI EYBIKE TFISE

M. Granitstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה גראַניטשטיין

די אייביקע תפיסה

(איינזאַמלונג — אפאָריזמען, עסייאיזמען.)

M. Granitstein
Calle Reconquista 439
Buenos Aires
Rep. Argentina

בוענאָס איירעס
1951

ביכער פון משה גראַניטשטיין.

פּאָעזיע:

שטאָפּלען, לידער און געזאַנגען.
שיר השירים, אשר לגראַפּאָמאַניע. (מרוידאַד־באַלאַדן.)

עסייאיסטיק און פּובליציסטיק:

פון תחום צו תחום, זכרונות און באַטראַכטונגען איבערן שטעטל.
טעאַטער — אוניווערס. (פּסיכאָאַנאַליטישע רעוועלאַציעס פון דער מענטש־אימפּעריע.)

דערציילונגען און נאָוועלן:

וואָס האָט געוואָלט פרוי גאָסטער?
פוןביידע זייטן בריק.
די אַוואַנטורעס פון חבר האמערל.
באַם וואַנזאַל.
באַשעלע. (אַ קינדער־נאָוועלע.)
מענטשן פון באַגינען.
צוריק צום געטאָ. (אַ פּייער־פּראָבע.)
דער סאָלטעראָ. (אַ זאַמלונג.)
פאַרשאַלטענער זאַפּט.
האַרבסט־בלעטער. (אַ זאַמלונג.)
דער בעטלער, דער ליץ, דער סאָציאַלער מענטש. (אַ קלינישע געשיכטע.)
די גאַנגרענע. (אַ געשיכטע פון ליבע און האַס.)
נאַראָ. (אַ געשיכטע פון ציניזם און גלויבן.)
איך — די קלאַקע פון אידעאַל. (אַ געשיכטע פון יונג און אַלט.)

בילדער פון אַפּגייענדן שטעטל:

ערשטער באַנד — דאָס שטעטל רעדט.

סאָציאָלאָגיע:

די מאַסע און אירע דערלייזער. (ווערטן־איבערשאַצונג.)
קורצע וועלט־געשיכטע פון אידישן פאָלק.
פּראָפעסאָר גאָט און פּראָפעסאָר אידיאָט. (אַ פּאַנעגיריק צום אויבערשטן און זיינע אָרומזוכער.)
חתימת האדם והמענטשהייט. (אין אַפּגרונט פון פעלקער און צייטן.)

טרילאָגיע: פופציק יאָר אידיש לעבן אין אַרגענטינע:

באַלוואַנעווקע. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)
מסעות פליגלמאַן. (ראָמאַן, אין צוויי טיילן.)
על חטא שחטאתי בראָטנפאַרבאַנד. (ראָמאַן, אין דריי טיילן.)

מעמואַרן:

ליבאָוויטש, און די וועלט. (אַ שפּיגל־בוך פאַר דער מאָדערנער אידישער אינטעליגענץ.)
ליבאָוויטש רעדט צו דער וועלט. (ווידוי־מעמואַרן פון איינעם, שיצא ולא חזר.)
וואָלין, מיין היים. — ערשטער באַנד.
וואָלין, מיין היים. — צווייטער באַנד.
וואָלין, מיין היים. — דריטער באַנד.

איינזאַמלונגען:

אומעט. (אַנטיסאָציאַלע לוסט־געשיכטן.)
די מענטש־סימפאָניע. (פּאַראַדאָקסן, אַפאָריזמען, עסייאיזמען.)
מענטש — אוניווערס. (עסייאיזמען, אַפאָריזמען.)
דער אומדערהערטער הער אומזין. (עסייאיזמען, אַפאָריזמען.)
די אייביקע תפיסה. (עסייאיזמען, אַפאָריזמען.)

די תפיסה פון דעם געדאַנק און געפיל

ווען מע האָט עפּעס צו זאָגן, מע איז געבענטשט מיט טאַלאַנט;
און דערצו, נאָר זיך איינגעשאַפן — אַ היבשע דאָזע קולטור, —
דאַן, קומט אַלץ אָפּער — צ ו ו יי מ אָ ל אַזויפיל אינטערעסאַנט:
ווי גענומען און קולטיווירט — אַ שטיק פּרימיטיווע נאַטור.

א) וואָס מער דו צייגסט איינעם איבער אין אַ אמת, — אַלצמער טוסטו אים און זיך פון יענעם אמת דערווייטערן. ווייל יעטוועדע איבער־לעבונג איז — אַן אַקטיאַרישע אויסלעבונג, וואָס מיינט — אַן אָפּ־שטאַרבונג. נפשי יצאָה בדברו. ווייל פאַרשטאַנד פאַרשטייט אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען ער ווערט מיד פון דעם פאַרשטיין גופא — פון זיך אַליין.
און דאָס זעלבע פּאַסירט אין אונזער געמיט — מיט דעם דיַ‏ער־וואַכטן געוויסן: וועלכער לעבט זיך אויס וויזיאָנעריש — אין דער אי־בערלעבונג; און ער בלייבט, במילא, אָפּגעשטאָרבן — פאַר דער טואונג.

ב) יעדער גרויסער געדאַנק איז — אַ פאַרברעכן, אַ וואַנזין, אַ אַטענ־טאַט — אַף דער טוגנט; אַף דעם אָנגענומענעם זין.

ג) עס לערנט דאָס גראַוויטאַציע־געזעץ: אַז פּונקט ווי אַ גאַנצער געביי רוט, האַלט זיך, (דריקט) — אַף דער באַזע, — אַקוראַט אַזוי הדריקט אַ העכערע אינטעליגענץ אַף אַ נידעריקערער — אין דעם סדר־געבוי פון דער וועלט פון אידייען.

ד) דער פּראָצעס פון שאַפן קאָן צושטאַנדקומען — נאָר צווישן אַ נותן, און אַ מקבל: אינטעלעקט, און עמאָציע, (מאָסע.) דער צוזאַמענקום פון צוויי אינטעלעקטן, ווי פון צוויי עמאָציעס, איז — אומנאַטירלעך, פּרוכטלאָז, אימפּאָטענט אפילו: צוליבן פעלן פון קעגנגעזעצטער קעגנזיי־טיקער אָנרעגונג צו קאַמף־אָנגריף און קאַמף־פאַרטיידיקונג; מיט איין וואָרט — צו געראַנגל.

ה) פּונקט ווי אין דעם מענטשנס אָרגאַניזם איז אינטעלעקט, (אַזוי, צי אַנדערש,) דער פאָראָרדנער צו די אויספירער פון דער טאַט; און דערפאַר, אויב די טאַט איז אַ פאַרברעכערישע, באַצאָלט פאַר איר דער גאַנצער מענטש, — אַקוראַט אַזוי, אין דעם פּאָטאַל־נזרונדיזעם אָרגאַ־ניזם פון דער מענטשהייט, איז אינטעלעקט, (אַזוי, צי אַנדערש,) דער פאָראָרדנער (איוואַן קאַראַמאַזאָוו,) צו די אויספירער פון דער טאַט, די מאַסן, (סמיערדיאַקאָוו, זיין לייבלעכער אומגעזעצלעכער ברודער.) און דערפאַר, ווען די טאַט איז אַ פאַרברעכערישע, — באַצאָלט פאַר איר — די גאַנצע (אינטעלעקטועלע) מענטשהייט...

ח) דער אומאָפּהענגיקער געדאַנק אַליין, אין פריַיען פלאַטער, האָט נישט קיין קאָליר, נישט קיין גוסט, נישט קיין התחייבות (מאָראַלישע) לגבי קיינעם און גאָרנישט. ער איז — אַ רעאַגירונג אין זיך בלויז; און, אויס דעם ריין־מענטשלעך־הומאַניטאַרן שטאַנדפּונקט גענומען, קען ער פאַרבלייבן אַזוי אומפילבאַר צו זין, ווי צו אומזין...

ערשט מיט דעם נעמען (דער מענטש,) און אים טון אָנווענדן, דעם געדאַנק — אַף דעם לעבן, — טוט מען אים באַהעפטן מיט קאָליר, מיט גוסט, מיט שטייגער, מיט סביבה, מיט התחייבות (מאָראַל) צו מענטש און וועלט; מיט איין וואָרט — צו זין...

דערפאַר, איז צו מערקן אַזוי באַשיינפּערלעך־קלאָר: אַז ווען עס יאָגט אָן דאַפּטעם אַ מאָמענט, און דער מענטשלעכער געדאַנק ווערט גוואַלד־זאַם אָפּגעריסן פון זיין שטייגער, פון זיין סביבה, מיט איין וואָרט, פון זיינע איינגעפירטע תנאי־רעפלעקסן פון רעאַגירן, (למשל, אין אַ שעה, ווען איין מאַכט ווערט פאַרטריבן פון אַ שטאַט, די אַנדערע איז נאָך נישט אָנגעקומען, און דער גאַנצער ישוב פאַרבלייבט, דערווייל, אָן וועלכער מלכות, צי אין אַ צווישן־מלכות;) אָדער, ווען אַ צאָל פרידלעכע רישובים פון אַ לאַנד ווערן פאַרמירט אין אַ חייל, אַרויסגעפירט פון די ישובים — אַף ערגעץ הינטערוועגנס; און, אין נאָמען, לאָז זיין, פון די הומאַניטאַרסטע אידעאַלן, באַקומען זיי דעם באַפעל צו מאָרדן, — אַזוי וועט דער געדאַנק אין יעדן איינעם ערנהאַפטן און נאָבעלן מיטגליד פון עם ישוב, צי פונעם חייל, בהדרגהדיק נעמען פאַרלירן זיין חוש פאַר קאָליר, גוסט, התחייבות, (מאָראַל;) צוריקקערן צו זיין פאַרצייטיש פרימיטיוון שטאַנד פון אַבסטראַקטער אומאָפּהענגיקייט; באַניים פאַרבלייבן אַזוי אומפילבאַר צו זין, ווי צו אומזין; און ווערן פאַרוואַנדלט בלויז אין — אַ רעאַגירונג אין זיך...

נ אָ ר אַ ז ו י ווערט באַגרייפלעך די פאַרצווייפלטע טאַט פון אומגעצוימטן איך־גאָט: צו נידערן, זיך איינצושרימפּן און לאָזן אַפּערקומען — וועלטן, לעבן: כדי צו האָבן, אַף וואָס אָנצואָווענדן זיין אָרעמען אַבסטראַקטן אומאָפּהענגיקן געדאַנק, אין פריַיען פלאַטער, אָן קאָליר, אָן גוסט, אָן התחייבות, אָן מאָראַל, און וועלכער איז אַזוי אומפילבאַר צו זין, ווי צו אומזין...; כדי, דורכן מענטש־אויפקום, אים אַרויסצוראַטעווען, דעם געטלעכן געדאַנק, פון זיין טויט־פּערפעקטער רעאַגירונג אין זיך בלויז; און, אין באַהעפטונג מיט מענטש און מיט לעבן, — אים דערהייבן, אים אויסאיידלען, אים לאָזן אויפלעבן; אָ, אים, דעם געטלעכן אידייע־געדאַנק, הומאַניזירן... און ווי עס ווערט געשריבן: ירידה זו צורך עליה היא...

ט) זקני תורה, כל מה שמזקינים, דעתם מתיישבת עליהם; זקני עמי־

הארצות, כל מה שמזקינים, דעתם מטורפת עליהם. וואס מער דער מענטש ווערט רייפער, ראציאנעלער, — אלץ ווייטער אנטרינט ער פון דער גאס, פון דירעקטן קאנטאקט מיט דעם דרויסנדיקן המון; אלץ שווע־רער ווערט צוצוקומען — צו אים אליין; ווייל ער, (ווי א בוים־שטאם, מיט רינגען,) טוט זיך אלצמער פארבויען און ארומבויען, ווי אין א פעסטונג אלציינס. (עליי, א תפיסה.)

בלויז אמאל, פארצייטנס, ווען ער איז געווען יונג, המוניש־אימפול־סיוו, — האט ער שנעל־בלינד־גאסיש רעאגירט אף אימפולסיווע גע־שעענישן מחוץ פון אים, ארום אים; אף זאכן, וואס פאסירן מיטן המון אף דער גאס און וועלכע שלאגן־צו דירעקט צו אים... א, דאן — ווי מע האט נאר אנגעקלאפט אין זיין טיר, ווי נאר די געשעענישן האבן אנגע־שלאגן אין זיין שוועל, — אזוי האט ער זיך גליך געעפנט, און ער איז ש ו י ן געווען אין דרויסן, באגלייך און באנאנד פארמישט מיט אלע...

דאקעגן, היינט, אין די יארן פון זיין רייפקייט, ווען מע וויל צוקו־מען צו אים, און געשעענישן קלאפן אן אין זיין דרויסנדיקער טיר, — וועט איר באלד איינזעען, וויאזוי ער וועט רעאגירן... היינט, וועט זיין טיר, וואס בא דער גאס, זיך־עפענען אף אינעווייניק, צוערשט, אין א פאדער־הויז; נאכהער, אין א גאנצער רייע צימערן און פאדער־זאלן; וואו עס וועלן אומעטום אויפנעמען די גאס־אורחים — דינער אלערליי, פועלים, (אנגעשטעלטע אימפולסן, אינסטינקטן, געפילן — באם אינ־טעלעקט...); און זיי זענען באפולמעכטיקט און, אגב, שוין אזוי גוט דרעסירט, עס הייסט, ארטיק־לייטיש־מענטשלעך דערצויגן, — אז זיי זענען אומשטאנד צו דערליידיקן א גאנצע רייע דרינגענדע אנגעלעגנ־הייטן מיט די פארשטייער פון דער גאס — אן דעם, אז זיי, די לעצטע, זאלן גאר אינגאנצן קאנען אנזעען — דירעקט — אים, דעם אינטע־לעקט, דעם מענטש; וועלכער זיצט לפני־ולפנים; פארשפארט אין זיך, ווי אין א תפיסה אלציינס, וואוהין עס איז נישט צוצוקומען באין־אופן פאר קיינעם; און (א אויסגעטוענער, אין פלוג, פון אלץ און פון אלעמען, נאר, אין דערווירקלעכקייט, אזוי טיף־אינטים־פארקנופט, פארבונדן און פארטון אין אלץ און אין אלעמען, ווי קיינער מער, א חוץ אים.) יא, זיצט ער און ער טראכט...

ח) אלץ איז — טאט; אזוי — די טואונג, אזוי — דאס דענקען. וואס פערפעקטער עס איז די טאט, אלץ שטילער איז זי. אזוי איז די טאט פון דער הימלשער מעכאניק — פערפעקטער און, במילא, שטי־לער פון דער טואונג פון דער מענטשלעכער מעכאניס. אזוי איז אויך פערפעקטער און שטילער די טואונג — אינערהאלב דעם מענטשלעכן

אָרגאַניזם. אָבער, די שטילסטע טאַט אין אים איז — די טואונג פון זיין מוח.

עס איז, דאַרום, שווער זיך פאָרצושטעלן: אַז עכטע איידעלע מוח־טעטיקייט זאָל קענען האָבן אין זיך אַ נטיה — אַרויסצוברענגען אַ גרעבערע ווייניקער־פערפעקטערע טואונג, אין דעם לעבן... גיכער, זאָל די מוח־טעטיקייט שטרעבן — צו אַלץ־העכערער איידעלערער פערפעקציע פון טאַט, צו נאָך־שטילערער טואונג־אין־זיך; וואָס דאָס מיינט, אפשר: נעמען באַאָבאַכטן די אייגענע מחשבה־טואונג; נעמען באַאָבאַכטן זיך אליין, אין טואונג, אין עיגול־טאַנץ, אין עקסהיביציע געשלאָסענער, וואָס פירט שוין נישט מער אין ערגעץ — אויסערהאַלב דעם אייגענעם איך־עיגול; נישט צו ירידה, (געטלעכטער וועלט־באַשאַף פון אומפערפעקטער ערדישער טאַט;) נישט אפילו צו עליה — אויסערהאַלב דעם אייגענעם עיגול; נייערט, אַלץ ווערט געטון, מהיום והלאה — אינערהאַלב דעם אייגענעם עיגול־איך: אַ מין מחשבה לשם מחשבה, קונסט לשם קונסט; דער פאַטאַלער הערמעטיש־געשלאָסענער טאַנץ אַרום זיך גופא; דאָס טון־טראַכטן — אַלץ טיפער, אַלץ שטילער; און דאָס באַאָבאַכטן, אַלץ טיפער, אַלץ שטילער — אָט דאָס דאָזיקע פיל־טראַכטן; אָט דאָס דאָזיקע אָנהויפּענען אָן אַ שיעור — דעם שפּיל פון פּראָבלעמען איבער פּראָבלעמען; וועלכע פעכטן אַזוי גראַציעז צווישן אַנאַנדער, אום אַרויסצוברענגען פון צווישן זיך — אַלץ־פרישערע פּראָבלעמען; און אַזוי, אָן אַ ענד; און פאַרבלייבן, צו גלייכער צייט, אייביק זאַרגלאָז — וועגן וועלכער עס איז לייזונג: וואָס איז אויסגעשלאָסן; ווייל נאָר די פּראָבלעמאַטישקייט איז די אייביקע געטלעכע ערבות — פאַר דעם אייביקן טאַט־שפּיל אין דעם זיין און ווערן...

ט) אין יעדן איינעמס געמיט יוירן די פלאַמען — סיי פון כפירה, סיי פון אמונה. ווען דער גלויביקער רעדט צום כופר, איז ער נישט פאַרוקט. ווייסט ער, אַז דער כופר וועט אַזוי לאַנג ברענען אין כפירה, ביז ער וועט זיך אויסברענען; וועט דאַן, ענדלעך, לייכט זיין צו צעצינדן אין אים די אמונה.

נאָר געשעען געשעט גאָר דערביי — עטוואָס אויסטערלישעס. דער גלויביקער ברענט אַזוי לאַנג אין זיין אמונה, ביז ער ברענט זיך אויס; און בעת אינעם מידן כופר נעמט אויפטויכן דער פלאַם פון אמונה, — נעמט גאָר אין דעם דערשעפּטן מאמין אויפקומען און זיך־דורכשלאָגן דאָס פייער פון ניהיליזם...

י) די אוניווערסאַלע מעכאַניק, די דינאַמיק, האָט איר אויסגאַנג־פונקט, (איר טרייב־קראַפט, איר רייץ) אין דער גראַוויטאַציע, אין דער סטאַטיק. קוים וועט אַ געוויסער אָביעקט אין טעטיקייט, אין באַוועגונג,

אַרויס פון זיין פּרימיטיוועד שטענדיקער גראַוויטאַציע־ספער, און צו קיין נייער, וועדליק ווי פּאַר זיין טבע־וועגן, וועט ער נישט האָבן דערגאַנגען, — אַזוי וועט ער מוזן, אום זעלבסט־דערהאַלטונג, נעמען פאַרקערן אַרום זיך גופא, כדי אויסצוטיילן פּראָדוצירן דאַן אַרום זיך אַן אייגענע גראַוויטאַציע־ספער, אַף וועלכער ער זאָל זיך קענען סומך־זיין, אום צו באַווייזן פאַרזעצן ווייטער זיין דינאַמישן גאַנג, די באַוועגונג.

און ווי עס איז אין חומר, אַזוי איז אין רוח. דער אינטעלעקט אין זיין טעטיקייט האָט, אַלס אויסגאַנג־פּונקט, (זיין טרייב־קראַפט, זיין רייץ,) די גראַוויטאַציע פון דער סטאַטישער אימפּולס־וועלט, דאָס שטייגער־לעבן פון דער מאַסע. קוים געלינגט אָבער דעם גייסט, אין זיין אייביק־אומרואיקן שוואונג, זיך צו באַפרייען פון די דערמאָנטע גראַוויטאַציע־צענטערן, זיך פון זיי צו איזאָלירן און בלייבן — אַליין, אומאָפּהענגיק, — אַזוי נעמט אים פאַטאַל דראָען די געפאַר פון פולשטענדיקן אומקום... איז, אום זיך צו ראַטעווען, — מוז ער פּראָדוצירן אין זיך גופא — די קעגנערשאַפט, דעם צד־שכנגד, דעם פאַרקערטן פּאָן, אַף וועלכן ער זאָל קענען אויפקומען, אין נאָכאַנאַנדיקן קאַמף, אין אומאויפהערלעכן זיגן. דאַן, נעמט ער פאַרקערן אַרום זיך גופא, אין זיין אייגענעם עיגול, אום אויסצוטיילן פון זיך — זיין אייגענע גראַוויטאַציע; קעגן וועלכער ער וועט ערשט נעמען קעמפן, אַף איר זיך אויסטיילן, באַניים אויפלעבן — אין טעטיקייט, אין שוואונג, אין עקזיסטענץ; דאָס הייסט, אין דעם סאַמע־עצם קיום זיינעם, פון דעם דינאַמישן אינטעלעקט.

די תפיסה פון חכמה און אומזין

א) אַזוי גוט, ווי עס וועט אייביק שלאָגן אין מענטשנס געמיט — דער הומאָר, די סאַטירע, די איראָניע, — אַקוראַט אַזוי, וועט אייביק בליען און שלאָגן אין אונזער געמיט — דער אָביעקט, די סיבה, דער קוואַל, וואָס טוט באַלעבן, באַוואַסערן — אַט די דאָזיקע שענצטע בליונג (הומאָר, סאַטירע, איראָניע א. א. וו.) פון מענטשנס גייסט; און דאָס מיינט — די אייביקע מענטשלעכע טיפּשות פון לעבן; ווייל, נאָר אַזוי, וועט אָנהאַלטן אייביק אין אונזער געמיט — דער גלייכגעוויכט; די פּערפעקציע...

ב) כדי צו פאַרשטיין דאָס לשון און מיין פון א בהמה, — מוז מען זיין: אָדער א חכם; אָדער, טאַקע א בהמה גופא.

מערקווירדיק. עס איז דאָך קלאָר, אז אַלץ, וואָס א בהמה פילט,

אָדער „טראַכט״, איז — בהמיש, איז טיפּשות; און עס בלײַבט אַזוי — טיפּשות, בעת אײן בהמה באַנעמט די צװײטע. דאָך, װען עס קומט צום מענטש, — איז, אויב ער געפינט זיך נישט אָף אַ סאַמע־גאָר־נידעריקער, שיר־נישט־בהמישער שטופע, — מוז ער זײַן גאָר אַ גרױסער חכם — כדי צו קענען באַנעמען די טיפּשות פון דער בהמה.

ג) עטװאָס, װעגן װאַנזין און קלאָרקײט. אַלץ איז רעלאַטיװ. און אין יעדן לעבעדיקן װעזן שלאָגן די קװאַלן — אַזוי פון װאַנזין, װי פון לױטערקײט, אין געראַנגל, און אין דראַנג צו אויסלעבונג; יעדער אײנער — אַפּן פאַן פונעם אַנדערן.

עס איז קלאָר: אַז אין אַ װעלט פון לױטער קלאָרע — פאַרגײט די קלאָרקײט; פּונקט װי אין אַ װעלט פון דורכױס װאַנזיניקע — פאַרשװינדט דער װאַנזין.

די עקסטרעמען פון קלאָרקײט און פון װאַנזין קאָנען זיך אָנזעען, אויפלעבן, קומען צום אויסדרוק, עקזיסטירן — נאָר אין אָנבליק פון דעם צד שכנגד. לאָזט יעדן פון זײ — פאַר זיך אַלײן, — און זײ גײען אויס, זײ הערן א ו י ף צו זײַן. װײַל קלאָרקײט מוז זיך דערנערן, ציען די יניקה דעם שורש — פון װאַנזין; אויס װאַנען קלאָרקײט שפּראָצט אַרױס, (אַקוראַט װי דער טאָג, אויס דעם באָדן פון דער טיפסטער נאַכט, און פאַרקערט,) װי אַ רױז פון דערנער, כדי עס צו באַקעמפן. (און װי מע טוט אין דער מעדיצין באַקעמפן אַ קראַנקײט — מיט אַ סערום, געמאַכט פונעם זאַפט פון דער זעלבער קרענק.) און פּונקט אַזוי, מוז װאַנזין זיך דערנערן, ציען די יניקה דעם שורש — פון קלאָרקײט; אויס װאַנען װאַנזין שפּראָצט אַרױס א. א. װ.

דערפאַר, איז קלאָר (א ו ן נ אָ ר מ אַ ל) אַ װעלט פון (נאָרמאַלער) קלאָרקײט און פון (נאָרמאַלן) װאַנזין — אין דערגאַנצונגס־געראַנגל.

דאַקעגן, װי געזאָגט — אין אַ װעלט פון לױטער קלאָרקײט, צי אין אַ װעלט פון לױטער װאַנזין, — װאָלטן (נאָרמאַלע) קלאָרקײט און (נאָרמאַלער) װאַנזין גלײַך פאַרשװאונדן; און עס װאָלט אויפגעקומען די נ אָ ר מ אַ ל ס ט ע אַ נ אָ ר מ אַ ל ק ײ ט אַלײן...

װײַל אַלץ, װי געזאָגט, איז רעלאַטיװ: אַזוי — די קלאָרקײט; אַזוי — דער װאַנזין. און עס גײט, דאַרום, דער עיקר — אין דער נאָרמאַלקײט, אין דעם אײנשטעל; דאָס הײסט, אין דער מינים־צעגרעניצונג, אין דער תפיסה פון דער ביאָלאָגיע.

אַ שטײגער: װען אַ הונט בילט, אַ פערד הירזשעט, אַן אײזל רעװעט, אַ מענטש רעדט (און צו דער זאַך,) אַ פונזינענגערירטער פלוידערט משוגעתן, אַ פרוי ליגנערט, — איז איטלעכער — נ אָ ר מ אַ ל;

באַ (זיין) געדאַנק, לויטערקייט און קלאָרקייט; אַף זיין פּלאַץ, אין זיין צעלע, קאַמער; ווי געזאָגט, אין דער תּפיסה פון דער ביאָלאָגיע.

דאַקעגן: זאָל דער מענטש נעמען הירזשען צי בילן, דאָס אייזל רעדן מענטשלעך (ווי אין פּאַל בלעם), דער משוגענער פאַרברענגען קלאָרע דבורים, צי די פרוי מאַראַלעווען, — און עס טרעט גלייך איין — די אַבסורדאַלסטע געפערלעכסטע אַנאָרמאַלקייט אַליין... (און ווי עס האָט געלערנט עדגאַר אַלאַן פּאָ: אַז ווען אַ וואַנזיניקער נעמט רעדן לויטער און קלאָר, — דאַן איז די העכסטע צייט — דרינגענד אַרויפצוּוואַרפן אַף אים די צוואַנגס־העמד, בעפאָר ער באַגייט נישט די געפערלעכסטע פאַטאַלקייטן...)

נאָכאַמאָל: איבער דער קלאָרקייט און דעם וואַנזין, וועלכע זענען ביידע רעלאַטיוו, — שטייט און עס וואַכט — די נאָרמאַליטעט. ווייל אין יעדן לעבעדיקן וועזן שלאָגן אויך נאָרמאַל די קוואַלן — אַזוי פון וואַנזין, ווי פון קלאָרקייט, אין ליבע־האַס־געראַנגל, און אין דראַנג צו אַנטפּלעקונג, אויסדרוק, אויסלעבונג; יעדער איינער — אַפּן פּאָן און אין דעם סאַמע תּוך פונעם קענער. יעדער איינער צאַפּלט (נאָרמאַל) צו דעם דורכרים אַף דער פריי — אין דער תּפיסה פאַרשפּאַרט זיך־געפינענדיק — אין דעם סאַמע האַרץ פונעם צווייטן. און דער סוד פון דער נאָרמאַליטעט באַשטייט אין דער נאָכאַנאַנדיקער גלייכגעוויכטקער (און במילא, אין מעסיקע דאָזן,) אויסלעבונג און עקספּלאָדירונג פון ביידע עקסטרעמען, אָן אויפהער, און אין כסדרדיקן אומטויש און נאָרמאַלן אַריבערגאַנג: פון דערשעפּטער קלאָרקייט — צום אויפגאַנג פון וואַנזין; און פון דערשעפּטן וואַנזין — צום עיגולדיקן ווידערויפקום פון קלאָרקייט, און וחוזר חלילה... און עס גייט צו דאָס אַלץ, ווי דער פּראָצעס פון צופלוס און אָפּפלוס, אין דעם צעשטורעמטן ים פון אונזער געמיט. נאָך יעדן אָנפּלייץ, (פון איינעם, צי פון דעם אַנדערן,) קומט נאָכהער אַן אָפּפלייץ, אַ שלאַבעדיקייט, אַן אָפּגעדעקטקייט, אַ נאָכלאָז, אַ צודיקטריט פון שטענדיקן אייגענעם תּחום, און לאָזן פריי אַריינשלאָגן צו זיך אין די גבולין — דעם פרעמדן; ביז אַ צייט...

דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, איז לויטער און נאָרמאַל.

דאַקעגן, ווען איינער (אַ יחיד, צי אַ דור אַ גאַנצער) צעשטערט אין זיין געמיט דעם נאָרמאַלן גלייכגעוויכט; ער דערדריקט אין זיך אינגאַנצן — דעם וואַנזין, און ער דערלאָזט זיך־אויסלעבן — בלויז דער קלאָרקייט אַליין, (צי פאַרקערט), — דערפירט ער זיך, ענדלעך און אומפאַרמיידלעך, צו אַזאַ זינלאָזער, ווייל אַ נאָרמאַלער אומדערטרעגלע־

בער אַנגעשפּאַנטער פּערשפּעקטיוו, וואָס ברענגט אים צו דער שרעק־לעכסטער עקספּלאָזיע און אויפלייז־פאַרלענד פאַראַמאָל.

ד) פונקט ווי „האָבן היץ" מיינט — א י ב ע ר דער נאָרמאַלער: ווייל נאָרמאַלע טעמפּעראַטור האָט דאָך יעדער לעבעדיקער געזונטער מענטש, — אקוראַט אַזוי, איז, אין קעגנזאַץ צו פולשטענדיקן אומזין, פאַראַן — נאָרמאַלער אומזין: אָט דער אַלגעמיינער ים פון מענטשלעכער טיפּשות, פון הבל הבלים, וואָס איז די טרייב־קראַפט פונעם לעבן, לולא השוטים, היה העולם חרב; וואָס עסקט זיך אפילו, א לעבן לאַנג, מיט די סאַמע־עלעמענטאַרסטע עלעמענטן פון זין; און דאָס אַלץ, דערפאַר, (גורלדיק־אינטים־גענומען,) כדי צו פאַרשאַפן א מעגלעכקייט פאַר דער העכסטער חכמה־אין־זיך — צו קענען געדייען...

ה) איבערלייענענדיק ערגאַר אַלאַן פאָ'ס נאָוועלע „דאָס סיסטעם פון דר. אַלקיטראַן", וועגן דעם, וויאַזוי די פּאַציענטן פון א משוגעים־הויז האָבן פאַרכאַפּט די סאַנאַטאָריע; פאַרשפּאַרט די באַהערדן אין די קאַרצערס, אַלס געריירטע פון זינען; אַליין, איבערגענומען זייערע אמטן, און יאַקאָש געפירט, א שטיק צייט, דאָס הויז — נישט ערגער פון די אויטענטישע באַהערדן; אַזוי, אַז עס איז ממש נישט געווען צו דערקענען אוועלכע עס איז פאָרגעקומענע ענדערונג..., — בלייבט מען שטיין אַליין צעמישט, אף דער אומזעבאַרער גרעניץ צווישן זין און אומזין, און מע ווייסט נישט: וואוהין ריכטונג צו נעמען, כדי זיך אַרויסצוראַטעווען...

ו) איר הערט? די זיכערסטע שוץ פאַרן זין איז — אין אומזין; די זיכערסטע באַהעלטעניש פאַרן אוצר איז — אין מיסט; פאַר דער עניוות — אין גאווה...

איר קוקט אייך צו: ווי א גאַנץ חייל יאָגט זיך נאָך א אַנטלאָפענעם; בא זיי אַלע זענען די בליקן אָנגעשטעלט אין פאָרויס; און הינטער זיי, און מיט זיי באַנאַנד אין געלאַף, איילט מיט — יענער אַנטלאָפענער גופא; וועלכער היט זיך — נישט־אָפּצושטיין, אף א רגע: כדי נישט צו ציען אויפמערקזאַמקייט; כדי קיינם פון זיי, חלילה, זאָל זיך נישט אומקוקן אף צוריק... אַזוי, אָבער, כל־זמן ער איז — איינער פון אַלע, ערוואַרפט זיך נישט אין די אויגן מיט זיין אויסטערלישן אַנדערש־זיין, — איז ער געשיצט, אַז בעסער קען גאָר נישט זיין...

ז) עס איז שווער, אמת, צו דערלערנען די קונסט — פון ר ע ד ן, אף פיל לשונות. אָבער, אַסאַך שווערער איז די קונסט פון דערלערנען — צו ש וו יי ג ן , אף פיל לשונות.

די תפיסה פון דער דערקענטעניש

א) דער, וואָס לעבט עפּעס איבער — ליידן, פריידן — דירעקט, — קאָן די איבערלעבונג נישט באַנעמען, ארומנעמען, זי אומפאַסן אין איר גאַנצן פאַרנעם, שוין פּשוט דערפאַר — ווייל ער שטייט צו־נאָענט צו איר. אַקוראַט, ווי מע קען נישט באַנעמען מיטן בליק — די ערד, אַף וועלכער מיר גייען אום. במילא, געפינען מיר זיך פון איר — פון דער ערד, פון דער איבערלעבונג — מאָוימדיק־ווייט...

בלויז אין דער מוראדיקער ווייטקייט, אין דער דיסטאַנץ פון רוים און פון צייט, — זענען מיר מסוגל אומצופאַסן, באַנעמען, ארומנעמען, מער־ווייניקער, אָביעקטיוו־לויטער — די גרעסטע אוניווערז־סיסטעמען; אונזערע, צי פרעמדע, איבערלעבונגען — די ליידן, צי די פריידן — פון אַמאָל, פון געוועזן־וועזן, פון פאַרצייטנס...

עס וויל זאָגן: אַז אום ז י ך צו דערזעען — וואָס־נעענטער, — מוז מען אוועק פון זיך — וואָס ווייטער.

אַזוי, זוכט גאָט ז י ך א ל י י ן — אין דעם מענטש־טייוול, זיין נעגירער. און דער מענטש־טייוול זוכט ז י ך ־ א ל י י ן — אין גאָט, זיין קעגנער.

ב) מענטשן קענען דערקענט ווערן — נאָר דאַן, ווען זיי שווייגן. בעת זיי רעדן, — פאַרשטעלט זיי דאָס וואולגאַרע אַלגעמיינע פּראָקלאַ־מאַציע־וואָרט פון די אַלערליי אוניפאָרמירטע פּאַראַלגעמיינערנדע סטאַ־דעס, מיט זייערע, אַזוי צי אַנדעריש, אַלץ־איינע און די זעלבע סטאַדע־קולטורן...

ערשט, ווען דער מענטש, די פרוי ווערט שטיל, — נעמט אויפגיין פאַר אונזער געמיט זיין אינטים מיסטעריעז לשון, וואָס צייגט יעדן איי־נעמס אייגנטימלעכע מיסטעריע, זיין אוביקאַציע אונטער דער זון, אינעם אוניווערז, זיין איינציקייט; זיין בלענדן און צינדן שליאַכן, אָ, צו זיין איי־גענעם, אייגענעם ווערן־נישט־ווערן... אָ, דאַן ווען דער מענטש שווייגט, — נעמען ערשט רעדן אַלע זיינע מיסטעריעזע גלידער, כל עצמותיו תאמרנה, אַלע זיינע אברים, זיין שמייכל, זיין בליקן, זיין אומבאַוואוסט־זיניקע באַוועגונג אין דרעמל, זיין נאַקן, זיינע פּלייצעס, זיין פאַרווירונג, זיין אומפאַרשטענדלעך־זיין פאַר זיך אַליין; זיין גיין, אַליין נישט וויסנ־דיק וואוהין, זיינע בלינדע טונקעלע שפּירונגען; זיין פאַרנעמען (אין דער שטילקייט פון זיין שווייגן,) געהיימע אונטערערדישע רוישן, קלעפּ, רופן און וואָרענונגען; ברומען, יאָמערן, און פאַרצווייפל־יללה — אין זיינע אייגענע אור־טיפע אונטערגרונטן... אָ, אָט דאָס אַלץ רעדט אַזוי שווידער־לעך־קלאָר פאַר אונזער ערנסט געמיט. (אָט ווי די פאַטאַלע טויטלעכע

קרענק, וואָס שטעקט אַזוי טיף־גיפט־מישנד אין אונזער בלוט, אין אונ־זער מהות, ווי דער אומצעשיידבאַרער טרייסטער איינציקער פריינט אונזערער): ווער מענטש־מיסטעריע איז...

ג) מענטשן גייען אַפּט אוועק פון זיך, זיי נעגירן ז י ך , אַ אידייע, — נישט, כדי ז י ך צ ו נ ע ג י ר ן , די אידייע; נייערט, פאַרקערט: כדי ז י ך , די אידייע דערוועקן צו ווידערשטאַנד. צו אויפלעבונג; אַנרעגן ז י ך , די אידייע צו בונט, רעוואָלט, תחית־המתים.

פונקט ווי מע שלאָגט אַמאָל עמיצן — נישט, כדי יענעם צו דער־שלאָגן, — נייערט כדי צו דערוועקן אין יענעם דעם (איינגעשלאָפענעם, מחמת באַקוועמלעכקייט,) דראַנג צו אויפקום, צו באַנייונג, — אַקוראַט אַזוי, מחמת דער זעלבער סיבה, שלאָגט מען אָפּט — ז י ך ־ ג ו פ אָ , אַ אידייע. כי את אשר יאהוב השם יוכיח... ווייל אין יעדן דראַנג נאָך צע־שטערונג שלאָגט, טיף, אייגנטימלעך — דער עכטער דראַנג צו באַנייטער בוויונג... ((וועלכער (דער דראַנג) קאָן נישט נאָכגעקומען ווערן — אָן בע־פאַריקער צעשטערונג. (אָון פאַרקערט.))

אַזוי, אַנטלויפט אַמאָל די מענטשהייט — פון גאָט, פון טייוול, — כדי גאָט, און טייוול בעסער צו דערזעען.

אַזוי אַנטלויפט אָפּט דער מענטש — פון זין, צי פון אומזין, (לויט אַ כראָנאָלאָגישן סדר כמעט) — כדי זיי בעסער צו דערזעען.

מיט איין וואָרט: אַזוי אַנטלויפן אָפּט — גאָט, מענטש, און טייוול — פון זיך גופאַ, — כדי — זיך־אַליין בעסער צו דערזעען.

ווייל, אין ערגעץ נישט, ווי אין יעדן עקסטרעם, וואוהין איינער לויפט, (ווייסט מען,) שלאָגט אַלמעכטיק — דער שטורמישסטער דראַנג, די שטרעבונג און די בענקשאַפט — צום עקסטרעם דעם סאַמע קעגנגע־זעצטן.

אַזוי בענקען קעגנזייטיק, איינס צו דאָס אַנדערע, ביז אויסגאַנג: פרייד — צו טרויער; און פאַרקערט; א. אַ. וו., א. אַ. וו.

ווייל, יעדער איינער, מיינע פריינט, איז — מיד פון זיך גופאַ; פון דער איינגענער נודנער איך־תפיסה; פון דער אייגענער שווידערהאַפט־דריי־קנדער טויטער איך־גראַוויטאַציע; און ער לויפט, דאַרום, צום צווייטן עקסטרעם פון זיך־גופאַ — כדי פון זיך־גופאַ זיך צו באַפרייען... אָבער, קומענדיק צום צווייטן עקסטרעם, — שטויסט מען זיך דאָרטן אָן — פונקט אַף אַ פאַרקערטן, קעגנגעזעצטן דראַנג... (ווייל אויך דאָרט איז — די תפיסה, די אייביקע...) און מע ווערט דאַן ארויסגעשמיסן און צוריק־געשליידערט — צוזאַמען מיט יענעם עקסטרעם, וואוהין מע האָט גע־אײלט צו זוכן שוץ פאַר זיך־גופאַ, — צוריק און ווידער — צו זיך אַליין;

צו דער אייגענער אייביקער תפיסה פון אומויסגאַנגלעכן־הערמעטיש־אַף־אַלע־אייביקייטן־געשלאָסענעם זין־אומזיניקן אומויפהערלעך־ווערנדיקן זיין און אומזיין...

ד) עס איז נאָך נישט קלאָר: צי דאָס אָנקומען פון איינעם אַף אַן אומבאַקאַנט אָרט און דאָס דערזעען דאָרט נ יי ס — איז דאָס, ווירקלעך, אַ דערזעען נייס — פ ו ן ד אָ ר ט , דאָס הייסט, פ ו ן י ע נ ע ם אָ ר ו ם , — אָדער, אפשר גאָר איז דאָס אַ דערזעען אויפגיין, אויפוויקלען, אַנטפּלעקן, אויפדעקן נייס — אין זיך גופא; און טאַקע נישט מער, און קיינמאָל אין ערגעץ נישט מער, ווי אין זיך גופא; און יענע נייע פּלאַץ איז בלויז — דער גורם דערצו; דער קלימאַט, די ספער, וואָס סטימולירט, וואָס באַגינסטיקט (אָדער, ריכטיקער, וואָס פאַרעגיסטרירט, אַף אַ דרויסנדיקן אופן; זע דעם סוף;) — דעם אויפגאַנג, די צעבליונג פון אָט דער ראַשיקער ווירקלעך־נייער זאַפּטיקער וויזיע — אין דיר גופא; אַ, אוים דיך אַליין...

און דאָס אַלץ וועט אפשר קלאָרער באַנומען ווערן, ווען מירן פּרואוון ציען אויפמערקזאַמקייט דאַרויף: אַז די צוויי צענטערן פון מענטשנס געמיט — דער מאַרך און דאָס האַרץ — מוזן נישט האָבן דווקא קיין רוישטאָף פון דער אַרומיקער דרויסנדיקער וועלט, — אום צו נעמען ווערן טעטיק, און גיין פאַרעגיסטרירן די געשעענישן — איטלעכער, נאַטירלעך, לויט זיין אייגנשאַפט און נטיה: דער מאַרך — צו מאַטעריעלער וואָר; דאָס האַרץ — צו אומוואָרהאַפטער אילוזיע... אַ, ניין. זיי ביידע, דער מאַרך און דאָס האַרץ — אַלץ טרייע עקספּאָנענטן פון דעם אייביקן חומר־היולידיקן איינציקן זיין־און־ווערן־אין־עלעמענטן־געראַנגל צווישן אור־דינאַמיק־און־סטאַטיק, — זענען — די אייביקע טעטיקייט־אין־זיך־גופא. און די שייכות צווישן זיי מיט דער דרויסנדיקער וועלט און אירע „געשעענישן־פאָרקומענישן", וואָס זיי טוען אויפנעמען און פאַרעגיסטרירן, — קאָן פאָרמולירט ווערן, בדרך משל: אַז דאָס גייט צו אַף דעם זעלבן אופן, אַלציינס, ווי אַ שטייגער, בא אַ זייגער אין באַוועגונג, מיט ווייזערס, נאָר אָן דער דרויסנדיקער ציפערבלאַט; אָן דעם בליק, אָנגעשטעלט צו דער וועלט... די באַוועגונג פונעם זייגער, דאָס איז — זיין אייביקע טעטיקייט אין זיך; זיין אייביק איינציק געשעען־אין־זיך — אומאָפּהענגיק פון דעם גאַנצן דרויסנדיקן אַרום... און ווען מע נעמט די אַרומיקע פאַרשיידנסטע געשעענישן און מע טראָגט זיי אונטער, אַלס רווישטאָף, דעם זייגער, (אין דער פאָרם פון דעם ציפערבלאַט) דאָס הייסט, ווען מע נעמט דעם זייגער און מע שטעלט אים אין דירעקטער פאַרבינדונג מיטן געשעען פון אַרום, — אַזוי וועט איטלעכער צוגיבן: אַז ער איז דאָן — אין זיין טעטיקייט־אין־זיך, אין זיין איינציק־גיין־און־

געשעען־אין־זיך — געבליבן אומגעענדערט, ווי געווען, ווי ביז איצט, ווי תמיד... און דאָך, וועט ער, אַלע מאָל, באַצייכענען (אויף דעם ציפערבלאַט,) — אַ נייע שעה, אַ נײַ געשעעניש; אָדער, ריכטיקער: אַ נייעם דרויסנדיקן זיך־ווידערהאָלנדן וואַריאַנט — פון זיין איינציקן (דאָס הייסט, זיך־קיינ־מאָל־נישט־ווידערהאָלנדן,) אינערלעכן, טיף־אינטימען, טיף־אומאָפּהענגיק־פרייען, אייביקן גיין־זיין־געשעען־אין־אומויפהערלעכער־באַנייונג — אין זיך...

ה) יעדע רייזע, וואָס איינער (גייסט) נעמט אונטער צו אומבאַקאַנטע רעגיאָנען, — דאַרף מען וויסן, אַז דאָס איז נישט דערפאַר, כדי אויסצופאָרשן, דערקענען — יענע רעגיאָנען. ווייל עס איז קלאָר: אַז דער־פאָרשן, דערקענען אַ געוויס פּראָבלעם איז נאָר אומשטאַנד — אונזער באַוואוסטזיין; און אומשטאַנד איז ער עס נאָר דאַן, — ווען ער טרעט־צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם: נישט — סוביעקטיוו, נייערט — אָביעק־טיוו. איז, אום צו קענען באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם אָביעקטיוו, — מוז ער זיך געפינען אויף אַ גרייכלעכער דיסטאַנץ דערפון: כדי נישט צו ווערן פון דעם באַאיינפלוסט — דירעקט; דאָס הייסט — סוביעקטיוו.

נאָר אין מאַוימדיקער ווייטקייט זיך־געפינענדיק פון דעם פּראָבלעם, — ווערט ער ערשט ביכולת, דער גייסט, עס אומצו־פאַסן אינגאַנצן; דאָס הייסט, זיך צו דעם גרינטלעך דער־גענטערן, אָביעקטיוו. אָט, אַ שטייגער, ווי מע פאָרשט, מע דערקענט — אַ שטערן, אַ פּלאַנעט, די זון, דעם אוניווערז. (ווען וועל־בע, אגב, באַוואוסטזיין ווייסט מער און גרינטלעכער, איי־דער זיי אַליין, אָן באַוואוסטזיין, „וויסן" וועגן זיך־גופא...)

מיט איין וואָרט: אַלץ־ארומנעמענד, אַרומפאַסנד. ווייל נאָר די מאַוימדיקע ווייטקייט פירט, אויסשליסלעך, צו דערנענטערונג; דאָס הייסט, צו אָביעקטיווער לויטערער העלזעענדער דערקענטעניש. דאַקעגן, די דירעקטע נאָענטקייט (סיי די נאָענטקייט מיט זיך גופא, סיי די נאָענטקייט צו יענעם) פאַרבלענדעט (אי זיך־גופא, אי יענעם); פאַרשטעלט מיט זיך — אַלץ; מאַכט בלינד; דאָס הייסט, דערווייטערט דיך, אויף אַ מאַוימדיקן אופן — דערפון, צו וואָס דו טוסט זיך שטרעקן, מיט אַלע פיבערן פון דיין דורשטיקן דראַנג נאָך ווערן, אין זיין...

מע דאַרף, דערום, פאַרשטיין: אַז יעדע רייזע, וואָס איינער (גייסט) נעמט אונטער אין ערגעץ, — באַצוועקט אויסדריקלעך — דעם אוועק־גאַנג פון זיך גופא; פון דער איינגעוואוינשאַפט מיט זיך גופא; פון דער סוביעקטיוו־געוואָרענער, במילא — בלינדער, שפּירלאָז־געוואָרענער איינ־געוויגטקייט מיט זיך אַליין; פון דער איינגעעגנטקייט און פאַרוואָרצלט־

קייט אין זיך־זעלבסט: אין זיך, און אין אָט דעם גאַנצן אַרום — אַרום־זיך, וואָס איז געוואָרן, וואָס איז — אַן אומצעשיידבאַרע, אומאָפּטייל־באַרע, אויסשטראַלנדע און שטראַלן־אויפֿנעמענדע טייל פֿון זיך גופֿא...
יאָ, איז די רייזע פֿון גייסט באַצוועקט: דאָס אַוועק פֿון זיך, און פֿון דעם אַלעם — אַף ווי־ווייט־מעגלעך ווייטער; כּדי, ערגעץ אינדערפֿרעמד, (דאָרט, וואו אַלץ איז מיר אומבאַקאַנט, דערוויַיל, לאָזט מיך צורו, בלייבט פֿאַר מיר גלייכגילטיק, אומדיפֿערענט), — זאָל איך, (אין אַ פֿלעצלעך־איינגעשטעלטער מאָוימדיקער ווייטקייט פֿון זיך גופֿא; אַזוי ווי איינער, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן, אומגעריכט, אויס אַ שטיקנדער תּפֿיסה — אַף דער פֿריי), — פֿרואוון כאַפּן, מן־הצד, אַ, איין אָביעקטיוון נאַקעטן בליק־כאַטש, נאָר איין ווײַלע בלויז — אַף זיך גופֿא; אום מיך צו דערזעען — ווי איך בין, — בעפֿאָר עס נעמט שלאָגן אַף מיר, מיט דער גאַנצער שווידערלעך־דערדריקנדער לאַסט פֿון דער נאָענטקייט און מיך אַרייַנציען אין זיך סוביעקטיוו, ווידער, ווי אין אַ בלינדער תּפֿיסה־אַלציינס — אָט דער נייער פֿרישער אַרום: וואוהין איך האָב דאָס איצט אָנגעשלאָגן, מיט מיין אָרעמען זיין — דאָ זיך־צו־פֿאַרוואָרצלען; דאָס הייסט, פֿאַרגריזשגיען ווידער — אין די פֿרעכטיקע סוביעקטיווע זומפּן פֿון לעבן; וועלכעס זשערעט אויף, אומדערבאַרעמדיק, יעדן איי־נעם אַ נאַש־בראָט: וואָס גייט, ווי אָ. ווײַלד, און גיט אָפּ צו זיין אָביעק־טיוון גייסט — בלויז דעם טאַלאַנט; דאַקעגן, קומט ער און פֿאַרשאַ־כערט זיין גאַנצן געניוס — צו דעם מולך פֿון דעם סוביעקטיוון רייצנדן, נאָר גייסט־פֿאַרצערנדן לעבן אַליין...

ד) יעדע התגלות אין דער אייביקייט, אַף וועלכער אונזער געמיט פֿאַר־האַלט זיך צו־לאַנג, אָן צו שטרעבן צו אַ העכערן שטייגן, — ווערט פֿאַרן געמיט — אַ בלינדקייט.

מע דאַרף פֿאַרשטיין: אַז דאָס זעען, די אַנטפּלעקונג פֿאַרן בליק, איז דער פּועל־יוצא, דער פּשרה־זיג, לויט דער אינטערוועניץ און דעם פּסק פֿון אינטעלעקט — אין דעם אומויפֿהערלעכן געראַנגל פֿון אומציילי־קע בלענדנדע קאָליר־ניואַנסן, וועלכע קעמפֿן בלינד — איטלעכער, דורכויס, פֿאַר זיך אַליין; הגם עס איז קלאָר: אַז ווען אונזער בליק האָט צו טון תּמיד מיט איין קאָליר אַליין, — וואָלט ער געוואָרן בלינד פֿול־שטענדיק, און פֿאַרענדיקט דערמיט, וואָס ער וואָלט אָט דעם קאָליר אוי־בעט אויפֿגעהערט צו זעען; און אַז זעען דעם, צי אַ אַנדערן קאָ־ליר, זעט ער נאָר דערפֿאַר, ווייל יעדער קאָליר זעט זיך אָן אויסשליס־לעך — נאָר אַפּן פּאָן פֿון דעם קאָליר דעם קעגנגעזעצטן... עס איז, אַלזאָ, קלאָר דערפֿון: אַז איטלעכער קאָליר, אַן און פֿאַר זיך, איז בלינד; און עס בלייבט, דאַרום, אומפֿאַרשטענדלעך: הלמאַי זיין אַנזעעוודיקייט, אַפּן

פאַן פון אַ קאָליר אַ צווייטן, מוז ווערן באַצייכנט מיט דעם לאָגישן באַגריף — ז ע ע ן, — בעת, אין דער ווירקלעכקייט, איז עס בלויז — דאָס זעען אַ בלינדקייט...

אַזוי, אַז יעדע התגלות, אַנטפּלעקונג אין דער אייביקייט, איז בלויז — אַ רעוואָלוציע פון פאַרבלענדעטקייט; אַ שרעקלעכער ווייט־זעען פון גאָרנישט־זעען; אַ גוואַלד־שפּרונג אין אייגענעם געמיט — אַפן פּאַן און אינעם אַנבליק פון אַ קעגנגעזעצטן שטאָפּל... דאַרום, קוים פאַרבלייבט מען לענגער — דאָ, אַף אַט דער נייער שטופע אַ ל יי ן, — פאַרענדיקט מען דערמיט, וואָס מע ווערט בלינד — פאַר איבעראַל; און מע זעט שוין נישט מער גאָרנישט; נישט — דאָ, און אינערגעץ נישט...

עס דאַרף, דאַרום, נישט חידושן: הלמאי דער ג ר ו י ס ע ר ח ו ז ה זעט לחלוטין גאָרנישט דערפון, וואָס עס טוט זיך, דאָ באַלד אַרום אים; און עס געווינט אים דערין — דער סאַמע פּשוטסטער באַלוואַן פון דער גאַס. נאָר דאָס טראַגישסטע פון אַלעם איז: וואָס ער, דער גרויסער חוזה, מוז ווערן, צולעצט — דער סאַמע אייגפאַכסטער סגי־נהור...

די תפיסה פון דער ווירקלעכקייט

א) איך גלויב קיינמאָל נישט אין דערשיינונגען, וואָס איך זע געשעען אין ל ע ב ן, — ביז וואַנען איך נעם נישט און טו זיי פאַרנאָטירן א י ן ש ר י פ ט. און ווען עס שטעלט זיך דערנאָך אַרויס: אַז מיין שריפטלעכע פאַרנאָטירונג איז מחולק מיט דעם, וואָס איך אַליין האָב געזען א י ן ל ע ב ן, — גיב איך תמיד אָפּ גערעכט — דער שריפט: דעם וואָרט...

ערגעץ האָב איך געלייענט: אין אַ שטאָט, פרעגן די איינוואוינער בא אַ פאַרבייציענדער אַרמיי:

— וואָס איז געשען?

— לייענט אין דער פּרעסע... — איז דער ענטפער.

ב) זוך אומעטום — די אינטימע סיבה־אין־זיך פון די געשעענישן.

עס לערנט גיליעלמאָ פערעראָ: אַז פינף מינוט פאַרן טויט, איז יעדע דיקטאַטור — אומבאַזיגבאַר. איז, אויב זי פאַלט, — איז עס נישט — צוליב איר פיזישער (אויסערלעכער) שוואַכקייט; נאָר ווייל די דיקטאַטור האָט פאַרלאָרן איר טאַלאַנט. זי שפּילט נישט מער. זי פידלט נישט.

ג) עס איז דער אייביקער אינערלעכער אמת: אַז פון שטאַרקער פּרייִדיקער (אפילו היילעקער) עמאָציע — פּלאַצט דאָס האַרץ, און דער

מענטש שטאַרבט. דאָס אינערלעכע לעבן פירט אייגענע חשבונות — שטי־לע, אומבויגזאַמע, צ י נ י ש ע ... וואָס שטייען מחוץ פון גוטס און שלעכטס, קדושה צי טומאָה; וואָס נעגירן דאָס אַלץ...

ד) די טראַגעדיע פון חוני המעגל איז באַשטאַנען אין דעם: וואָס ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט; זיך איינגעשלאָסן אין זיין ענגן קרייז בלויז; זיך־איינגערעדט, אַז זיין קרייז איז, אייגנט־לעך, אַ וועלט אַ גאַנצע; און דאָרט האָט ער, אַ לעבן לאַנג, אָפּגעחלומט, אַז ער איז מרעיש עולמות; הגם ער איז, אין דער ווירקלעכקייט, גע־שלאָפן און זיך פון אָרט נישט גערירט; בעת זי, די ריכטיקע, די גאַנץ־איבעריקע גרויסע וועלט אַרום אים — האָט געוואַקסט און גערוישט און געשטורעמט און, אונטערדעסן, אַזוי ווייט אַוועק פון אים, דעם פּעפער, — ווי עס איז ווייט — דאָס לעבן פונעם טויט.

ה) דאָס שטעטל, (וואו אַלץ ראַשט און רוישט, ווי מיט דער אויסגע־קערטער טראַכט צו דער גאַס...) באַזיצט אַן אייגענע פּאַראַדנע־טעאַטראַלע וואָר; וועלכע ווערט איבערגעריסן, באַלד ווי מע פאָרט אַוועק פון דאָרט — אין דער ווייטער וועלט... דערפאַר, ווען מע באַגעגנט זיך, אין דער גרויסער וועלט — מיט אייגענע און ליבע פונעם שטעטל, ווע־מען מע האָט דאָרט אַמאָל פאַרשפּרעכנס געמאַכט, — דאַרף נישט וואונ־דערן: הלמאי דאָ דערקענט מען נישט מער יענע אייגענע; און אויב מע דערקענט זיי יאָ, — איז, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען — נאָך דאָרטן, איי־נעם שטעטל; און אינמיטן, צווישן דיר און זיי, ליגט אַ מאוימדיקער תהום — די גרויסע וועלט... דו שמייכלסט, אמת, צו זיי — פונדערווייטנס; נאָר, צוקומען צו זיי קאָנסטו נישט...

און אויך דער פאַרשפּרעכן, וואָס דו האָסט זיי געגיבן אַמאָל, — איז גילטיק — נאָר דאָרט, און נישט דאָ...

ו) דאָס האַרציקע פאָלק דאַרף נישט ג ל ו י ב ן אין קיין וואונ־דער. דאָס האַרץ ז ע ט די **וואָר** פון וואונדער — אַקוראַט אַזוי, ווי עס זעט עס די חיה, דער פויגל; אָן איבערראַשונג. ווייל אָט די וו אָ ר עקזיסטירט; און קיינער קען זי נישט נעגירן; אפילו נישט — דער אינטעלעקט.

ער, דער אינטעלעקט, ווייזט אַ אַ נ ד ע ר ע וו אָ ר , אין וועל־כער עס איז נישט פאַראַן קיין (און עס איז אויך נישטאָ די נויטווענדי־קייט פון) וואונדער... איז, אָט די צוויי קעגנגעזעצטע וואָרן (פון האַרץ און אינטעלעקט) עקזיסטירן, איינע נעבן דער אַנדערער; אין קעגנזייטי־קער באַקעמפונג, פאַרשטייט זיך; אָבער, זיי זענען יעדע איינע לגבי דער אַנדערער, ווי פּאַן און בילד אַלציינס... נעמט צו איין וואָר, — און עס

ברעכט זיך גלייך איין די צווייטע... און אַט דאָס אַ איז — דאָס אויטענ־טישסטע וואונדער אליין...

ז) די טעאַטער־קונסט; דאָס אויסשפּילן פאַרשיידענע ראָלן; דאָס אומויפהערלעכע ליגן־זאָגן פון יעדן איינעם; די אַלערליי אויסדאַכ־טונגען; דאָס געניסן אַ טעאַטער־בילד, אַ קינאָ־בילד; דאָס געניסן אַ בוך־געשיכטע; דאָס טרייבן רכילות וועגן זאַכן — נישט־געשטויגן־נישט־גע־פלויגן; די פאַנטאַסטישע וואָר־אויסוועבונג פון דעם געניטן קאָמישן, צי דראַמאַטישן שווינדלער; אונזער גלויבן און אונזער רייץ און בענקשאַפט צו די אַלע אומגלויבלעכקייטן און אומרעאַלקייטן, — אַט דאָס אַלץ באַ־ווייזט: אַז נישט נאָר מיר ווינטשן, אַז עס זאָל אַזוי זיין, — נאָר אַז ער־געץ, אין אונזער געמיט — **איז** אַזוי; שלאָגט אַזאַ וואָר...; און זי איז פאַר אונז — מער אמת און, אַ וודאי, מער אַנציענדער, — איידער ווי די שווערע קאָשמאַר־תּפיסהדיקע שטייגערישע שקר־וואָר, וואָס דריקט אַף אונזער געמיט מיט דער נודנער לאַנגווייל־לאַסט פון דעם טאָג־ליכט...

מיר זענען, דאָרום, האַרציק מוחל דעם שווינדלער אַלע זיינע שטי־פעריייען און זשאָנגלערייען — פאַרדערפאַר: וואָס ער האָט (מיט זיין קאָמיזם, צי דראַמאַטיזם,) כאָטש פאַרטריבן פון אונז די אומעט־וואָר; און אין אונז פּרייגעלאָזט — די איינציקע האַרציקע וואָר פון אומגעצוימטער, אַ, העכסט־זיניקער מענטש־שפּיל...

ח) אין יעדן גלאַטן פּנים דאַרף מען קענען דערזען — די שוידער־האַפטע פיין פון אויסגעהאַקטן אַפּברוך... אין דער מאַומדיקער שטילקייט דאַרף מען קענען דערהערן, ווי אין אַ ים־מושל — דעם ווייטן אַפּהילך פון אַ וויי־געשריי... ווייל, די שטילקייט הערט מען — מחמת דער עקזיסטענץ פון שטורעם; דעם שטורעם דערהערט מען — מחמת דעם קיום פון שטילקייט... אַזוי, אַז אין ערגעץ הערט מען ניט אַזויפיל שטיל־קייט, ווי אין שטורעם; און אין ערגעץ הערט מען ניט אַזויפיל שטורעם, ווי אין שטילקייט...

ווייל, עס איז נישטאָ קיין פּשטות — אָן קאָמפּליצירטקייט. פּשטות דערמאָנט, טיילט זיך אויס — אין קאָמפּליצירטקייט; ווי קאָמפּליצירט־קייט — אין פּשטות.

די תּפיסה פון דעם וויסן און אומוויסן

א) דאָס אָנערקענען אָ ר י ג י נ אַ ל י ט ע ט ווערט פאַר דער אָנערקענטער — אַ טויט־געפאַר. ווייל, געוויינלעך, איז יעדע אָנער־קענונג מצד דעם כּלל — נ י ש ט , אַ אָנערקענונג פון דעם אָריגינעל־

אינדיווידועלן; (דאָס קען נישט טון דער כּלל — אום נישט צו נעגירן ז י ך ־ א ל יי ן ;) נייערט — אַ גענעראַליזאַציע; דאָס אויסגעפינען אין דעם אָקערשט־אָנערקענטן — אַ היימיש פּינטעלע, וואָס קאָן דינען פאַר איר, דער מאַסע, ווי אַ אָנשפּאַר־פּונקט; און דאָס קען ווערן — דער סוף פון דער אָריגינאַליטעט... דאַרום, איז שוין גלייכער פאַר דער אָריגינאַליטעט — איר נ י ש ט ־ אָנערקענען; ווייל דאָס איז פאַר איר — די העכסטע אָנערקענונג...

ב) אויב עס איז אומגעוואונטשן זיך אויפצורעגן: ווייל דאַן ד ע ר ־ נ ע נ ט ע ר ט זיך דער מענטש צ ו פ י ל צו די קוואַלן פון אומזין אין זיין געמיט, און ער ווערט, דאַדורך — א ו י ס מ ע נ ט ש , — געשעעט אָבער עטוואָס — נישט־ווינציקער, אויב נ י ש ט ־ מ ע ־ ר ע ר — אומגעוואונטשנס: באַ דעם מענטש, וואָס גיט זיך איבער אינגאַנצן — דער אינטעלעקטועלער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. ער שפּאַנט שוין צופיל אריבער — אַף דעם א נ ד ע ר ן עק פונעם עקסטרעם; און ער האָט זיך געטון אַף אַזויפיל ד ע ר ו וי ט ע ר ן פון די קוואַלן פון אומזין אין זיין געמיט, — אַז ער פאַרלירט לחלוטין דעם מענטשלעכן זאַפט, דעם מענטשלעכן אויסזעען; און ער נעמט גיכער פאָרקומען, ווי אַ לעבלאָזער וויסנשאַפט־פּראָדוצירנדער אַפּאַראַט; וועלכער איז, במילא, אוים דעם עכט־מענטשלעכן שטאַנדפּונקט גענומען — דער אַבשייליכסטער אויסדרוק פ ו ן א ו מ ז י ן ...

ג) פּונקט ווי עס זענען פאַראַן א יי ב י ק ע א מ ת ן , — אַקוראַט אַזוי זענען פאַראַן — אייביקע ליגנס.

די אייביקע אמתן ווערן אַזוי לאַנג איינגעחזרט, — ביז זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין — אייביקע ליגנס. די אייביקע ליגנס ווערן אַזוי לאַנג איינגעחזרט, — ביז זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין אייביקע אמתן. און איצט, גיי דערגיי אַ טאָלק.

ד) די באַזע פון קולטור איז — די שלאַנג, אין אייביקן אָרדן פון זיין.

די אייביקע שלאַנג, אין אייביקער באַנייונג, אין איטלעכן פאַל פון גיין שאַפן נייס־רעוואָלוציאָנערס.

די שלאַנג, אַלס אינטעגראַלע טייל (עלעמענט) פון געטלעכן זיין און ווערן — איז אייביק. די שלאַנג, אַלס אָפּנויג פון דעם דרך הישר, כּדי צו עפענען פריי דעם פאַרפלאָנטערטן וועג — פאַר וועלט, לעבן,, אוואַנטורע און אינטריגע; וואָס דאָס מיינט — אוניווערסאַלע מענטשלעכע קולטור. די שלאַנג — דער גורם פון ערשטן חטא; על פּעקאַדאָ אָריכינאַל. די אוואַנטורע פון לעבן, געפאַנגען אין דער תפיסה פון שלעכטס...

ווען נישט די שלאַנג, אין אייביקן אָרדן פון זיין, — וואָלטן אָדם וחוה עד היום אומגעגאַן נאַקעט אין גן־עדן, ולא יתבוששו... עס וואָלט

נישט געווען — קיין וועלט, קיין לעבן, קיין אינטריגע; און אלעם וואלט געצאנקט־אויסגעגאנגען — פון געטלעכן פערפעקט־מאראלישן אומעט און גרוילהאפט־שווידערלעכן לאנגוויל.

נישט גאט איז די אוניווערסאלע קולטור, נאר די שלאנג. די אייביקע אומרואיקע שלאנג, וועלכע ווייסט מערער און ראיעלער פון גאט און וועגן זיין אוביקאציע אינעם זיין, — איידער ווי דער פערפעקטער פארגלי־ווערט־אומבאוועגלעכער גאט אליין ווייסט עפעס וועגן זיך גופא...

ה) וואס מער דו טוסט זיך דערנענטערן צו א פראבלעם, (עס איבער־לעבן), — אלצמער טוסטו זיך פון דעם דערווייטערן. וואס מער דו טוסט זיך דערווייטערן פון א איבערלעבונג, פון א פראבלעם, — אלצמער טוסטו זיך צו דעם דערנענטערן. און די שטראף, וואס דו טוסט אנווענדן צו איינעם — פאר האבן זיך־דערנענטערט צום זעלבן פראבלעם, עס הייסט, צו דער זעלבער איבערלעבעניש, — איז, וואס שארפער און שטרענגער זי איז, יענע שטראף, — אלץ קלארער און טראגישער זאגט זי עדות דארויף: ווי גרויס עס טוט זיך ווארפן אין דיר די שרעק — פאר דעם טון שפיר אין דיר, אזוי שוידערהאפט־נאענט, יענע איבערלעבונג, יענע פראבלעם, פון וועלכן דו האסט זיך געטון, אזויפיל מיילן ווייט, דערוויי־טערן; און אז באשטראפנדיק י ע נ ע ם , — טוסטו דאס, אין עצם, אצינד, (פאר דעם זעלבן שענדלעכן, נאר אומויסגאנגלעכן פאטאלן חטא), שלאגן, פייניקן, באשטראפן — זיך אליין...

ו) אז מע ווייזט דער מאסע אסאך קולטור, (די אזוי־גערופענע דע־מאקראטיזאציע פון דעם וויסן), — ווערט זי מיט דער קולטור — היימיש, צוגעוואוינט; הערט אויף בא איר די פארליבטקייט; אפילו די ליבע; און עס נעמט בא איר די אויבערהאנט, (אט ווי אין א הייראט,): דאס געפיל פון שטייגער, פון צוגעוואוינטקייט, פון שלאבעריקייט, פון נאכלאזיקייט; עס הייסט, פון אפאטיע — סיי צום וויסן, סיי צום ווי־דערשטאנד־דראנג אין זיך גופא. נעמט אין איר די אויבערהאנט — דאס געפיל פון אפגעשטארבנקייט, פון ווילנלאזיקייט, פון אומדיפע־רענטקייט, פון טויט; דאס געפיל פון איבערגעזעטיקטקייט, וואס מאכט צעשוואומען אלע רייצנדע פארמען פון דעם ליבע־אביעקט, פון דעם וויסן...; און ער — דער ערשט־נעכטן־געוועזענער ליבע־אביעקט — ווערט, אצינד, ווי אומגעריכט — שווידערלעך־פרעמד, און אזוי־מוראדיק־אנטיפאטיש, — אז ער נעמט אפילו ארויסרופן צו זיך שנאה, פארדרוס, האס; נאר, עס איז נישטא קיין כוח אפילו זיך צו שטעלן אנטקעגן; ווייל מע איז געליימט־געבונדן — צו א וויסן, וועלכעס, א, האט שוין לאנג פארלארן דעם רייץ, וואס עס רופט ארויס בא יעדן פארליבטן — די אייביק־יונגע מיסטעריע...

ז) דערפאַר ווייל איך האָב אויסגעפאָרשט גרינטלעך אַלע פּראָבלעמען,
— בין איך דערגאַנגען דערצו, אַז איך ווייס פון זיי גאָרנישט.
תכלית הידיעה, שנדע שלא נדע. ווייל, פאָרשנדיק די פּראָבלעמען, — האָב איך מיך באַהעפט צו זיי... (אָט דער ביבלישער וידע אָדם את חוה וכ"ו) ווי צו מיינע געליבטע; האָב איך געפאָרשט ז י ך — נישט ווינציקער, ווי זיי אַליין; האָב איך געברענט צו זיי, אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען איך בין געבליבן — גענצלעך אויסגעברענט... וויסן מיינט — פּאַטענץ. האָב איך זיי געפאָרשט אַזוי לאַנג, מיט מיין פּאַטענץ, — ביז וואַנען איך בין געבליבן לעבן זיי: ווי אַן אַלטער אימפּאָטענטער בעל-עברהניק — פאַר דער אייביק-יונגער, אָ, אומדערגרייכבאַרער געליבטער; ווען, אָ, איך באַגער, מיט אַלע געדענק-פּיבערן פון מיין צאַפּלדיקער זעל; נאָר צו ווען, אָ, איך האָב מער קיין כוח נישט...

עס הייסט: אַז אין יענע צייטן פון ווייניקער וויסן — האָב איך געוואוסט מער פון די פּראָבלעמען, — איידער אַצינד, ווען איך ווייס שוין פון זיי — אַלץ!

ערשט, ווערט מיין געליבטע — מיין פּאַיאַץ, וואָס לאַכט אויס מ י ך, איר באַזיגער...

ח) עס איז אמת, אַז די פּרימיטיווע נאַטור, די חיהשע, די לעבעדיקע, די פלאַנצנדיקע, מיט איין וואָרט, די ביאָלאָגישע, פאַרמאָגט אומבאַוואוסטזיניק אַ געוויסן סכום וויסן, (אַנען, שפּירן,) וועלכן דער מענטש וואָלט נאָר מסוגל געווען צו באַנעמען אינטואיטיוו-אַנשווילעך-אומבאַוואוסטזיניק — מיט זיין הארצן, דאָס הייסט, באַם צוריקקערן צום שורש פון נאַטור און, נאַטירלעך, באַ אַ פולשטענדיקן ניוועלירן זיין רעבעלישן אינטעלעקט, וואָס האָט אים אָפּגעריסן פון נאַטור און אין אַלדאָס איריקע מיסטעריעזע געמאַכט פאַרגעסן... יאָ, עס איז ריכטיק, אַז די פּרימיטיווע נאַטור, ווי דאָס הארציקע פאָלק, ווייסט עפּעס, (פילט עפּעס, אַנט, שפּירט,) וואָס דעם אינטעלעקט איז עס נאָך דערווייל אומבאַוואוסט... עס איז אָבער אויכעט ריכטיק, אַז דאָס וויסן, אין אָנבאַלאַנג מיט דער נאַטור, דאַרף געטיילט ווערן אַף צווייען: אַף אַ ס ו ב י ע ק ט י וו ן וויסן — פ ו ן דער נאַטור: די אַזויגערופענע אייביקע סטאַטישע אמתן, וועלכע זענען, אמת, באַקאַנט, אין אַנונג, אין שפּירונג, אין אינטואיטיוון פילן, צו דער פּרימיטיווער ביאָלאָגישער נאַטור, אַריינגערעכנט דאָס פאָלק — אָבער וועלכע ווערן דורכן דינאַמישן אינטעלעקט דורכויס נעגירט און באַקעמפט; און אַף אַ אָ ב י ע ק ט י וו ן וויסן — וועגן דער נאַטור: אָט די אַלע וואונדערלעכע מאַטעריעלע רעאַלע מיסטעריעז וועגן נאַטור און אוניווערז, וועלכע מע קען באַנעמען נאָר מיטן באַוואוסטזיין; וועלכע בלייבן, במילא, פאַר אומבאַוואוסטזיניקער נאַטור

(און פֿאָלק) אַף אייביק אומבאַוואוסט און, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — פון בלינדער נאַטור (און פֿאָלק) לגמרי נעגירט...; וועלכע זענען נאָך, דערווייל, אפילו דעם שפּעט־אויפגעקומענעם אין דער ביאָלאָגישער יעראַרכיע רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין־אינטעלעקט נישט באַקאַנט — אינגאַנצן.

דאַרף מען אָבער אָנערקענען: אַז הגם די דאָזיקע טייל וויסן אין דער נאַטור עוואָלוציאָנירט און רעוואָלוציאָנירט מעכאַניש־אומבאַוואוסטזיניק, אָן־אויפהער, דאָס הייסט, אַז זי איז דינאַמיש, — איז אָבער איר עוואָלוציע־און־רעוואָלוציע־פּראָצעס אַזאַ לאַנגזאַמער, — אַז מע קען אים כמעט פאַררעכענען פאַר סטאַטיש, פאַרגליווערט.

דאַקעגן, דער דינאַמיש־רעבעלישער אינטעלעקט פאַר עקסעלאַנס איילט מיט אַזאַ דרייסטער שנעלקייט צו דעשיפרירן אָט די געהיימע מיסטעריען פון נאַטור, — אַז ער האָט די בעסטע אויסזיכטן — ניט נאָר די נאַטור צו דעריאָגן, — נאָר זי אויך אַריבערצויאָגן; טראַנספאָרמירן און פריי־אומדערשראָקן רעוואָלוציאָניזירן; און, מיט אַן אמת, ווערן האַר און באַנייער פון אַלדאָס (אָביעקטיווע) זיין און ווערן...

נו, און מכוח דער ס ו ב י ע ק ט י וו ע ר („אוממאַטעריעלער”) טייל וויסן אינעם זיין?!.

ט) וואָס־זשע איז פאָרט — פאַרשטאַנד?

שוין אין אַלטן קאַסטעליאַניש דינט דאָס צייטוואָרט “Saber” (וויסן) אויך אַלס באַצייכענונג פון — גוסטירן, געשמאַק, “Saber, sapidez”.

און אין דער זעלבער צייט, רעדט די ביבל, אַקוראַט ווי דער אַלטער קאַסטעליאַניש, אין איין אָטעם און אין איין באַצייכענונג — וועגן וו י ס ן און וועגן ג ע ש ל ע כ ט ל ע כ ן ב אַ ה ע פ ט: וידע אָדם את חוה אשתו; “Concepción, concebir”.

עס ווערט אַלץ פאַרדעכטיק־קלאָרער און פאַטאַל־נאָענטער: די אומצעשיידבאַרקייט פון וו י ס ן מיט — גוסטירן, מיט געשמאַק, מיט אַטראַקציע, מיט ליבן.

דאָס איז: דער אומרו, דער דורשט, דער הונגער, די נויט, דאָס וועלן דערגיין, דער האַס, דער דראַנג צו פאַרצערן, צו אַבסאָרבירן, צו צעשטערן, צו פאַרניכטן, צו אויסראָטן; צו אַנאַליזירן ציניש און מאַכן דעגענערירן; כלומרשט — העטעראָגעניזירן, דיפערענצירן און, צולעצט — מאַכן פאַנאַנדערפאַלן, אָפּפאַלן, ווי האָמאָגענישע צואה: וואָס איז אייגן — דעם עסן; דעם געשלעכט; דעם וויסן און פאָרשן.

דער הונגער צו דערנערן, צו געשלעכט, צו וויסן, (דאַרף מען באַנעמען, מיט אַלע אברים און חושים פון אונזער זיין,) איז: די קרענק, די

פאַטאַלע שלאַפקייט פון אונזער מהות — פון אונזער פלייש, פון אונזער בלוט, פון אונזער גייסט; די פאַטאַלע שלאַפקייט פון דער ביאָלאָגיע — וואָס רויבט אונזער רו, אונזער לויטערקייט, אונזער שטילקייט; וואָס שטעלט אין טויט־געפאַר אונזער קיום, אונזער גאַנץ־זיין, אונזער געזונט־זיין, אונזער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. און מיר איילן, דאַרום, מיט אונזער ליבע, דאָס הייסט, מיט אונזער שווידערלעכן האַס — צו פאַרצערן די שפּייז, דעם ליבע־אָביעקט, דאָס ווייסן, (און עס פאַרוואַנדלען אין האָ־מאָגענישער צואה, אין גאָרנישט) — מיט דער איינציקער האָפענונג: אָ, צו דערגרייכן באַניים אונזער פרייהייט און גאַנצע שטילקייט, וואָס געווען...

נאָר, די קרענק, מיינע פריינט, איז — אַ טויטלעך־אומהיילבאַרע. דער הונגער און דער אומרו קערן באַלד און באַניים זיך אום צוריק. און זי פרעסט אונז, די קרענק, (מיט ליבע און האַס) אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען זי פאַרוואַנדלט אונז אַליין — אין האָמאָגענישן צואה־אָפּפאַל פון גאָרנישט...

ווייל, אויך זי, די קרענק אַליין — איר הערט? — ליידט פאַטאַל, אויף דער זעלבער קרענק, וואָס מיר... און זי קען זיך גאָר מיט אונז קיינמאָל נישט אָנזעטיקן...

און פונקט ווי אַ ף א ו נ ז, אַזוי אויך אַ ף א י ר, וואַרט תמיד אָפּ פאַטאַל — אויף דער דעק פון איטלעכער פאַרצערונג־באַפרידיקונג — דאָס עקלהאַפטע אָפּלאָך־געשטאַלט פון דעם אייביקן אומדערזעטלעכן פּאַיאַץ...

*) מע דאַרף וויסן אַסאַך, זייער אַסאַך, אָדער טאַקע — א ל ץ, — כדי ערשט זוכה צו זיין זיך צו דערוויסן יענץ גרויסע איינציקע וויסן: אַז מע ווייסט גאָרנישט...

נו, און דאַן — וואָס? וואָס הויבט מען דאַן אָן צו טון? דאַן, הויבט מען אָן פאָרשן — פון דער אַנדערער זייט: פון דער זייט פון דעם נייעם גרויסן איינציקן וויסן. דאָס הייסט: מע נעמט פאָרשן — דאָס נ י ש ט־ו י ס ן. אפשר וועט מען זיך, אַזוי אַרום, דאָך עפּעס דערוויסן. אפשר וועט מען ד אָ ר ט, אין דעם נ י ש ט־ו י ס ן, זיך עפּעס דערוויסן...

דאָס איז — בדרך פּרט, און בדרך כּלל.

בדרך פּרט, עטאַפּנווייז, — פּירוש דאָס: צום שטענדיקן אָנהאַלטנדיקן צווייפל; וואָס מאַכט אויפהערן זיין צופרידן מיטן דערגרייכטן וויסן; און, דאַדורך, במילא, צו נעמען שטרעבן צו אַ נייעם וויסן.

בדרך כּלל — פּירוש דאָס: צום אַלגעמיינעם סך־הכּול פון — תּכלית

הידיעה, שנדע, שלא נדע; פון עיקרדיקער מענטשלעך־שכלדיקער אומקאַ־
פּאַציטעט.

ווייל, יעטוועדער וויסן איז (אין די פּרטים, אין די עטאַפּן פון אונ־
זער גיין איבערן לעבן) — אַ שטער צום נייעם וויסן. ווייל יעטוועדער
וויסן איז (ווי באַ עסן, באַ געשלעכט): אַ נאָכקום פון דעם דראַנג, אַ לע־
שונג, אַ אָנזעטיקונג, אַ שטילונג פון דעם הונגער — צו וויסן.
(saber — וויסן; saber, sapidez — גומען־געשמאַק; concebir
— באַגרייפן, וויסן; concepción, concebir, געשלעכטלעכער באַהעפט.)
מיט איין וואָרט: אַ באַפרידיקונג, אַ זעלבסטצופרידנהייט מיט זיך גופא,
אַ איינשלעפּונג; אַ איינבילדונג־געפיל: אַז מע האָט אַ ל ץ אויסגע־
שעפּט פון וויסן, עסן, געשלעכט... און כאָטש יעדער אַקט פון וויסן (שטו־
דירן, עסן, געשלעכט) איז אַן אַקט — פון ד י ס ט י נ ג י ר ן,
(פון אויסדערוויילן־אויסטיילן, אויס דעם גראָען כאַאָס — דעם אָביעקט
פון שטודירן, פון עסן, פון געשלעכט), — דאָך איז (פּאַטאַל־אומפאַר־
מיידלעך,) דער אַקט גופא פונעם וויסן, (באַם שטודירן, עסן, געשלעכט)
— אַן אַקט פון ב אַ ה ע פ ט ו נ ג, פון צוזאַמענגיסונג מיטן אָביעקט
פון וויסן, (שטודירן, עסן, געשלעכט;) און שוין דאָס אַליין פירט —
צום פאַרקערטן פון דיסטינגירן; צום פאַרקערטן פון דעם, צו וועלכן, אין
פלוג, עס דוכט זיך אויס, מע האָט געשטרעבט. מיט איין וואָרט: עס
פירט צו פאַרמישונג; צו אידענטיפיצירונג מיט עטוואָס — אויסערהאַלב
זיך; מיט דעם, אַזוי גערופענעם — אויב מע קען זיך אַזוי אויסדריקן —
דיסטינגירטן כאַאָס; עס פירט צו אַ זעלבסט־אויפלייזונג, צו אַ עפענען
די תחומים פון אייגענעם דיסטינגירטן איך; צו אַ פולשטענדיקער שלאַ־
בעריק־געוואָרנטקייט, (נאָכן האָבן געזעטיקט דעם הונגער פון שטודירן;)
צו אַ לעפּישער נאָכגעלאַזנקייט, (נאָכן האָבן געשטילט דעם הונגער פון
עסן;) און צו אַן אַבסאָלוטער אימפּאָטענץ, (נאָכן האָבן נאָכגעקומען דעם
דראַנג פון געשלעכט...) און עס מוז קומען (ווי מערקווירדיק־שטוינענד
דאָס זאָל נישט זיין!) דער פּראָצעס פון אַבסאָלוטער פאַרדייונג, צוזאַ־
מענשמעלצונג און פאַרוואַנדלונג (פונעם דערגרייכטן וויסן, עסן, גע־
שלעכט,) — אין אַבסאָלוטן אָפּפאַל־כאַאָס, עס הייסט — אין אומ־וויסן,
אום־עסן, אום־געשלעכט; דער פּראָצעס פון מאַכן צו־נישט דאָס־אַלץ־
פריער־געווען־דערגרייכטע; פון צייגן עס פאַר אונז — אין דעם בולטן
אָפּפאַל־אויסזעען פון צואה, — כדי צו דערוועקן אין אונז אַ פרישן פלאַ־
קערדיקן אומווידערשטיילעכן הונגער־דראַנג: צו דיסטינגירן אַ נייעם אָב־
יעקט (צו דערגרייכן אַ נייעם עטאַפּ) — פון וויסן, עסן, געשלעכט...

אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען, אין לויף פון די יאָרן — נאָך אַזאַ לאַנגן
אומויפהערלעכן פלאַמיקן קאַמף און אייניבונג און אָנווענדונג פון שטור־

מישן הונגער־דראַנג און קוריאָזיטעט צו וויסן־שטודיום, וויסן־עסן, וויסן־געשלעכט, — דערגייען מיר, ענדלעך, דערצו, (ווער — פריער, ווער — שפּעטער): אַז עס נעמט בהדרגהדיק אָפּשטאַרבן אין אונזער געמיט, פּערמאַנענט, אַף גישט־צוריקצוקומען מער: די קוריאָזיטעט און דער הונגער־דראַנג — צום שטודיום־וויסן; די קוריאָזיטעט און דער הונגער־דראַנג — צום עסן־וויסן; די קוריאָזיטעט און דער הונגער־דראַנג — צום געשלעכט־וויסן.

איז דאָס דערפאַר, ווייל איטלעכער פון אונז האָט אַלץ אויסגעשעפּט אוים די אייביקע אומענדלעכע קוואַלן פון — שטודיום־וויסן, עסן־וויסן, געשלעכט־וויסן?

דאַרויף וועלן מיר ענטפערן מיט אַ פראַגע: — עקזיסטירן דען אין ערגעץ, אומאָפּהענגיק און אויסערהאַלב פון אונז — אָט די אַזוי־גערופענע, אייביקע אומענדלעכע קוואַלן פון — שטודיום־וויסן, עסן־וויסן, געשלעכט־וויסן?

אָבער, ווען יאָ אפילו, — זענען זיי ווערטלאָז, נישטיק, אומבאַדייטנד — אָן אונזער בלוטיקן דראַנג זיי צו דערזעען. וועמען גייט עס אָן, אַז ערגעץ דרייען זיך משוגענע וועלטן, אוניווערסן; גייען אום אַהין און אַהער?!.

בלויז אונזער פלאַמיקער מענטשלעכער ליבע־הונגער־דראַנג, אונזער לעבעדיקער צאַפּלדיקער גוסט — דערהויבט פון אוניווערסאַלן כאַאָטישן מיסט־קאַסטן, באַווערטיקט, מאַכט עקזיסטירן, און באַשאַפט, און איבער־באַשאַפט, און בלאָזט אריין אַ זינלעכן מענטשלעכן אָטעם, אַ נשמת־חיים — אין יענע אַלע אייביק־געטלעכע אומענדלעכע קוואַלן פון שטודיום־וויסן, עסן־וויסן, געשלעכט־וויסן...

אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען עס נעמט אָפּשטאַרבן (ווי געזאָגט,) אין אונזער אין־קאַמף־אויסגעברענט געמיט — דער הונגער־דראַנג און די קוריאָזיטעט צום וויסן פון שטודיום, דערנערונג און געשלעכט; ביז וואַנען מיר אַליין שטאַרבן אָפּ; און, מיט אונז צוזאַמען, פאַרגייט, עס שטאַרבט אָפּ און עס פאַרשווינדן אוים אַלע וועלטן און אוניווערסן, אַף אַלע אייביקייטן — יענע אייביקע געטלעך־אומענדלעכע קוואַלן: פון שטודיום־וויסן, פון דערנערונג־וויסן, און פון דעם געשלעכט־וויסן...

און אַף זייער אָרט — וואָס קומט אויף? די אייביקע פינצטערע טויט־מוטנע באָס־קוואַלן — פון אומוויסן; פון איינגעשטאַנענער עיפּוש־שפּרייטנדער אימפּאָטענץ...

יאָ) דער קעניג, דער פּאָעט, און דער פּאַטאַלער גראַוויטאַציע־צירק.

קוקט אריין אין די שעקספּירישע טראַגעדיעס — אַף דער שפּיל פון קעניג און פּאַיאַץ.

אין דעם אייביקן טעאַטער פון לעבן, שפּילט דער קעניג — די ראָל פון אַ קעניג; און עס שפּילט דער פּאַיאַץ — די ראָל פון אַ פּאַיאַץ.

געדענקט: שוין מיט דעם אַליין, וואָס קלאַסישע אויטאָרן שרייבן וועגן דעם טעאַטער־ווערק, — ווילן זיי זאָגן: אַז אַלץ איז — טעאַטער, שפּיל; אַזוי — דער קעניג; אַזוי — דער פּאַיאַץ... מיט אַנדערע ווערטער: דאַדורך, וואָס דער אַקטיאָר גייט שפּילן קינסטלעריש די ראָל פון אַ קעניג, צי אַ פּאַיאַץ, — ווערט נישט ער אַליין פאַרוואַנדלט, אַף קיין איין רגע אפילו — אין אַ קעניג, אָדער אין אַ פּאַיאַץ; נייערט, ער באַווייזט בלויז דערמיט: אַז קעניג, אָדער פּאַיאַץ, אַף דער טעאַטער־אַרענע פון לעבן, זענען נאָר — טעאַטער, שפּיל... עס הייסט, במילא: אַז יעדער אַקטיאָר־אין־שפּיל האָט — אַ חוץ דער שפּיל זיינער, דאָ־אַצינד, אַף די ברעטלעך אין טעאַטער, — אַ אַנדער ראָל אין זיין לעבן, אַ אַנדער שפּיל, אַף אַ אַנדער אַרענע, (אַ פּריוואַטער.) נו, און אויך אַף דער איצטיקער טעאַטער־אַרענע איז נישט אויסגעשלאָסן: אַז דער זעלבער אַקטיאָר, וואָס שפּילט היינט איין ראָל, (קעניג, צי פּאַיאַץ,) — זאָל מאָרגן גראָד שפּילן — אַ ראָל אַקוראַט אַ פאַרקערטע... ווייל: אַלץ, (מוז מען ווּיסן,) איז — לויטער שפּיל...

אָבער, נישט דאָס גראָד איז דער עיקר באַ אונז, אַצינד. לאָמיר זיך אומקערן ווידער צו דער שפּיל צווישן קעניג און פּאַיאַץ — אַף דער טעאַטער־אַרענע פון לעבן; און רעדן — וועגן דער שייכות צווישן קעניג און פּאַיאַץ. עס איז באַוואוסט, אַז דעם פּאַיאַץ איז דערלויבט ד אָ ס, וואָס עס איז יעדן אַנדערן פאַרבאָטן, אונטער טויט־שטראַף: לאַכן פון דעם קעניג; אים צייגן, אין זיין קאָמישער פּאַיאַצישער זייט... לאַכן, און מאַכן לאַכנדיק: ווייל, דאַן לאַכט אויך דער קעניג — בעת דער פּאַיאַץ קרימט אים נאָך. און בעת דער קעניג לאַכט, — איז צו מערקן: ווי דער קעניג אַליין ווערט — פּאַיאַץ; ער אידענטיפיצירט זיך מיטן פּאַיאַץ; ער גיט אים די האַנט... זיי ביידע ווערן — איין פיגור; ווי פון איין שניט...

אָבער, דאָס געדויערט נאָר — איין ווייל, אַזוי. באַלד, כאַפּט זיך דער קעניג; און ער שטעלט אַיין צוריק די מחיצה. ניין. ער איז — קעניג; און יענער איז — פּאַיאַץ... און איצט, מאַכט שוין דעם פּאַיאַצס ליצנות אים, צוערשט — אַנדערש־פריילעך: שטאָלצער, פאַראַכטלעכער; אָבער, צולעצט — טרויעריק. פאַרוואָס?

לאָמיר געדענקען: אַז דער פּאַיאַץ אין דעם קעניגלעכן הויף איז, פאַקטיש, דער געפאַנגענער קעניג פון אַ אַנדער געוועזענער אימפּעריע אין געפאַלנקייט; ווּעמען דער איצטיקער זיגרייכער קעניג האָט צעשלאָגן, באַ־

זיגט און גענומען געפאנגען; און ער האט אים געלאזן בא זיך אין הויף — ווי א פאיאץ, ווי א לץ: כדי ער זאל אים דערמאנען כסדר, דעם קעניג — אין זיין נצחון.

אין דער אוניווערסאלער שפיל, אף דער טעאטער־ארענע פון לעבן, — איז דער פריערדיקער קעניג אראפ שפילן אין הינטערגרונט — די ראל פון אנטיסאציאלן פאיאץ; בעת דער איצטיקער קעניג, דער זיגער, איז אפער — אפן פראנט פון דער טעאטער־סצענע פון לעבן: כדי צו שפילן — די ראל פון סאציאלן קעניג.

און ווייל אין יעדן איינעמס געמיט פון אונז, (ווי אף דער אוניווערסאלער טעאטער־ארענע, אלצייגס,) האלט אן דער אייביקער געראנגל — צווישן די ראלן־אקטיארן פון סאציאלן געדאנק און אנטי־סאציאלן אימפולס, — איז, במילא, דער איצטיקער זיג פון דעם אויפגייענדן קעניג (אין מארש פון דער סאציאלער וועלט־ארענע־געשיכטע,) איבער דעם אפגייענדן קעניג און געווארענעם פאיאץ — אויך, גלייכצייטיק, א זיג: פון דעם סאציאלן קעניג (אינטעלעקט) — איבער דעם אנטי־סאציאלן פאיאץ און לץ א י ן ־ ז י ך ־ ג ו פ א , (דעם אימפולס;) וואס שטעקט אין יעדן איינעם פון אונז, אין דער פינצטער; און זוכט אונז צו טרייבן — צו מפלה, צו צוזאמענברוך...

דערפאר, הערט אויף דער קעניג לאכן גוטברודעריש — מ י ט ן פאיאץ; און ער נעמט לאכן, קעניגלעך־סאציאל — פ ו נ ע ם פאיאץ...

און דאך, ווערט דער קעניג טרויעריק. ווייל ער נעמט איינזעען, אזוי־ווויזיאנעריש־פאטאל־קלאר־אויגנשיינלעך, קוקנדיק איצט אפן געשלאגענעם פאיאץ: וויאזוי, אין דעם אומפארמיידלעכן גאנג פון דער געשיכטע, איבער דער טעאטער־ארענע פון לעבן, — וועט אויך ער, דער איצטיקער קעניג, אין א געווויסן טאג — ווען ער אליין וועט ווערן אלט אין זיין ראל און ארייגפאלן אין דעקאדענץ, אין אימפאטענץ, — ווערן געשטירצט און באזיגט — דורך א נייעם אויפגייענדן סאציאלן קעניג־אקטיאר: וועלכער וועט אפערקומען; איינשלאגן ווי א דונער, מיט פאטענטן יובל, צום פאדער־גרונט פון דער וועלט־סצענע; און אים, דעם איצטיקן קעניג, באזיגן; אים אראפשטויסן צום אנטיסאציאלן הינטערגרונט; אים נעמען געפאנגען; און צולעצט, אים ארויסשטעלן אין דעם קעניגלעכן הויף — אלס נייעם פאיאץ: וואס זאל אים דערמאנען כסדר, דעם נייעם קעניג — זיין נצחון; נאר, אין לויף פון דער צייט — אויך, פאטאל־אומפארמיידלעך — זיין מפלה...

און ווי עס איז געשען צום רוימישן הויפטמאן, וועלכער האט צוגעקוקט די לעצטע שרפה פון דער באזיגטער קארטאגא, און געבליבן מיךטרויעריק: ווייל ער האט, אין דער וויזיע, געזען אין דעם אזוי קלאר, אין

דער צוקונפט — דעם אומפארמיידלעכן פאטאלן אונטערגאנג פון דער זיגרייכער רוים גופא...

אט די פאטאלע אומפארמיידלעכקייט פון זיג און מפלה פון יעדן קעניג־און־פאיאץ־ראלן אין איין פיגור, — ווערט אזוי קלאר פארמולירט דורך דעם הערמעטיש־געשלאסענעם קרייז־ארטיק־אפערירנדן גראוויטאציע־געזעץ: וואס שפארט (דריקט) אלץ אף אראפ; (וואו עס שפארט זיך אן, סאציאל־ש י כ ט ל ע ך , אלדאס־העכערע — אף, סאציאל־שיכטלעך — אלדאס־נידעריקערע פון זיך;) במילא, אומפארמיידלעך, אין דעם סצענע־רינג, אין דעם קרייז־צירק, דריקט עס — אלץ אף ארויף; כדי, פאטאל, מארגן, גיין ווידער, אין דעם סצענע־צירקוס, אף אראפ; אונטער דעם אומפארמיידלעכן פאטאלן סאציאלן רינג־דרוק — פון א נייער אויפגייענדער פאטאלער קעניג־ראל; א קעניג־א זיגער; וועלכער וועט אבער, אין זיין לויטערער וויזיע, ענדלעך, באניים דערזעען, מיט פארצווייפלטן טראגישן אפהענטיקן טרויער — דאס אומפארמיידלעכע פאטאלע געשטאלט פון זיך־גופא, אין דער וויטער צירקוס־צוקונפט — אלס אפלאכנדער און אויסשפעטנדער פאיאץ...

איז, די זעלבע טאפעלע קעניג־פאיאץ־שפיל אין פאטאלן געראנגל — אז איר ווילט — גייט זי צו אין דעם גאנצן ארום; אדער, ריכטיקער: זי האלט אן, די שפיל (דער געראנגל) מיט זיך גופא — אומעטום: אין דעם לעבן; און אין דעם וויסן.

עס איז — די שפיל פון דער טאטע־זון־מיסטעריע. אזוי קוקט אויפגייענדער זיגרייכער זון — אף דעם אלט־ווערנדן טאטן: וועלכער ווערט — ארויסגעשטויסענער פאיאץ, אויס דער טעאטער־ארענע פון לעבן; נאר, אין דער זעלבער צייט, זעט ער צו, דער זון, מיט טרויער: וויאזוי זיין איצטיקער זיג — וועלכער דריקט (און צעפלעטשט אלץ) אף אראפ, — וועט, דאדורך טאקע, אין דעם פאטאלן הערמעטיש־געשלאסענעם גראוויטאציע־צירקוס — אים אליין, ענדלעך, דערפירן, אין דער צוקונפט, צו נעמען שפילן די פאיאץ־ראל — פאר דעם נייעם אויפגייענדן מושל פון דאמאלס; וועלכער וועט טאקע אפערקומען — אויס זיינע אייגענע לענדן...

און דאס זעלבע גייט צו — אויך אין דער שפיל פונעם וויסן... (וידע אדם את חוה... וויסן; באהעפטונג...) ווייל אלץ, (איר הערט?) אלע שפילן זענען — עראטישער דראנג, וואס ווערט רעגולירט — לויט דעם גראוויטאציע־געזעץ; וואס מיינט נישט עפעס אנדערש: ווי די אטראקציע, און דער אריינדרינג, און דער דרוק — אף אראפ, אף אינעוויניק, צו באהעפטונג; כדי צו דערזעען, ענדלעך, צולעצט, (אזוווי יענער עראטישער זיגרייכער קעניג — אין דעם מוטערלעכן באזיגטן קעניגרייך):

דאָס אומפאַרמיידלעכע פאַטאַלע פּאַיאַציש געשטאַלט, וואָס לאַכט אים אויס, דעם זיגער דעם באַזיגטן; פאַר וועמען עס גילט דער אייביקער כּלל: אַז יעדער נצחון איז אַ מפּלה...

ווייל, פּונקט ווי דער קעניג דער מאַן, (אויף דער שפּיל־אַרענע פון לעבן און זיין,) זוכט אין דער באַהעפטונג מיט דער פרוי, (אין דער גראַוויטאַציע, אין דער אַטראַקציע) בייצוקומען און באַנעמען (וויסן) דאָס אומענדלעך־ווייבלעכע; נאָר ער ברעכט צוזאַמען, ווייל זיינע אויפנאַם־כּלים זענען שוואַך און באַגרעניצט; און ער, דער זיגער, אַבאַרטירט, צולעצט, (שאַפט,) די באַקומענע אומענדלעכע שפע; און ער בלייבט ליגן, דאַרום — אַ באַזיגטער קעניג־שפּילער; וואָס ווערט אויסגעלאַכט פון דעם ווידער־אויפגייענדן פּאַיאַץ: פון דער אָקאַרשט־געווען־באַזיגטער פרוי; הן פון דעם אויפגייענדן ליץ־פּאַיאַץ אין זיך גופא..., — און פּונקט ווי דער קעניג גאָט, (אויף דער שפּיל־אַרענע פון אומענדלעכן דערגיין זיך־גופא,) זוכט אין דער באַהעפטונג (אין דער גראַוויטאַציע, אין דער אַטראַקציע,) מיט דער פרוי (בצלם אלוהים ברא אותו, זכר ונקבה): בייצוקומען און באַנעמען — דאָס אומענדלעכע וויסן פון זיך גופא; נאָר ער ברעכט צוזאַמען — פאַר דעם פאַטאַלן אומפאַרמיידלעכן אומענדלעכן גראַוויטאַציע־און־אַטראַקציע־אַנדרוק, פאַר וועלכן זיינע אויפנאַם־כּלים קומען פאַר שוואַך און באַגרעניצט; און ער, דער זיגער, אַבאַרטירט, צולעצט, (באַשאַפט,) די באַקומענע אומענדלעכע שפע: (דאָס וויסן, די וועלט, דאָס לעבן, דער מענטש, מאַן־און־פרוי, די שלאַנג, דער טייוול;) און ער בלייבט ליגן — אַ באַזיגטער גאָט־קעניג־שפּילער, יועלכער ווערט אויסגעלאַכט — פון דעם אויפגייענדן וועלט־פּאַיאַץ, וואָס קומט אַפער פון אים גופא..., —

אַקוראַט אַזוי, זוכט דער מענטש־קעניג דער פאָרשער. (אויף דער שפּיל־אַרענע פון אוניווערסאַלן אויפדעקן אַלץ,) אין דער באַהעפטונג (אין דער גראַוויטאַציע, אין דער אַטראַקציע,) מיט דעם פּראָבלעם: בייצוקומען און אַריינדרינגען־אַרומפאַסן־באַנעמען־באַזיגן — דאָס אומענדלעכע וויסן פון אַלזיין; פון זיך־זיין... נאָר ער ברעכט צוזאַמען — אונטער דעם פאַטאַלן־אומענדלעכן גראַוויטאַציע־אַטראַקציע־שפע־אַנדרוק פון וויסן, פון אַנפּלייץ־באַהעפט; פאַר וועלכן זיינע מענטשלעכע אויפנאַם־כּלים, אַ, קומען פאַר צו־שוואַך און ענג־באַגרעניצט... און ער, דער זיגער־אַקטיאָר, אַבאַרטירט, צולעצט, (שאַפט, אַנטפּלעקט פאַר די שטודירער...) די אַנגעפּלייצטע אומענדלעכע שפע, (דאָס וויסן, אין אַלערליי עקזאַקטע און אומעקזאַקטע דיסציפּלינען: פון אוניווערז, וועלט, לעבן, מענטש; און פון גאָט, אומוועלט,, אומלעבן, אוממענטש;) און ער בלייבט ליגן — אַ באַזיגטער אינטעלעקט־פּראָמעטעוס־שפּילער; וואָס ווערט איצט אויסגע־

לאַכט — פון דעם אויפגייענדן לץ־פּאַיאַץ: וועלכער קוקט אַפּער צו אים
— אויס דעם שפּיגל פון זיין דערגאַנגען, ערווה־אַפּגעדעקט און אַף נאַ־
סעט־אויסגעטון וויסן...

עס איז, פּונקט ווי דו קוקסט אַריין אין א שפּיגל — דיר אין די
אויגן. ווען דו דערזעען: דיך שטיין און אַריינקוקן אין א שפּיגל — דיר
אין די אויגן; וואו דו זעסט: ווי דו שטייסט א. א. וו., ביז צו דער אומ־
ענדלעכקייט... וואו דו דערזעסט, פּלוצים: ווי עס שטייט דער פּאַיאַץ, און
ער לאַכט אויס אַלע דיינע אומזיסטע באַמיונגען — אים אַנצוכאַפּן באַם
עק...

ווייל, אין אַלץ און אומעטום שלאָגט — די אייביקע אַנגעשפּאַלטע־
נע, זיך־זעלבסט־באַאָבאַכטנדע עקסהיביציע. (נישטאָ אין ערגעץ — קיין
אוממיטלבאַרקייט, קיין פאַרגעסן־זיך.)

סיי אין דער אינטימער באַהעפטונגס־שפּיל פון קעניג־מאַן און קעני־
גיגטום־פרוי: טוט ער זיך פאַר איר עקסהיבירן אַזוי לאַנג, אַלס זיגער, —
ביז וואַנען ער פאַלט, באַזיגט; און זי, דער צושויער־פּאַיאַץ, לאַכט.

סיי אין דער פּאַטאַלער באַהעפטער שפּיל פון קעניג און פּאַיאַץ —
אַף דער עפנטלעכער טעאַטער־אַרענע פון וועלט און לעבן.

סיי אין דער באַהעפטונגס־שפּיל פון גאָט — מיט זיין וויסן פון
זיך; טוט ער באַאָבאַכטן זיך־אַליין — אין זיין עקסהיביציע־דראַנג פון
באַהעפטונג: כדי זיך אַליין צו דערגרינטעווען... דאָס איז די עקסהי־
ביציע און באַאָבאַכטונג — אין־זיך־גופאָ... און דער צושויער איז דאָ —
דער גאָט־פּאַיאַץ, וואָס לאַכט אויס — דעם גאָט־קעניג...

סיי אין דער באַהעפטונגס־שפּיל — פון פאָרשער מיט דעם וויסן;
טוט ער זיך עקסהיבירן, דער אינטעלעקט — פאַר דעם צושויער, דעם
פּראָבלעם; פאַר זיך אַליין: פאַר דעם דראַנג אין זיך — צו דערגיין, אויפ־
דעקן, זיך צו באַהעפטן מיט דעם וויסן־אין־זיך... נאָר, עס לאָזט זיך אויס
מיט דערמיט: וואָס, צולעצט, לאַכט פון אים — נישט עמיצער אַנדערש,
ווי דער צושויער־פּאַיאַץ: דאָס אַף־נאַקעט־אויסגעטונע, ערווה־אַפּגעדעק־
טע, באַצוואונגענע־נאָר־נישט־איינגענומענע, קיינמאָל־נישט־אינגאַנצן־
אוניווערסאַל־אומענדלעך־באַנומענע, אייביק־אינטים־מיסטעריעזע־אין־זיך־
אין־מהות־אין־תוכן; ווי די פרויען־מיסטעריע־אַלציינם: (וואָס, אויב —
אויס מיסטעריע, — איז — אויס פרוי...; במילאָ, איז — אויס מאַן...);
מיט איין וואָרט: עס לאַכט אויס זיין קאָפּ — דאָס פאַרגוואַלדיקטע, דאָס
באַליידיקטע, דאָס באַפלעקטע אַל־וויסן גופאָ...

יב) איר האָט געהערט אַמאָל די געשיכטע פון יענעם מיסטעריעזן
מאָרד, וואָס אַרום זיין אויפקלערונג זענען זיך עוסק טויזנטער אָנ־
געזעענע לייט; און וואָס מער זיי פיבערן, אַלצמער טוען זיי יענע מיס־

טעריע פארפלאָנטערן... איז, ארום זיי אַלע דרייט זיך ארום און אומבאַ־קאַנט נישט־אָנזעעוודיק נאָמענלאָז מענטשל, און ער באַזיצט דעם שליסל צו אַט דער גאַנצער מיסטעריע. זאָל מען אים נאָר לאָזן עפענען זיין מויל, אויסרעדן איין וואָרט, — און אַלעס פאַראַמאָל וועט ווערן אויפגעקלערט, ווי די זון; און דער נעפל וועט ווערן ראַפּטעם אַפּגעטון פון אַלעמענס פארשטעלטע אויגן; און דער לויטערער אמת, וועט אויפשלאָגן פאַר יעדן, ווי אַ בליץ... נאָר, ווייַ, אַ, מע לאָזט אים נישט אינערגעץ זיין מויל עפע־נען, אויסרעדן דאָס איינציקע מאַגישע וואָרט... אומעטום, וואו ער שלאָגט אָן, אָט דער אומרואיקער גייסט, דער העראָלד פונעם אמת, וועלכער קאָן נישט צוזעען דעם צער און די מאַטערניש פון דער פיינפולער מענטש־הייט, וואָס זוכט נעבעך דעם אמת, און ער איילט, דאַרום, מיט אַזויפיל אייפער און צאַפּל, איר אונטערקומען אנטקעגן מיט הילף, אויס זיין גאַנצן נאָבעלן הארצן אָפּער, — יאָ, איז אויס אומעטום, וואו נאָר ער באַווייזט זיך אַף דער שוועל, אָט דאָס בייזע אָנשיקעניש, — וואַרפט מען אים גלייך ארויס אינדרויסן, און מע שליידערט אים אראָפּ פון אַלע טרעפּ, דעם מינדערווערטיקן שלאָק, דעם לײַדיקגייער, דעם שאַלטיס — כדי ער זאָל נישט שטערן ערנסטע אָנגעזעענע לייט, בעת זיי זענען פאַר־טון אין וויכטיקער ארבעט — לטובת דער גאַנצער מענטשהייט...

אָט אַזוי קעמפט אומעטום די נישטיקע מאַסע, (די בלינדע שפּירנדע ביאָלאָגיע,) — קעגן דער אינטעליגענץ, (דער דענקנדער ביאָלאָגיע אין גע־זאַנג,) וועמען זי מאַכט שטום: כדי זי, די מאַסע, זאָל האָבן פאַר זיך די אינטריגע, דעם פּלאָנטער, די מיסטעריע; כדי זי זאָל האָבן, וואָס צו טון; אַזויארום, אויסגעפינען פאַר זיך אַ זכות־הקיום...

דאַקעגן, ווען די אינטעליגענץ וועט באַקומען לשון, אויסרעדן איין וואָרט, אויפקלערן בטל־מאַכן אַלץ, די אינטריגע, — טאָ, וואָס־זשע וועט דאַן בלייבן דער נישטיקייט צו טון אַף דער וועלט?!.

ג') פאַר יעדן געניאַלסטן באַרימטסטן מענטשן שלאָגט די שעה, ווען ער נעמט ווערן איבערגעשטאַנען אין אונזער געמיט; ווען ער קען שוין אין אונז העכער נישט שטייגן; און ער נעמט, במילא — נידערן, גיין צוריק; אַרויסרופן צו זיך — אַ גלייכגילט, אַן אומדיפערענטקייט; וועל־כע גייט בהדרגהדיק אַריבער — צו אַ פיינטלעכקייט און אַ יאַרן באַנג: אַז דער באַרימטער מאַן זאָל פאַרשווינדן, אויפהערן פאַרנעמען דעם אויבנאָן; לאָזן פּלאַץ פאַרן אויפקום פון אַ נייעם.

און מאָג דער באַרימטער מאַן זיך אומויפהערלעך געניאַל באַנייען און נאָכאַנאַנד זיך אַליין איבערשטייגן און אָפּפרישן, — וועט דאָס אַלץ שוין גאָרנישט העלפן. פאַרפאַלן. אַריבער זיין צייט.

דאָס גילט, אַלציינס — אין דער וויסנשאַפט, ווי אין דער קונסט.

עס איז דערפאר: ווייל אונזער געמיט — וואס דורשט דורכוים צו נייס, — איז געווארן מיד — פון דער פערזאן אליין, פון דעם געשטאלט, פון דעם נאמען, וואס איז דאך — איינס און דאס זעלבע...; און מע בענקט צו א נייעם מענטשן; מע וויל זען — א ניי געשטאלט...

וואס איז נוגע ווידער זיין פערזענלעכער אומויפהערלעכער דערפינ־דערישער זעלבסט־באנייונג, — דארף מען דאך פארשטיין: ערשטנס, אז זי איז — א המשך, א פארזעצונג, א קאנטינואיטעט, אן אויסוויקלונג, עס הייסט, במילא, א פ ו ע ל ־ י ו צ א — פון אלע זיינע אלטע פאר־שונגען און אויפדעקונגען פון ביז־איצט; דארום, איז עס דאך נישט — דורכוים און פולשטענדיק ניי...

א חוצדעם, וואס אלע איינעמס אנטפלעקונגען בכלל זענען פאטאל־אינטים פארבונדן ענג־הערמעטיש — מיט אים אליין און מיט זיין זיין... עס הייסט: אז ער דערפינדעט און דעקט אויף די אלע איבערראשנדע וואונדער — אויסשליסלעך נאר אין זיין אייגן געמיט... נו, און ער אליין, (ווי דערמאנט,) איז דאך שוין — אלט־באקאנט, אומרייצנד, אום־אינטע־רעסאנט; טא, וואס נאך דען איז פאראן פון אים צו דערווארטן?!.

די תפיסה פון דער קונסט

א) גערענק: בילדער פון קונסט, (פונקט, ווי פאטא־בילדער,) ווערן רע־וועלירט — נאר אין דער פינצטערער איזאלירונג פון טאג־ליכט, פון דעם לעבן. אין קאנטאקט מיט דעם טאג־ליכט, מיטן לעבן, הערט גלייך אויף — די קונסט.

ב) דער, וואס באשרייבט מענטשלעכע נידערטרעכטיקייטן, האט געוויס דערצו א נאטירלעכע נייגונג, וועלכע ער לעבט איבער רעאל, בעת דער שילדערונג. צי ווערט ער דאדורך — דערלייזט, אדער געפאלן?...

ג) די עכטע קונסט קען נישט ווערן אפגעפרעגט דורך וועלכע עס איז געזעצן פון דער נאטור. די קונסט פארמאגט — אירע אייגענע גע־זעצן. זי איז אליין — נאטור. זי איז — דאס לעצטע, במילא — דאס ערשטע ווארט פון נאטור.

ד) דאס לעבן, וואס די קונסט באשאפט, אדער איבערבאשאפט, מאכט נאך דעם קינסטלער און טוט צו אים זינגען: קדוש, קדוש, קדוש... און כאטש ער, דער קונסט־באשאפער, ווייסט: אז דאדורך, טוט ער לויבן זיך אליין, — דאך, איז עס אים ליבערשט, איידער צו בלייבן אינגאנצן אליין...

ה) א דיכטער מוז נישט לייענען אלע געשאפענע קונסט־ווערק פון

דער וועלט. עס איז גענוג, אַז ער זעט זיי; ער ווייסט פון זייער קיום.

פונקט ווי אַ דיכטער מוז נישט באַנעמען פיזיקאַליש־אַסטראָנאָמיש דעם אוניווערז, אום וועגן אים צו דיכטן. עס איז גענוג, אַז ער זעט אים, מיט זיין דיכטערישן בליק; און ער הויכט אריין אין אוניווערז — זיין אייגענע דיכטערישע נשמת־חיים.

די קונסט־ווערק פון דער וועלט זענען — דער אוניווערז פון ד ע ר וועלט, וואָס רינגלט ארום דעם דיכטער און קוקט אויס, אַז ער זאָל אריינ־הויכן אין אים און אים באַלעבן — מיט זיין אייגענעם, דעם דיכטערישן, אָטעם...

ו) איך שפיר אַ טיפן צאַפּלדיקן אַלץ־דערוואַרטנדן צוטרוי — צום מיס־טעריעזן אימפּעטפולן וואָרט־קוואַל, וואָס שלאָגט פון מיר, ווי אַ ים; וואָס שווענקט, ערגעץ אין שרעקלעכע וויטן, מיסטעריעזע אילוזאָ־רישע אינזלען, שיפן; וואָס ברענגט פונדאָרט צוטראָגן, אַף זיין צעשוימטן כוואַליען — אָ, אומבאַגרייפבאַרע אָפּהילכן פון סודות, פון שרעקונגס־מיסטעריען אין מיינע גרונטן... אָ, איך גלויב אין דעם צעבושעוועטן וואָרט־שטראָם פון מיין אַלץ־פאַרפלייצנדן שאַפן און צעשטערן: אַז ער וועט, אויס ערגעץ טיף אין מיר — אויס מיינע תהומות, אויס מיינע באַרג־הויכן, אין דער פרילינג־אַדליגע, אין דעם אייז־און־שניי־גאַנג — אָנטראָגן רעשטן, רעוועלאַציעס פון חרב־געוואָרענע אין מיר עולמות; וואָס דאַרפן איצט ווערן — די באַפרוכפערונג, דער אויסגום — פאַר אַלע מיינע היינט־צו־טאָגיקע פון־דורשט־פאַרטרוקנטע ישובים, וואָס לעכצן, אָ, וועלכע גייען אויס נאָך גשם ברכה; כדי אַליין אָנצוהויבן אין מיר, אין דעם עיגול פון זייער זיין און ווערן — זייער נייעם, זייער איי־גענעם בראשית...

ז) פאַלש געלט איז עס — אַפילו ווען עס איז נאָכגעמאַכט פּערפעקט:

ווייל עס איז אַ טאַט, וואָס איז נישטראָר נישט־פאַרבונדן מיט דעם אחריות־געפיל פאַר דער געזעלשאַפט, נאָר עס איז אַן ארויסטרעט סעגן איר. איז עס אַ אַנטי־מאָראַלישע טואונג; אַ הפקר־אַקט.

די זעלבע מאָס דאַרף אַמאָל אָנגעווענדעט ווערן צו קונסט. זי, די קונסט, מוז האָבן אַ עטישע באַזע; זי מוז טראָגן דאָס אחריות פאַר עמיצן, פאַר אַ אידעאַל. ווען אַ אויסוואורף שאַפט פּערפעקטע קונסט, — איז זי פאַלש...

ח) דער גורל פונעם ווערק. הכול תלוי במזל, אפילו ספר־תורה שבהיכל.

סערוואַנטעס האָט אָנגעשריבן — א יי ן ווערק, „דאָן קי־כאָט”; און עס האָט פאַרטונקלט, געשטעלט אין שאָטן — אַלע אַנדערע זיינע ווערק; וועלכע זענען, אגב, אַן־און־פאַר־זיך, געווען גאַנץ־סאָלידע

שאפונגען; און ווען סערוואַנטעס וואָלט זיי אַרויסגעבראַכט אַף דער ליכ־טיקער שיין — פריער, פאַר זיין „דאָן קיכאָט", אָדער ווען זיי וואָלט גע־שאַפן אַ אַנדער שרייבער, — וואָלט מען אויך דורך די דאָזיקע ווערק גע־וואָרן וועלט־באַרימט. אַזוי אָבער, דאָס הייסט, אַזוי ווי עס האָט זיי גע־שאַפן נישט קיין אַנדערער ווי סערוואַנטעס, און גראָד האָט זייער גורל געוואָלט, אַז ער זאָל זיי אַרויסברענגען נאָך „דאָן קיכאָט", — זענען זיי געוואָרן פאַרורטיילט — אין דעם ליכט פון „דאָן קיכאָט", צו פאַרבלייבן אומבאַמערקט; גלייך ווי זיי וואָלטן גאַרנישט געווען געבוירן געוואָרן אַף דער וועלט...

האָט דאָס אַלץ צו טון, אַזוי צו זאָגן, מיט דער — רעלאַטיוויטעט פון ווערטן?..

עריק מאַריאַ רעימאַרק, ווידער, האָט געשאַפן — איין ווערק „אַפן מערב־פראָנט קיין נייס", און ער איז באַלד געוואָרן וועלט־באַרימט. ווען ער האָט אַרויסגעלאָזט שפּעטער דאָס ווערק „דער צוריקקער", — האָט אַלפרעד קער וועג דעם געזאָגט: „— נאָכן מערב־פראָנט — קיין נייס..." אָבער עס קען זיין זייער־גריילעך זיין, אַז ווען „דער צוריקקער" וואָלט דערשינען צוערשט, — וואָלט דער אויטאָר אויך גלייך געוואָרן וועלט־באַרימט, און דאָס שפּעטערדיקע ווערק „אַפן מערב־פראָנט א.א.וו." וואָלט געווען — קיין נייס... ווייסט איר, פאַרוואָס? ווייל אַליבאַ דאמת, זענען אַלע רעימאַרקס ווערק — פון איינער־דער־זעלבער (און דאָס — ווייט פון צו זיין פּערפעקטער) קוואַליטעט; און דער גורל האָט דאָ נאָר אינטערווענירט — אין דעם זין פון דער בכורה... דאַקעגן, בא סערוואַנטעסן, וואָלט „דאָן קיכאָט" זיך געווען אַרויסגעהויבן, אַפילו ווען עס וואָלט געווען — דאָס לעצטע ווערק זיינס. עס וואָלט אָבער, אין אַזא פאַל, נישט געווען אַזוי פאַרטונקלט אַלע איבעריקע שאַפונגען זיינע — ווי וועדליק עס געשעט צו זיי איצט; ווען זיי איז באַשערט געווען, כראָ־נאָלאָגיש, צו קומען אַף דער וועלט, נאָך „דאָן קיכאָט..."

ט) וואָס־זשע הייסט פאַרט: דאָס לעבן מאַכט נאָך דער קונסט?

מע איז געוואוינט צו זאָגן: אַז דער אונטערשייד צווישן אַ קינסט־לער און אַ פּשוטן מענטש באַשטייט אין דעם: וואָס בעת דער לעצטער וועט זיך תמיד באַוועגן, ווי אַ בלינדער, ווי אַ טויבער, און מיט אַ פאַר־שטאָפּט האַרץ — רואיק און שטיל, אומגעשטערט פון קיינעם און אומ־געשטרויכלט פון גאַרנישט, איבער די וועגן פונעם לעבן, — וועט דער קינסטלער — צוליב זיינע פאַרשאַרפטע פאַראיידלטע פיינפילנדע חושים פון דערהערן, דערזעען, דערפילן — בלייבן פאַרהאַלטן, אַף יעדן שריט און טריט — דורך אומצייליקע שטערונגען, שטרויכלונגען, געפערלעכע שטיינער, וואָס ליגן אין וועג, גרויסע דראָענדע געפאַרן איבעראַל; ווי

אויך דורך די מאוימדיקע ליידן, פּיינען, נשמה־קאָנפליקטן, וואָס יאָגן אַף אים — פון אומעטום; פאַרפּלאָנטערן אים, פאַרהאַלטן אים, לאָזן אים נישט מאַכן קיין איין שפּאַן ווייטער; שטרעקן זיך צו אים, מיט אַזויפיל שרעקלעכן יאָמער; בעטן פון אים זיין הילף...

אָבער, ווען דאָס אַלץ וואָלט געווען אַזוי, ווירקלעך, דאָס הייסט, אַן־און־פאַר־זיך און אומאָפּהענגיק פון דעם קינסטלערס דאָס טון אַנטפּלעקן, — טאָ, פאַרוואָס־זשע קומען נישט אום — יענע פּשוטע מענטשן פאַרבייגייער, דורך די אַלע אומצייליקע געפערלעכע שטיינער און שטרויכלונגען, וואָס ליגן זיי אין וועג, און זיי ווייסן נישט אַפילו, אין זייער בלינדקייט — אַז מע האָט דאָ עפּעס אַרומצוגיין, צי אויסמיידן?! און אויב עס איז פאַרשטענדלעך, אַז מיט זייער טויב און פאַרשטאָפּט האַרץ זאָלן זיי נישט דערהערן די פלייצנדע פּיין פון אַרום, — איז אָבער נישט צו באַגרייפן: הלמאי זיי, די בלינדע, פאַלן נישט אַריין און קומען נישט אום — אין אָט די אַלע מאוימדיקע אָפּגרונטן, וואָס לויערן אַף זיי און וועלכע קוקן זיי אויס און ווילן זיי אומברענגען, אַף יעדן שריט און טריט?.. וועלכער־זשע איז דאָס דער כוח, וואָס היט זיי אָפּ פון די געפאַרן; וואָס פאַרהאַלט זיי געווי, אַפּן ראַנד פונעם אָפּגרונט, און לערנט זיי — אים אַרומצוגיין?..

סיידן מע זאָל קומען צו דער מסקנא: אַז די אַלע געפאַרן, שטיינער, אָפּגרונטן, א. אַ. וו., זענען לחלוטין נישט קיין מציאות אַן און פאַר זיך, לגמרי... אַז פאַרן ווירקלעכן רעאַלן לעבן זענען זיי אַ בלויזע אויסדראַכטעניש, נישט מער; און אַלס אַזעלכע, פאַרשטייט זיך, זענען זיי נישט מסוגל צו ברענגען פאַר קיינעם דאָס מינדסטע בייז, זאָל זיין...

נאָר איין אויסנאַם איז פאַראַן — דער קינסטלער. אין זיין קאָמפּליצירט געמיט האָט ער די אַלע שטערן, קאָנפליקטן, שטיינער, תהומות — דערפונדן, זיי אויסגעפונען, זיי באַשאַפן; און זיי זענען, דאַרום, פ א ר א י ם און פאַר זיין לעבן — אַזוי מעכטיק רעאַל און דראָענד, — אַקוראַט ווי זיין אייגן לעבן אַליין איז פאַר אים און פאַר זיין זיין... ווייל, ער מיט זיין לעבן זענען פונקט אַזוי געפאַנגען פאַטאַל — אין דער תפיסה פון זיין קונסט... ווייל ז יי ן לעבן (און אויסשליסלעך, טאַקע נאָר זיין אייגן לעבן אַליין) טוט נאָכמאַכן, געהאָרכזאַם, אַ, האָפּענונגסלאָז — דעם בלינדן גרויזאַם־פאַטאַלן באַפעל פ ו ן ז יי ן ק ו נ ס ט ...

*) דער קינסטלער (ווי גאָט) בלייבט תמיד מיד און טראַגיש־אַנטוישט, נאָך דעם באַשאַף פון דעם גרויסן ווערק; ווייל ער גיט זיך רעכענונג: ווי נישטיק דאָס גרעסטע ווערק קומט פאַר — קעגניבער דעם גוואַלדיקן פאַרנעם און שוואונג פון זיינע טרוימען; אַז עס זענען גאַרנישט פאַראַן אין דעם לעבן (און נישט אַפילו אין דער פאַרשטעלונג,) אַזויפיל

מיטלען און מאַטעריאַלן, אַף צו קענען אויסדריקן דעם אומגעהויערן פּלאַ־טער פון זיין וויזיע... און דאָך, נישט געקוקט אַף דער נישטיקייט פון דעם וויכטיקסטן ווערק זיינעם, לגבי אים אַליין, — טוט זיך דאָס ווערק ערשט פאַרמעסטן — קעגן אים גופא; עס זוכט איינצוצוימען — זיין אומ־ענדלעכע גרויס; צווינגען א י ם אַליין זיך־איינשרימפּן — צוליב אַ נישט־געלונגענער אַבאָרטירטער נישטיקייט...

יא) נאָך יעדן קונסט־באַשאַף, בלייבט דער קינסטלער טראַגיש־דער־שעפּט און פאַרצווייפלט, און ער דערשפּירט זיך נישטיק־קליין־אומ־באַדייטנד — קעגניבער דעם אומגעהויערן קונסט־באַשאַף. מיט זיין שאַ־פונגס־טאַט, האָט דער קינסטלער זיך געטון דערהויבן צו דער מדרגה פון געטער; ער האָט געטון נעגירן דאָס נידעריקע זיין (דעם זין) פון וועלט, פון לעבן, און געטון אָנשלאָגן — אַ נייע העכערע איינציקע געטלעכע אילוזיע־וואָר פון זיין, וואָס אַ אָפּשיין פון איר בלויז, פון דער אידייע, איז דער קונסט־באַשאַף, די אַנטפּלעקונג; וועלכע ווערט איצט אומאָפּ־הענגיק פונעם קינסטלער, פריי־געטלעך־אין־זיך; ווי אַנהויבנדיק דעם קיום — מיט זיך; ווי ציענדיק דעם שורש — פאַרביי דעם קינסטלער — אויס העכערע קוואַלן, געטלעכע, אידייאישע; ווי אָפּ־וואַרפנדיק אים, דעם קינסטלער — ווי אַ נישטיקייט אַן ערדישע (אַן אומזיניקע,) אַ נידעריקע — אינגאַנצן פון זיך... בלייבט ער שטיין, דער קינסטלער, מן הצד — אַזוי ווי אַן אויסגעשטוילטער, אַ באַרויבטער פון דער איינציקער דאָזע געטלעכקייט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך ביז איצט; ביז ער איז נישט געקומען און זי אַרויסגעגעבן פון זיך — אַף קונסט, אַף באַשאַף; און אַליין איז ער געבליבן — אויסגעליידיקט, הויל, אָפּגענאַרט, איינזאַם, איבעריק, נישטיק, קליין, נידעריק, געפאַלן, שוואַך, אוממעכטיק, אומבאַדייטנד און זינלאָז אפילו מיט זיין גאַנצן קיום מער; כאָטש נעם און לייז זיך אויף אינגאַנצן, אויב עס איז נאָך פאַרבליבן עפּעס פון דיר וואָס אויפצולייזן; באַגיי זעלבסטמאָרד — אין אָנבליק פון גאָט, פון קונסט, פון אידייע; אפשר אַזוי־אַרום, וועסטו זיך באַניים קענען דערהויבן; ווידער אַריין אין דער מחיצה פון די אומשטערבלעכע; דו, וואָס דו האָסט זיך נאָר, איינמאָל אין דיין לעבן, געפּרואווט שטעלן אַף דער דרגא און אין דעם גבול פון גאָט; און גענומען שאַפן קונסט, אַזוי־ווי ער!

דער קינסטלער — אין אָנבליק און שיין און אַנטפּלעקונג פון זיין קונסט־ווערק, (אַ אָנווייַ בלויז פון אומענדלעכקייט; אַן אָפּגעהאַקטע אַנט־פּלעקטע בלענדנדע שטיק גאָט־אידייע, וואָס איז מרמז — אַף המשך, אַף אַ גאַנצעם, אַף פּערפעקטער געטלעכער שלמות,) וואָס ער האָט באַשאַפן, — דערשפּירט און דערזעט, ערשט — די נישטיקייט, דעם אומזין פון

דער גראָבער ערדישער וועלט אַרום; און זיין אייגענע נישטיקייט, אין שייכות מיט דער גאַנצער גראָבער ערדישער וועלט אַרום... זיין נישטי־קייט און, צו גלייכער צייט, זיין פּראַכטלעכע אוממעכטיקייט. ווייל ער ד ע ר ז ע ט , צוגלייך — אין אָנבליק פון איין שטיק אַנטפּלעקטע דורך אים גאָט־אידייע, אַף דעם פאַרשטעלטן אָפּשניט פון איין ווינקל בלויז פון א לאַנדשאַפט פון דער נידעריקער ערדישער וועלט: ווי אומענדלעך־גראַנדיעז־אומגעהויער עס שלאָגט, אונטער דער אוניווערסאַלער פאַר־בלענדזעניש פון דער גאַנצער וועלט־לאַנדשאַפט, אַ, די גוואַלדיק־מאוימ־דיקע גאַנצע גאָט־אידייע (געטלעכער זין;) וועלכע לאָקט, צויבערט און מאַניעט צו אים, אַזויווי אַ געבונדענע, אַ געפאַנגענע; און זי רופט צו די קינסטלער זיין גלייבן: זיי זאָלן קומען און איר דערלייזן אינגאַנצן — אין דער קונסט; און איר אויפדעקן און איר אַנטפּלעקן אינגאַנצן — דורך צעשטערן די וועלט, דאָס לעבן; דורכן אומברענגען, אויפאָפּפערן זיך און אַלץ — אינגאַנצן, אַ, אַפן מזבח פו גאָט, פון געטלעכער באַפרייונג, פון איינציקער געטלעכער בלויז (במילא, אכזריותדיקער, שרעקלעך־אומזיני־קער,) פרייהייט אין זיך; און ווייטער גאָרנישט מער...

נו, איז אַ רבותא: הלמאי דער גרויסער עכטער מענטש־קינסטלער — אין פּאַטאַלן באַריר און געראַנגל צווישן אָרעמען בלוטיק־מענטשלעכן שעפערישן זין, און פרעכטיק־קינסטלערישן געטלעך־אכזריותדיקן אַלצ־אומברענגנדן אַלצפאַרלענדנדן אומזין — רעבעלירט קעגן די טויבע קלעפּ און פאַרצווייפלטע הילף־רופן פון אוממענטשלעכן גאָט־קינסטלער, אים צו באַפרייען פון דער וועלט־תפיסה; און ער, דער קינסטלערישער וואָרעם־בלוטנדער לעבעדיקער מענטש, ב ל ײ ב ט א ן ע ק ר ?!.

יב) דער געראַנגל פונעם קינסטלער מיט זיין קונסט־ווערק, דאָס איז — דער פּאַטאַלער שטרייט צווישן צוויי וואָרן. נאָכדעם ווי דער קינסטלער האָט אַנטפּלעקט אַ נייע העכערע וואָר, — נעמט זי נעגירן — אים אַליין.

דאָס איז דער געראַנגל צווישן גאָט־קינסטלער און זיין קונסט־באַ־שאַף — די וועלט. ווי ער דערשפּירט, גאָט: אַז די נייע וואָר, וואָס ער האָט אַנטפּלעקט, איז — אַ העכערע, אַן איידעלערע פון אים. ניין. נישט ער האָט זי באַשאַפן. נאָר, עס איז געווען געגוג, אַז ער זאָל זיך איינ־שרימפּן, — און זי זאָל אַליין אַפּערקומען — אַזוי גוט, ווי ער — פון נעפּל, ערפל. אָבער זי איז — אַ נייע ראַשיקע אַנטפּלעקונג, וועלכע שלאָגט — אויס די זעלבע טיפע גרונטלאַזע אור־קוואַלן, ווי ער. און כאָטש ער איז געווען געצוואונגען (נישט מיט זיין ווילן, נאָר פון זיין בלינדן פאַטאַלן אימפּעט געשטויסן, ווי אַף עמיצנס באַפעל,) איר צו באַשאַפן, — איז זי אָבער — אומאָפּהענגיק פון אים; איז זי — אַ ווײ־

טערדיקער עטאַפּ פון אים — אין דעם אויפשלאָג־דראַנג, אויס דעם אור־נעפּל, אין דעם גאַנג פונעם זיין און ווערן, דורך אומענדלעכער צעשטע־רונג, צו אומענדלעכער פּערפעקציע; און זי, די וועלט — זיין געצוואונ־גענער קונסט־באַשאַף — פאַרשטעלט אים; נעגירט אים, נאָכדעם ווי ער האָט זיינס אָפּגעטון; מאַכט אים איבעריק, דעגראַדירט, אין דעקאַדענץ...

יג) די עכטע קונסט איז — אַן עקרה. דער קינסטלער — אַן עקר. ער טראָגט אַריבער די אַנטפּלעקטע קונסט־פאָרם פון דעם שיינעם גע־שטאַלט פון דער יונגער, אָבער סענטימענטאַל־לעבעדיקער פרוי — אויף דעם טויטן שטיין, אויף דעם טויטן לייוונט פון דער געפיללאָזער קונסט. אַזויאַרום, ראַטעוועט ער אַרויס די קונסט — אויס דעם מבול פון סענ־טימענטאַלן אַלץ־פאַרפלייצנדן, אַלץ־פאַרניכטנדן, אַלץ־צעשטערנדן, אַלץ־דעגראַדירנדן לעבן; און ער ברענגט זי, די קונסט, און ער דערהויבט זי ווידער — צו איר אומדערגרייכבאַרער אומענדלעכער הייך; און ער קערט זי אום צוריק — צו איר אייגענער פרייהייט אין זיך; אַהין, וואו זי בלייבט אויסגעשטעלט אַליין — אויף איר אייגענעם געפיללאָזן פרייען און באַפרייטן ברוטאַלן אינערלעכן געראַנגל: פאַר דערהאַלטונג, אין דעם דראַנג צו זעלבסט־צעשטערונג; כדי, אַ, זיך, ענדלעך, באַפרייען פון דער אייגענער פאַטאַליטעט, פון דער אייגענער פרייהייט — אין אַבסאָלוטן נישט ווערן...

און אַזוי אויך, אין העכסטער פרייסטער התבוננות, אין ברוטאַלס־טער, געפיללאָזסטער זעלבסט־פאַרבלענדנדער, זעלבסט־פאַרניכטנדער, זעלבסט־צעשטערנדער, אַ, זעלבסט־אויסראַטנדער, זעלבסט־אכזריותדיקס־טער אַבסערוואַציע א י ן ז י ך ..., — נעגיסט ער, דער געשטראָפּ־טער, אַ, דער געבענטשטער קינסטלער — דעם העכסטן און איינציקן גענוס פון דער (פון זיין) קונסט...

יד) די פרוי איז אומשטאַנד בלויז אָנצוצינדן אין דעם קינסטלערס גע־מיט זיין לאַטענטע בענקשאַפט צום אומענדלעך־ווייבלעכן, פון וועלכן זי איז, מיט איר גאַנצן גלאַנץ און פּראַכט, בלויז אַן אָרעמער בלייכער אָפּ־שיין; אַ ניצוץ בלויז פון אַ שלהבת; און זי איז, דאַרום, נישט בכוח באַין אופן צו זעטיקן דעם בראַנד, וואָס זי האָט אַצינד אַזוי מעכטיק פּאַטענט געטון צעפלאַקערן אינעם קינסטלערס געמיט... און דער קינסטלער, אין וועמען די צעוועקטע ליבע האָט געטון אַזוי פול אָנקוועלן, אים פאַר־פלייצט איבער אַלע זיינע ברעגעס, אַזוי ראַשיק פאַנטאַסטיש צעעפנט אַלע זיינע אָנגערייצטע חושים פאַר אויפנעמען דעם אייביקן פלוס, און צו וועמען עס גייט אַצינד דער צופלוס פון אַלע מיסטעריען פון ליבע־בענקשאַפט פון נאַטור, פון זיין, — דערפילט זיך מיטאַמאָל אַזוי ביי־טער־שאַרף איבערגעלאָדן, ווי אין אַ תפיסה אַלציינס, אין די ענגע תחו־

מין פון זיין געמיט, — אַז ער בלייבט דערדריקט אונטער דער מוראַ־דיקער געטלעכער שפּע־לאַסט; אַז ער דעקט אויף — זיין גאַנצע אוממעכ־טיקייט, דאָס אויסצוהאַלטן; און ער ווערט טראַגיש פאַרצווייפלט אַפּ־העניטיק — פאַר אַט דעם גרויסן גראַנדיעזן אומענדלעכן; צו וועלכן ער האָט תמיד געבענקט און עס אַרויסגערופן; אָבער אַצינד, איז ער נישט בכוח — עס איינצונעמען, באַנעמען, אין זיך עס אויפצונעמען...... נאָר, באַגרייפנדיק זיין קאָנדיציע פון מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט, צו קע־נען איינהאַלטן אין זיך דאָס אומענדלעכע, וואָס עס האָט געטון צו אים אַנפלייצן דורך דער אַנרעגונג פון דער פרוי, — טוט ער זיך פון איר, דער אָרעמער, (ווי געזאָגט אויבן,) דערוויטערן פולשטענדיק; און אין זיין אומאָפּהאַלטלעכן געטריבענעם דראַנג צו דער פרייהייט, — טוט ער ערשט אויסרופן אין זיך — דעם מוטיקסטן אויפשטאַנד פון גייסט קעגן דער מאַטעריע — אין זיין געמיט; און ערשט, אַ באַפרייטער פון דער אָרעמער מאַטעריעלער פרוי אינעם לעבן, וועלכע האָט אַזוי שאַרף גע־רייצט, באַגלייך מיט זיין גייסט, אויך זיין בלינדע מאַטעריע, — טוט ער זיך שטעלן פּנים צו פּנים דירעקט — ווי דער מיסטישסטער גלויביקער אַלציינס — מיט דער אומענדלעכער געטלעכער (גייסטיקער) ער־זי־מיס־טעריע אינעם זיין; כדי זי צו געניסן, די מיסטעריע — ווי די געטער, אין זייער אייגענעם פּאַטאַלן דראַנג צו באַפרייונג... פון זיך גופא...; און כדי, ווי די געטער אַלציינס, צו רעזיגנירן — פ אַ ר ד ע ר א י י־ג ע נ ע ר ט ר אַ ג י ש ע ר א ו מ ע נ ד ל ע כ ע ר ג ר ו י ס; וועלכע לאָזט, באַין אופן, נישט קיין אָרט — פאַר קיין דרויסן, פאַר עט־וואָס אויסער זיך, מחוץ פון זיך; און צווינגט פּאַטאַל צו פאַרבלייבן ביז אייביק אַזוי — אין דער אייגענער אומענדלעכער תפיסה פון גאָט און קינסטלער; פון זיך גופא...

טו) ווען דער קינסטלער, בעת זיין אימאַזשינאַרן פאַנטאַסטישן שאַפן, קומט־צו צו אַ שיידוועג, וואו ער האָט אויסצואוויילן צווישן פאַר־שיידענע עווענטועלע סיטואַציעס, און אויסוויקלען, און דעצידירן דאָס ווייטערדיקע געשעען און לויף און גאַנג פון דער פּאַסירונג — לויט זיין אייגענעם איינזעען, און ווילן, — לעבט ער דאַן איבער דאָס גליקלעכס־טע געפיל פון אַבסאָלוטער פון־אַלץ־און־פון־אַלעם־אומאָפּהענגיקער פ ר י י ה י י ט ־ א י ן ־ ז י ך ...

נאָכמער לעבט ער איבער, דער קינסטלער, דאָס גליק פון דער דאָ־זיקער פרייהייט: בעת ער ש אַ פ ט ־ א י ב ע ר — שוין האָבן־גע־האַט־געשעענע, אַרויסגערופענע היסטאָרישע פּאַסירונגען; וועלכע ער קנעט איבער קינסטלעריש, און ער גיט זיי — די ריכטונג, אויסלעבונג, ווענדונג און אויסוויקלונג, אין זייער גאַנצן עבר, הווה און עתיד — לויט

ווי ע ר ז ע ט ז י , די פּאַסירונג; אַ, אינגאַנצן אַנדערש פונ־דערפון: ווי מיליאָנען האָבן זי געזען, זי בייגעוואוינט, און זי ממש אי־בערגעלעבט — מיט זייערע אייגענע לעבנס...

דאָן, פאַרשטייט זיך, איז צו דעם פרייען גליק פונעם קינסטלער נישטאָ גאָר קיין גלייכן — אין דעם לעבן...

ווייל, ווער נאָך, ווי ער, דער קינסטלער, קאָן דערזעען און דערפילן — אין דעם געדיכטן מוטנעם לעבנס־שטראָם פון געשעענישן פּאַסירונ־גען — אַט דעם איינציקן אייביקן געטלעכן אומרואיקן פּלוס פון דעם ווערן אין דעם זיין...; און לויט אים, לויט אַט דעם געטלעכן פרייסטן אומענדלעכן אויפקום־שטראָמען און זיך טון ריכטן אין זיך, — וועט ער, דער פרייער קינסטלער — אַ, מיט זיינע צעעפנטע צעלעכצטע חושים, אָנגעדורשט צום אייביקן — טון אַנטשיידן — דעם לויף און ריכטונג פון זיינע אימאַזשענירטע פּאַסירונגען, אַפן שייד־וועג פון זייער ווערן; און שוין אַ וודאי טון פעסט און זיכער קאָרעגירן — די פאַרדרייטע פאַר־קריפּלטע און פאַרבלאָנזשעטע, אַזויגערופענע היסטאָרישע לעבנס־פּאַסי־רונגען פון די בלינדע מענטשן; און זיי טון אויסלייזן — די פּאַסירונגען, באַגלייך מיט די מענטשן; און זיי טון דערהויבן צוריקברענגען, און זיי טון אַרויפפירן — אַף דעם דרך הישר פון דעם איינציקן אייביקן פריי־געטלעכן פלוסנדן זיין און ווערן אין זיך...

נאָר דערביי, אַ, טוט אָבער דער פרייער קינסטלער, (וועלכער האָט, ערשט, אין זיין שאַפונגס־עליה, באמת דערגרייכט צו דער שטופע פון געטלעכער פרייהייט,) נישט באַגרייפן אָט יענע איינפאַכע פאַטאַלע וואָר: אַז דער געטלעכער אייביקער אומרואיקער פרייסטער פלוס פון דעם ווערן אין דעם זיין אין זיך, דאָס הייסט, אָט דער פרייסטער געטלעכער אומ־ענדלעכער דראַנג צו אַלץ־נייערער שטוינענדסטער זעלבסט־אַנטפּלעקונג, (ווייל מענטש, נאַטור און אַלץ איז דאָך בלויז — איין פאַרשיידנאַרטי־קע אומויפהערלעכע געטלעכע אַנטפּלעקונג־בלויז פון זיך גופא...) צו אַלץ־טיפערער זעלבסט־התגלות, צו אַלץ־מער־נאַקעטערן פרייען פרילינג־צעצ־בליטן ווידוי־אויסברוך אין זיך גופא; יאָ, איז אָט דער דראַנג צו העכס־טער און טיפסטער פרייהייט אין גאָטס געמיט איז — אַ פאַטאַלער, אַן אומפאַרמיידלעכער, אַן אומבאַדינגטער, אַזאַ מין קאַטעגאָריש־אימפּעראַ־טיווער אופן זיין פון גאָט אַליין... מיט איין וואָרט: אַזאַ אַ מין באַדינג־טער זיין און ווערן — אין דער אייביקער תפיסה פון פרייהייט; צו וועל־כע גאָט (און קינסטלער) איז פאַטאַל־פאַרשקלאַפט לעולם־ועד... אָבער מיט וועלכער (מיט אָט דער פאַטאַלקייט) גאָט (און קינסטלער) מאַכט קיינמאָל נישט שלום... ער רעבעלירט אייביק קעגן דעם פאַטאַלן פאַר־שקלאַפט־זיין צו זיך גופא; צו דער אייגענער (תפיסה פון) פרייהייט...

און ער שטראָמט אייביק אומרואיק און צעשטורעמט — אין זיין ווערן אין דעם זיין; אָ, כדי צו אַנטלויפן, (גאָט, און דער קינסטלער,) אָ, כדי זיך צו באַפרייען, איינמאָל אַף תמיד — פון דער אייגענער לאַסט־דריקנדער פרייהייט, פון זיך גופא; אָ, פון אָט דער שווינדעלעכס־טער פרייהייטס־תפיסה פון דעם זיין...

טז) דער שרייבער, וואָס נעמט זיך צו אַ טעמע, וואָס איז איבער זיינע כוחות, — איז געגליכן צו דעם, וואָס וואַרפט זיך צו באַ־קעמפן דעם בער. איז, ווער עס קוקט צו דאָס בילד, קען נישט באַשטי־מען — ו ע ר עס האַלט דאָ־צו ו ע מ ע ן: ער — דעם בער; אָדער אפשר גאָר דער בער — אים...

יז) נאָך עפּעס, וועגן אויסגעדראַכטער קינסטלערישער (עמאָציאָנעלער) וואָר, אין סתירה צו רעאַלער (אינטעלעקטועלער) וואָר. אָ, עס איז שווין צייט צו באַנעמען: אַז אַלץ איז — אַ קאָנסטאַנץ, א י נ ע ר־ה א ל ב אונזער געמיט; אַזוי, די אינטעלעקטועל־לאָגישע וואָר, מיט א י ר ע אויספירונגען און שלוסן, בנוגע די סענסאַציעס פון די חושים; אַזוי, די עמאָציאָנעל־קינסטלערישע אויסגעדראַכטע וואָר, מיט א י ר ע א יי ג ע נ ע אויספירונגען און שלוסן, בנוגע די סענסאַציעס פון די חושים... עס איז קלאָר: אַז ווען די גאַנצע מענטשהייט וואָלט באַזעסן אַ אויסשליסלעך־אינטעלעקטועלן איינשטעל, — וואָלט זי געזען בלויז איין וואָר, אַ לאָגישע. עס איז אָבער נישט ווייניקער קלאָר: אַז ווען אַלע וואָלטן באַזעסן אויסשליסלעך אַ עמאָציאָנעלן איינשטעל פון געמיט, — וואָלט מען בלויז געזען איינונאיינציקע וואָר, אַ פאַנטאַסטישע...1) אַזוי, אַז די עכטע קינסטלעריש־אויסגעדאַכטע ווזיע איז אַן־און־פאַר־זיך — נישט ווייניקער אמת, — איידער ווי דער פרעטענדירטער אויסגעשריגע־נער אמת אַן־און־פאַר־זיך — פון דער לאָגיק... פאַר שקר, אַלזאָ, דאַרף באַטראַכט ווערן בלויז יענע שילדערונג, וועלכע קומט פאַר נישט־עכט; וועלכע איז — אַ שקר־אין־זיך...

יח) אין דער יוגנט, ווען דער קינסטלער אַליין איז גאַנץ; עס הייסט, ווען אין־ זיין געמיט איז אויסגעגאָסן דער עמאָטיווער ים, וועלכער האַלט פאַרפלייצט דעם אומרייפן אינטעלעקט, — דאַן זעט ער אויך און ער שאַפט זיינע מענטשן — גאַנץ; ווי מענטשן...

אָבער, אין די שפּעטערדיקע יאָרן; ווען רייפגעוואָרענער אינטעל־לעקט באַפרייט זיך, און שפּאַלט די גאַנצקייט; איז, סיי ווען אים גע־

---

1) פונקט, ווי עס קען געמאָלט זיין: אַז יעדע וואָרן באַדינגען זיך, קעגנזייטיק, ווי פאַן און בילד אַלצייַנס; און יעדע איינע פון זיי, אַ ל יי ן, באַטייט גאָר — אַבסאָלוטע בלינדקייט...

לינגט צוימען דעם עמאָטיוון ים, אים איינשפּאַרן אין זיינע ברעגן, אים אפילו באַהערשן, און איינשעטלן אינעם רעוועלירטן כאַראַקטער־געמיט פון די בערג מיט די טאָלן — אַ גלייכגעוויכט; און אַ וודאַי, ווען דאָס געלינגט אים נ י ש ט , און ער בלייבט בלויז, דער אינטעלעקט, באַ זיין אייגענער עמאַנציפּירונג, — איז אָבער, אַזוי צי אַנדערש, די דעזינטעגרירונג אינעם געמיט — אַ קאַטעגאָרישער פאַקט; די אידעאַלע גאַנצקייט איז פאַרשוואונדן... דאַן, הערט אויף, במילאָ, דער קינסטלער צו זעען — גאַנצקייט אין די מענטשן; דאָס הייסט, אַז ער הערט אויף זעען — מענטשן... נייערט, ער נעמט זעען — דעם נאַקעטן אמת: פון טראַגישער קראַנקהאַפטער צאַפּלנדער כאַראַקטערלאָזער, נאָמענלאָזער, מענטשלאָזער, אינדיווידלאָזער, בלינדער, ביאָלאָגישער, אינטעלעקטועלער, עמאָציאָנעלער, עלעמענטן־מאַסע, אין פּאַטאַלן אומויפהערלעכן ספּאַזם און געראַנגל — הן מיט דער אייגענער בלינדקייט און פאַרבלענדעטער זעעוודיקייט; און דאַן — מיטן אומדערבאַרעמדיקן אַנטי־ביאָלאָגישן טויט־זינגענדיקן אוניווערס...

יט) ווען מע קוקט אָן דעם געבורט פונעם דאָרן, באַ דער זייט פון דער רויז, — זעט מען־צו די פּאַטאַלע טראַגיק, וואָס הויערט אַף דער קונסט, פון איר אויפקום אָן.

זי, די אַנטפּלעקטע קונסט, איז בלויז אַ באַשיידענע רעוועלאַציע, אַ אָנרעגונג צו דער אומענדלעכער שיינקייט; און בעת זי איז עלול צו צ ע צ י נ ד ן אין אונז די ליידנשאַפט צום אומענדלעכן, — איז זי אָבער אַליין צו־אָרעם, (ווי די יונגע רייצנדע פרוי, אַלציינס,) אָט דעם דורך־איר צעפלאַקערטן דורשט צו קענען לעשן; און ווען דער מענטש דער לעכצנדער עובד באַפאַלט איר; ער פאַלט־צו צו אירע קוואַלן, כדי זיין בראַנד צו שטילן, אָבער ער קען באַ איר די געגאַרטע גענעזונג, די געבענטשטע רו נישט טרעפן, — צעשטערט ער איר, אין זיין הייליקער אַכזריות, אין זיין אידעאַלער ברוטאַליטעט; אין זיין אומגעהויערער ליבע צו איר, וואָס איז געוואָרן באַקערט אין אומגעהויערן האַס צו איר; און געטריבן פון זיין אומרו און דורשט, פאַרלאָרן זיין רו, זיין גאַנצקייט, זיין תמימות אַף אייביק; נייערט, אָן אָנגערייפטער, אַ צעשפּאָלטענער, אַ גאַנגרעניזירטער צו קיינמאָל־לייזבאַרן פּראָבלעם, — בלאָנזשעט ער, אַ טיף־אומגליקלעכער, פון איר אַוועק; צו טרעטן, פון אַצינד און ווייטער, אין עלנט און טראַגישער פּיין, זיין אייגענעם פּאַטאַלן וועג צו דער אומענדלעכקייט...

איז, דאַן ערשט, קאָן מען זאָגן, האָט זי, די צעטראָטענע אומגעבראַכטע קונסט, דורכגעפירט איר שליחות בשלימות...

כ) דער, וואָס טראָגט מיט זיך (אין דעם געמיט) די קרישטאָלענע כלים פון קונסט, — קען זיך נישט פאַרגינען דעם לוקסוס — צו פאַרפירן

גאסן־קאמפן, — נייערט, ער מוז זיי אויסמיידן; ווייל, ביז וואס־ווען — וועלן, דערוויילע, אין דעם געדרענג, צעבראכן ווערן די איידעלע כלים; און דאן, — וואס וועט א י ם — דעם ממונה צו וואכן אף דער שלימות פון דער קונסט־יצירה — שוין קענען אנגיין זאגאר דער עווענטועלער נצחון אין דער גאס?!

כא) עס איז לעכערלעך צו קומען פאדערן בא א דיכטער פון אזא פארנעם, ווי עדגאר אלאן פא, אז ער זאל זיין ע ט י ש . איז נישט געגנוג פון זיין זייט דאס, וואס ער איז — געניאל פ א ־ ע ט י ש ?!

כב) דאס לעבן, וואס ווערט נישט רעגיסטרירט דורך דער קונסט, — עקזיסטירט נישט בכלל. די קונסט נעמט אויף נאר — דאס אייננציק־עקזיסטירנדע, דאס איינציק־טיפישע, וואס ציט דורך, אומווידערהאלנדיק, ווי א גאלדענער אדער — אין אייביקן צעשטער־און־באשאפדראנג צו פערפעקציע — אינערהאלב און פארביי דעם אנאנימען נאמענלאזן, זיך־ווידערהאלנדן (במילא, נישט־עקזיסטירנדן) בלינדן ביאלאגישן מאסע־שליים פון פריה־ורביהדיקן זיך־פרוכפערנדן און זיך־מערנדן לעבן אליין; וואס הויבט אויף אזויפיל טומל אונטער דער זון, כדי מע זאל מיינען, מע זאל דערהערן — א, אז ערשט ד א ס וויסט פון א לעבן...

כג) דער עכטער דיכטער זינגט אזוי לאנג צו דער געליבטער, — ביז וואנען ער הויבט אן באנעמען: אז זיין געליבטע איז — דאס ליד גופא; אז דאס זינגט ער, אין שיכורן עקסטאז — צום ליד; צום שעפערישן ווארט...

ווייל, וויכטיק איז: נישט — די געליבטע, — נאר דאס ג ע ־ ז א נ ג וועגן ליבע; נישט — די דערפונדערנע מאשין, — נאר איר בא־זינגער; נישט — דאס שטאל פ ו ן ד ע ר ל ו פ ט ־ ש י ף , — נאר דער מעטאלענער קלאנג פ ו נ ע ם ג ע ז א נ ג ... נישט — דער פארגענגלעכער קלאנג פ ו ן ד ע ר מ א ט ע ר י ע — אייזן, בעטאן, — נאר דער אייביקער אומדערשיטערלעכער קלאנג פון דעם איינציק־עקזיסטירנדן ממשותדיקן וו א ר ט ...

כד) ווען א שרייבער ארבעט ־ א י ב ע ר ,זיינס א ווערק, וואס ער האט געשאפן, מיט א צייט צוריק, — דאן, קומט ער, (ד ע ר — פון ה יי נ ט ,) אין א געפערלעכן קאנפליקט — מיט ד ע ם פון נ ע כ ט ן : וועלכער איז אזוי ווייט פון אים, אצינד, (פונקט, ווי דער פון א י צ ט איז ווייט פון י ע נ ע ם ; און, במילא, דאדורך טאקע, זענען זיי זיך ביידע — פאטאל־אומצעשיידבאר־שרעקהאפט־נ א ע נ ט ,) — אקוראט, ווי עס זענען דאס — די צוויי געפערלעכסטע און בלוטיקסטע שונאים, אלציינס...

די תפיסה פון דער מאַסע

א) ווען איינער ווערט גרויס אין די אויגן פון דער מאַסע, גייט זי דאַן און רופט אָן מיט זיין נאָמען אַ גאַס: אַ וודאי, כדי יענעם צו פאַרוואַנדלען אין — אַ גאַסן־מענטש.

ב) די סוביעקטיווע אידייען, וואָס מיר ברענגען פאַר פאַר דער מאַסע, האַלטן איר אָנגעצונדן אַזוי לאַנג, — ווי מיר ברענגען אַליין... אָבער באַלד נאָכדעם, ווי די מאַסע שלאָפט זיך דורך מיט אונז, — בלייבן מיר פאַר איר אויסגעשוימט, אויסגעברענט, אָפּגעלעבט.

ג) אין די נישט־טיפע ערטער פון טייך איז גרויס די מאַסע, און עס איז גרויס דער רעש. דאַקעגן, אין די מקומות די טיפערע — איז צו טרעפן בלויז יחידים און שטילקייט.

ד) ווילסטו געווינען דעם המון, — רעד צו אים אומפאַרשטענדלעכע דולע רייד, וועסטו אים „איבערצייגן." דאַקעגן, ווען דו וועסט רעדן צום המון לאָגיש, — וועט ער דיך דערקלערן פאַר דול.

ה) עס איז מסתמא אמת, אַז די רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק. עס איז אָבער אויך נישט קיין ליגן: אַז דאָס פאָלק, די מאַסע קאָן זיך נישט דערהאַלטן, אַלס אַזעלכע — אָן אָפּיום: אָט די ווילד־אומגעלומפּערטע הויפנס שטותים, אידיאָטיזמען, פּאָליטיש־פאַנאַטישע רעליגיעס, און אַנדערע פאַרטויבנדע דראָגן און משקאות, וועלכע די מאַסע זשליאָקעט — אַ לעבן לאַנג, כדי זיך צו דערקוויקן און דערשפּירן דעם דפק פונעם אייגענעם האַרץ.

ו) פון יעדן איינעם, אַ גרויסן מאַן, ווען די מאַסע פאַרערט, — שפּעט זי. יעדן איינעם, אַ גרויסן מאַן, פון וועמען די מאַסע שפּעט, — פאַרערט זי, טיף־אינטים, אין שרעק; און איר שפּאָט איז אַ שלעכטער דיספראַז פאַר איר אימפּאָטענטער קנאה, הלמאי זי קען אַליין צו דעם נישט גרייכן... זי קומט פאַר, אין דעם פאַל — ווי דער פוקס, וועלכער דערקלערט פאַר זויער אַלע ווייַנטרויבן, צו וועלכע ער קען נישט דערלאַנגען...

ז) ווען אַ לאָקאָמאָטיוו שלעפּט אַ מאַסע וואַגאָנעס, טאָר ער זיך קיינמאָל נישט פאַרהאַלטן ראַפּטעם; ווייל עס דראָעט אים דאַן די געפאַר — אַז די מאַסע, וועלכע איז אַריין אין טראַנס, אין אינערציע, — זאָל נישט אַרויף בלינד־אומאָפּהאַלטלעך אויף אים און אים צעשמעטערן... ווען גייסט פירט נאָך זיך אַ בלינדע מאַסע, — טאָר ער זיך קיינמאָל נישט פאַרהאַלטן ראַפּטעם; ווייל ער איז דאַן באַדראָעט פון דער געפאַר: אַז די צעבושעוועטע מאַסע, וועלכע איז אַריין אין טראַנס, אין אינערציע, — זאָל נישט אַרויף בלינד־אומאָפּהאַלטלעך אויף אים און אים צעשמעטערן...

ח) אין דעם אַנימאַלישן פּעריאָד, באַגלייט דעם קינד — די סטאַדיע הינט, קעץ, קעלבלעך א. אַ. וו. ביז ער נעמט אונטערוואַקסן, — און זיי בלייבן הינטערשטעליק; זיי קענען נישט אַריבער זייער נאַטור־מחיצה; און דאָס מענטשן־קינד גייט ווייטער — אַליין.

אָבער דאָס זעלבע ווידערהאָלט זיך מיט אים — שפּעטער, אין משך פון זיין גאַנץ לעבן. אומעטום, וואוהין ער קומט — אין שול א. אַ. וו. — באַגלייט אים די אַנימאַלישע מענטשן־סטאַדיע אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען ער נעמט ווידער וואַקסן. דאַן, גייט ער אַוועק אין פאָרויס — אַליין; און זי, די סטאַדיע, בלייבט הינטערשטעליק; ווייל זי קען איר אייגענע אַני־מאַלישע נאַטור־מחיצה נישט אַריבער, באין־אופן.

און אַקוראַט דאָס אייגענע געשעט מיט דעם צוזאַמענגיין־זיך פון מאַן און פרוי. זיי גייען אַזוי לאַנג איניינעם, — ביזוואַנען אין אים נעמט אויפקומען און פאַרטרעטן דעם זכר — דער מענטש. דאַן, גייט ער אַוועק אין פאָרויס — אַליין; און זי, די אייביקע אישה, בלייבט הינטערשטעליק; ווייל זי קען קיינמאָל איר אייגענע אַנימאַלישע נאַטור־מחיצה נישט אַריבער, באין אופן... ,

ט) אין דעם ווילדן דזשונגל, וואו עס גייען אַרום בלויז צוויי מענטשן, — איז ענג דער וואַלד — פאַר זיי ביידן. דאַקעגן, אין דעם ס אַ צ י אַ לְ ן דזשונגל, וואו עס גייען אום מיליאָנען ציוויליזאַציע־ווילדע, — מוז זיך יאַקאָש געפינען פּלאַץ פאַר אַלע...... דאָס איז דער־פאַר: ווייל, אין ערשטן פאַל, רייצט דער אומגעהויער־ברייטער דזשונגל, אין יעדן איינעם פון די צוויי לייט, דעם בלינד־אימפּולסיוון אומדערזעט־לעכן דראַנג — אַלץ איינצונעמען־איינצושלינגען פ אַ ר ז י ך . דאַקעגן, אין דעם צווייטן פאַל, רעדט דער פול־געפּאַקטער סאָציאַלער דזשונגל, אַזוי קלאָר, צום שכל פון יעדן איינעם פון די מיליאָנען און וואָרנט אים: אַז נאָר אין דעם איינשרימפּן ז י ך אַ ל יי ן וו אָ ס מ ע ר שטעקט זיין איינציקער באַדינג פאַר דערהאַלטונג...

דער בלינדער אימפּולס בלייבט אָבער בא דאָס זייניקע: אַז אין דעם ווילדן דזשונגל פון די צוויי האָט זיך פאַרט געלעבט בעסער — פ ר יי ־ ע ר ... איר פאַרשטייט? דער עיקרשט, גייט אים, דעם אימפּולס — אין דער פ ר יי ה יי ט ... און ער טוט אַלץ, וואָס ער קאָן: כדי אומצו־קערן דעם פאַרשקלאַפטן מענטש־נעבעך פון דער היינטצייטיקער ציווי־ליזאַציע — אַ, צו יענער עכטער אַבסאָלוטער הייליקער פרייהייט פונעם דזשונגל...

י) אין תוך פון דער פאַרערונג שטעקט — דער חוזק. דעם, וועמען מע פאַרערט, — באַטראַכט מען, אַלס פרעמדן; מע לאָזט אים נישט־צו צו זיך, ווערן היימיש. מע שטעלט אים — מחוץ פון זיך; ווי אַ לאַסט

— איבער זיך; וואָס רופט אַרויס — אַ גערודער, אַ דערדריקונג, אַ צע־שטער פון דער פריַיער אומגעשטערטער נאָרמאַלקייט צווישנאַנאַנדער, וואָס האָט דאָ געהערשט, אין דער מסובה, ביז זיין אָנקום; און מע לאָדט אים, דאַרום איין — דורך דער פאַרערונג — אַוועקצוגיין: כדי אַלעמען פרייצולאָזן פון דער געקרעמפּירטקייט, צוגעבונדנקייט; און לאָזן יעדן איינעם צוריקקערן צו דער לויזקייט, ווי געווען...

וואָרום, וואָלט ער געווען ליב, דער פרעמדער, — וואָלט מען אים נישט געווען פאַרערט; וואָלט מען גלייך מיט אים געוואָרן היימיש; זיך אפילו רעכט אַף אים נישט געווען אַרומגעקוקט; און דאַדורך, אים געווען אויסגעדריקט — די פולע מאָס אָנערקענונג, אַלס איינגענעם, ווער עס איז ליב, מאַכט נישט ענג; מאַכט נישט אַנדערש, ווי געווען, ביז אים; ווייל ער איז — ווי אַלע; אַ לעבעדיקע טייל פונעם גאַנצן... דאַקעגן, מיט דער פאַרערונג, זאָגט מען אים: „— גיי! דו שטערסט דעם נאָרמאַלן סדר און אומסדר. דו צווינגסט — אַף דיר זיך אַרומקוקן; מיט דיר זיך אָפּ־געבן. דאָס קען אייביק אַזוי נישט דויערן: אָט דאָס בלייבן איינגעקלעמט, צוליב דיר — ווי אין אַ תפיסה, אַלציינס... נאַ דיר אָפּ דיינס, און גיי...

דאָרט, וואו עס הויבט אָן די ליבע, די מענטשלעכע נאָענטקייט און היימישקייט, (נישט צו פאַרטוישן — אַף דער חזירשער נאָקעטקייט,) דאָרט הערט גלייך אויף — די אַזוי־גערופענע (חוזק)־פאַרערונג...

יא) יעדער סאָציאַל־לאָגיש־איינגעאָרדנטער סדר אין אַ געזעלשאַפט, וואָס שפּאַרט זיך אָן אינגאַנצן אַף אינטעלעקט, איז אַזוי לאַנג אין אָרדענונג, — ביז וואַנען עס קומט נישט (אויס דעם בלינדן אונטער־גרונט, פונוואַנען עס שלאָגט כסדר, ווי דער ים, אַף אַרויף,) די אַנטי־סאָציאַלע אינסטינקטיוו־עמאָציאָנעלע אַוואַנטוריסטישע רעבעליאָן — און שטויסט אַרויס דעם סדר פון דער מאַכט; פאַרנעמט אַליין זיין אָרט... דאַן, (ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען!) ווערט די רעבעליאָן, בהדרגה־דיק — סאָציאַל־לאָגיש־איינגעאָרדנטער סדר פון דער געזעלשאַפט; די שטייגער־תפיסה, וואָס דאַרף ווערן און ווערט רעספּעקטירט — פון יעדן. דאַקעגן, דער נעכטיקער סדר, וואָס האָט פאַרלאָרן דעם באָדן, — ווערט, ערשט, פון יעדן אויסגעלאַכט — ווי אַ אַוואַנטורע.

אָבער, אין דעם גופא שטעקט ערשט — זיין כוח און זיין רייץ. בעת די רעבעליאָן האָט געמוזט דעגענערירן — ביז סאָ־ציאַלן סדר (און וואָר) פון רעכטן, (פאַר דעם טון,) און איבעררייסן מיט דער אַוואַנטורע־וואָר, מיט דעם אייביקן פינצטערן אַוואַנטורע־דראַנג און דער בלינדער אינסטינקטיווער געדאַנקענ־

לאָזער אוואנטורע־טאט — אין מענטשנס געמיט, (און געמען פארלירן, דאדורך, בהדרגהדיק, דעם בלינד־פרישן צאפּלדיקן רייץ פון פריער), — איז, ערשט, דער נעכטיקער סדר — אראָפּ אין אונטער־גרונט; דעגענערירט ביז צו דער אוואנטורע־וואָר; און דאדורך, באקומען — אַ פרישן אומווידערשטייליכן רייץ: ווי צו דער פינצטערער אייביק־צעשטערערישער טאט פון דער אינסטינקט־רעבעליאָן...

יב) אויב עס קאָן נאָך זיין אַ רייד וועגן פּאָליטישער, אָדער עקאָנאָמישער דעמאָקראטיע, — טאָר אָבער, באין אופן, נישט דערלאָזט ווערן צו קיין — וויסנשאפטלעכער דעמאָקראטיע; טאקע אין נאָמען און אין די וויטאלע אינטערעסן פון דער וויסנשאפט גופא. ווייל, וואָס מער די מאסן ווערן אריינגעצויגן אין דער וויסנשאפט, — אלצמער טוען זיי זי פארפלאכן, פארקריפּלען, דערווערגן, אומברענגען. נישט, זיי פּרואוון זיך דערהויבן צו איר, — נייערט, זיי טוען די וויסנשאפט אראָפּדרענגען — צו זייער אייגענעם ניוואָ; וואו זי זינקט איין, בהדרגהדיק, אין דעם זומפּ פון אומוויסן; ביז וואנען זי הערט אויף צו זיין דאָס, וואָס זי איז, אין איר אייגנטימלעכקייט, אין איר אורשטאָם. זי ווערט — אויס. זי ווערט — די נעגאציע, דער אויסלאך פון זיך גופא. און דאָס אלץ געשעט דערפאר: ווייל זי, די ריינע וויסנשאפט, טוט זיך קאָמפּראָמעטירן, מתחייב־זיין — צו דער מאסע; אַנשטאָט דעם, אז זי זאָל אָנהאלטן אייביק איר העכערע, איר אידעאלע התחייבות — מיט זיך גופא.

שוין אין דער התחייבות פון גאָט (אין זיין נידערן און אראָפּלאָזן־זיך) צום וועלט־באשאף; און אַ וודאי, אין גאָטס קדמוניותדיקער און אייביקער אידענטיפיצירונג מיט דער מאסע וועלט־מאטעריע (שפּינאָזא), — הויערט די אייביקע געפאר — פון גאָטס דעקאדענץ; העט, ביז צו זיין ווערן נעגירט — דורך דער מאסע וועלט־מאטעריע; העט, ביז צו זיין אומברענג... און עס מוז, דארום, אייביק געקעמפט ווערן — פאר דעם (אין דעם פאל פון פאנטעאיזם — אילוזאָריש...) אומברענג פון דער וועלט־מאטעריע, — כדי צו ראטעווען און צוריק דערהויבן צו זיך — דעם קיום פון גאָט; דאָס ריינע וויסן־זיין־אין־זיך...

די דעמאָקראטיזאציע פון דער וויסנשאפט איז — דער קראנטענער טויט פון דעם וויסן. און אויב דאָס וויסן מוז דאָך אָנקומען צו דער מאסע — כדי צו קענען טרייבן דאָס לעבן פאָרויס, — דארף דאָס איר ווערן אונטערגעטראָגן — אָן דער נשמה, אָן דעם גייסט, אָן דעם געדאנקען־שוואונג. ווייל די מאסע האָט חוש און זי איז עלול צו רעאגירן — נאָר אַף דירעקטער, קאָנקרעטער אומצווייפלבארער האנדלונג, טואונג, וואָס פירט צום באלדיקן אָנשוילעכן רעזולטאט — אומגע־

טראַכט. יעטוועדע פאַרטראַכטונג, יעדער געדאַנק ווערט גלייך — אַ שטער פאַר איר אימפּעט פון טאַט; פאַר איר טון זיך שפּירן — גאַנץ און אין גלייכגעוויכט — דאָרט, וואו זי איז: אין איר נידער, אַף איר באָדן אונטער אירע טראָט; מיט איין וואָרט: פאַר איר טון זיך שפּירן — לויטער און רואיק. יעדער געדאַנק, וואָס טוט איר אויפהויבן (דערהויבן) פון איר באָדן — אין דער לופטן (צו זיך), — מאַכט איר זיך־שפּירן — צעמישט, אומרואיק, צעטרייסלט, צערודערט, צעשראָקן; שיר נישט — מיט איבערגעקערטע געהירן אין אירע געמאַרכן... און זי וועט, דאַרום, שוין נישט איינרוען, — ביז וואַנען זי וועט דעם פרעמדן (און, ווי זי שפּירט, פּיינטלעכן־צו־איר־אופן־זיין) געדאַנק — צעשטערן און אויסראָטן (ווי מע ראָט אויס אַ בלוטיקן שונא, אַ לעבנס־פּיינט,) אויס איר געמיט; אום צו קענען צוריקקערן ווידער — צו איר אייגענער גאַנצקייט, ווי געוועזן...... דער מאַסע דאַרף מען, דאַרום, אונטערטראָגן (אין איר שול פון לעבן — אַקוראַט ווי אין אַ קינדער־שול, בכלל,) — בלויז די אַפּליקאַטיווע טייל פון דעם וויסן: די דירעקטע (פּעדאַגאָגישע) טאָט.. יאָ. איז, אין דער דאָזיקער הינזיכט, (אין דער אַפּליקאַציע,) דאַרף עס, אַ וודאי, ווערן איינגעשטעלט — אין נאָמען פון דער מענטשהייט — די סאַמע ברייטסטע און אַלזייטיקסטע דעמאָקראַטיע. ווי דען אַנדערש?..

יג) אין דעם אַלטן פאַרצייטישן שטעטל, ווי באַוואוסט, האָט זיך געשאפן ד אָ ס, וואָס מע קען אָנרופן — איין־משפּחהדיקייט. אַלע פאַרשיידענע שיכטן זענען פאָרגעקומען, אַזוי ווי איינגעפּעסטיקטע בילדער אין רעמלעך. איטלעך בילד — אין זיין רעם. און עס איז זייער שווער געווען, אַז די בילדער־שיכטן זאָלן שפּרינגען פון די רעמלעך, און אַריבערטאַנצן אויס איין רעם — אין דער צווייטער. ניין. אַלץ אינעם שטעטל איז אימער פאַרבליבן אַזוי סטאַטיש־קלאָר, מוטנע־אומבאַוועגלעך־אייביק — ווי דער איינגעשטאָנענער שטעטלשער זומפּ אַלציינס... און אָט די געקעסטלטע תּפיסהדיקע שיכטלעכקייט האָט געשמידט, געבילדעט, געצוימט דעם כאַראַקטער פון גוטס־און־שלעכטס — אין יעדן איינעם פונעם שטעטל. עס האָט דאָס שטעטל קאַנאַליזירט דעם כאַאָטישן ווילנס־שטראָם און בלינדן דראַנג פונעם כאַראַקטער... און פּונקט ווי דער ערגסטער מענטש איז גוט צו זיין אייגן בלוט, צו זיין קינד — מיט אָט דער שטאַם־גוטסקייט, מיט דער תּפיסה, — אַקוראַט אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט אינעם שטעטל, קרייז־הערמעטיש־אַרטיק, דער שיכט־כאַראַקטער; וועלכער האָט זיך דערנאָך אויסגעברייטערט אין אַלצברייטערע קרייזן פון ש י כ ט ן ־ כאַראַקטער, און פון דעם גאַנצן י ש ו ב ־ כאַראַקטער — קעגניבער אַנדערע ישובים... אָט די דאָזיקע שטעטלשע כאַראַקטער־גוטסקייט איז אַ אַנימאַליש־שטייגעריש־פּרימיטיוו־ערשטיאָטישע

— ווען אַלע ווערן גוטווילליק צו געבן... און אַזויווי נאָכדעם, ווי עס איז אויפגעקומען דער סאָציאַלער שטאַט, וואָס האָט פאַרטראָטן די רעליגיע, באַם רעגולירן די וויכטיקסטע באַציונגען שבין אָדם לחברו, און פאַר דער רעליגיע איז געבליבן רעזערווירט די רעדוצירטע אויפגאַבע — צו צוימען, בא א גאַנצער רייע אינטימערע פאַלן, וואוהין דער שטאַט קאָן נישט אַריינדרינגען, באין אופן — דעם כאַראַקטער, — איז דערפאַר דער שטעטלשער כאַראַקטער, גלייכצייטיק, אַן עראָטיש־רעליגיעזער...

מע דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן: אַז, בכלל גענומען, איז עראָטישע גוטסקייט — דעגענעראַציע, ביטול תחומין, דאָס געשריי פון אויפגעריסענע וואונדן, דער דראַנג צו אונטערגאַנג. נ אָ ר ד י א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע „שלעכטע" תחומין פון כאַראַקטער זענען — אַ צוים, אַ איינגעהאַלטנקייט, אַ דאַמבע קעגן דעגענעראַציע, און פאַר עקזיסטענץ, דיסטינגירונג. דאַקעגן, די צעשטערערישע גוטסקייט הויבט זיך אָן: פון פאַראַטן דעם אייגענעם שיכט; זיין גוט צו אַ צווייטן; איבערשריטן די גרעניץ; געפינען בא יענעם איידלקייט, פיינקייט. עס איז דער פאַרנאַכטישער דראַנג פון אָפּגעוועלקטע בלומען צו פאַרגיין, צו אויפלייז...

אָבער, גאַנץ אַנדערש זעט אויס דער זעלבער פּראָצעס — אינערהאַלב די תחומין פון איין שיכט. ווייל דאָס ציען זיך פון די געשלעכטער — הן אין גוטס־צעשטערונג, הן אין האַס־צעשטערונג פון זיך און פון יענעם — אַזויווי טיילן צוויי פון איין מהות, וואָס זוכן זיך אַרום, צעשטערן אַלע מחיצות פון זיך און פונעם צד שכנגד, כדי זיך צו דערגאַנצן און פאַרייניקן, — איז נאָר נאָרמאַל — אינערהאַלב איין שיכט. דאַקעגן, צווישן שיכט און שיכט, איז אָט די שטרעבונג — אומנאָרמאַל; און זי קומט פאָר, ווי די שטרעבונג פון די צוויי טיילן איוואַן קאַראַמאַזאָוו און סמיערדיאַקאָוו — צו דערגאַנצונג: כדי זיך קעגנזייטיק אויסראָטן און אומברענגען, אונטער דער שלאַנגישער ברכה פון זייער בשותפותדיקן אָנטרייבער — דעם טייוול...

יד) אינעם געראַנגל איבערן לעבעדיקן מענטש, צווישן אינטעלעקט און האַרץ, האָט צו דעצידירן און מכריע זיין — דער דריטער נייטראַלער צד, דער מענטש גופא. ווער איז ער?

ער איז — דאָס בלינדע לעבעדיקע בלוט, אָן די חושים אפילו, סענסאַציעס, פאַרבינדונגען מיט דער דרויסנדער וועלט. דאָס בלינדע בלוט, וואָס לעבט, צאַפּלט, נאָר עס איז נאָך קאָלירלאָז, ריח־לאָז, גוסטלאָז, קלאַנגלאָז, אָנטאַפּ־לאָז. עס איז נאָך, בכלל, באַגער־לאָז, אין קאָנקרעטן זין. אָבער עס ציט זיך אין ערגעץ, עס איז אומרואיק; נאָר עס איז נאָך נאַקעט, אָן די קאָנקרעטע לבושים, וואָס מאַכן געבערן די גלוסטעניש...

איז איבער אַט דעם מענטש פון בלוט און פלייש טוען זיך ראַנגלען: פון איין זייט — דאָס הארץ, מיט זיינע וויזיעס פון יצר טוב און יצר הרע; דאָס הייסט, נאָכן באַהעפטן דאָס בלוט, דורך די פינף חושים, מיט דער דרויסנדער וועלט, נעמט דאָס הארץ טרייבן דעם מענטש (דאָס בלוט), סיי צו אומגעצוימט גוטס, געשטאַלטיקונג — סיי צו אומגעצוימט שלעכטס, צעשטערונג; אָבער ביידנס שטרעבונג — סיי פונעם גוטס, סיי פונעם שלעכטס, איז — אַן אומבאַגרענעצטע, ווייל אַן אומגעצוימטע, אַ פּאַרמלאָזע, אַזוי אין ליבע, ווי אין האַס, אַן אויפמישערישע, אַ פאַרלענדנדע..., מיט איין וואָרט, דאָס הארץ, די סטאַטישע טעזע; און פון דער אַנדערער זייט — דער אינטעלעקט, מיט זיין דינאַמישער אַנטיטעזע־איינגנשאַפט, צו צעשטערן די הארץ־טענדענץ צו איינגעשטאַנענקייט, וואָס מיינט — אָפּגעשטאַנענקייט, פאַרלענד, און טרייבן דעם מענטש, אין אַנטוויקלונג, אימער פאָרויס; ער זאָל קענען נאָכקומען די אומאויפהערלעכע אַנטוויקלונג פון דער ארומיקער וועלט־אַטמאָספער; הן פון דער נאַטור דער אומאָרגאַנישער און דער אָרגאַנישער; הן פון דער געזעלשאַפטלעכער פּאָליטיש־עקאָנאָמיש־קולטורעלער אַטמאָספער; זיך קענען צו איר צופּאַסן, לויטן דאַרוויניש געזעץ פון נאַטור־אָפּקלויב, כדי צו לעבן־בלייבן און ווייטער וואַקסן, באַנאַנד מיטן גאַנצן אוניווערס...

ווי מע זעט, איז ערשט דער אינטעלעקט באַהעפט דעם מענטש, דורך די פינף חושים, צו דער דרויסנדיקער וועלט, מיט אַלע דרינגענדע נויטן, וואָס דאָס איז פאַרן מענטשן מחיב; אָבער, אַף אַ געצוימטן שעפערישן אופן; און נישט אַף אַ אומגעצוימט־צעשטערערישן, ווי עס פאָדערט דאָס הארץ...

פונוואַנען עס נעמען זיך צום הארץ, (וועלכעס איז דאָך, אייגנטלעך, אויך — בלינד בלוט,) אַט די דאָזיקע אַלע בלינדע אומגעצוימטע באַגערן? פשוט דערפאַר, ווייל עס איז בלינד; און אויב איידער די פינף חושים האָבן עס באַהעפט מיט דער וועלט, האָט עס נישט געוואוסט, וו אָ ס צו גלוסטן, — ווייסט עס נישט, נאָך דער באַהעפטונג, וו א ו זיך צו פאַרהאַלטן, אין די אילוזאָרישע געפילן און וויזיאָנערישע אימפּולסן פון אומגעצוימטן באַגער...

ערשט דער אינטעלעקט, מיט זיין אייגנשאַפט פון קלאָר זעען די אַטמאָספער פון וועלט און אוניווערס און קלאָר אויסגעפינען די דרכים וויאַזוי דעם מענטש צו אַט דער אַטמאָספער צוצופּאַסן, — פּראָדוצירט נאָכאַנאַנד אַלצנייערע געדאַנקען, וועלכע ער דעפּאָזיטירט, צוערשט, אין זיכרון, און פון דאָרט, נאָכהער, אין דעם סטאַטישן הארצן, וואוהין זיי קומען אָן, אַלס נייע שבלדיקע געפילן, וואָס ווייסן פון מאָס און צוים; דאַרום טוען זיי אויסראָטן די אַלטע בלינדע געפילן, און טוען אַליין פאַר־

געמען זייער אָרט; און נאָכאַנאַנד דאָס הארץ פונעם מענטש באַנייען...; הגם, אין דער זעלבער צייט, און ווי עס איז ערשט גראָד געוואונטשן, סטאַטיש סטרוקטורירן...

איז אַט צו דער באַנייונג, ווי מע זעט, איז מסוגל נאָר דער אינטע־לעקט. ווייל אפילו ווען, אין לויף פון דער צייט, טוט זיך די וועלט־אַט־מאָספער ארום דעם מענטש ענדערן, באַנייען, און במילא מאַכט דאָס די אָקאָרשט־געווען נייע געפילן אָפּגעלעבט און פארעלטערט, און אין איי־ביקן גייסט און אָנקלאַנג פונעם אימער־סטאַטישן הארצן, — וועט אָבער דער פריש־אָנקוועלנדער דינאַמישער אינטעלעקט נישט בלייבן קיינמאָל פארהאַלטן, אַ רגע; באַלד פּראָדוצירן די נייע צייטמעסיקע אידייען, וועל־כע ער וועט, ווען נויטיק, עס הייסט, נאָך דער געהעריקער אויסרייפונג, גלייך אַריינשיקן, דורכן זכרון, באַנייס אין דעם הארצן, אַלס פרישע שבלדיקע געפילן, וועלכע האָבן די אויפגאַבע און דעם דראַנג — דאָס הארץ ווידער צו באַנייען, אָפּפרישן און, ווי געזאָגט, סטאַטיש סטרוק־טורירן...

(און ווי איך האָב דאָס אַזוי אויספירלעך און קלאָר געלערנט אין אַלע מיינע ביז־איצטיקע סאָציאָלאָגישע ווערק.)

אָבער, דאָס מערקווירדיקסטע און דאָס שטוינענדסטע פון דעם אַלע־מען איז: וואָס דעציידירן וועגן אַט דעם קארדינאַלסטן מענטשלעכן זיין און ווערן, טוט עס אַנטשיידן — נישט קיין אַנדערער, ווי דער דריטער נייטראַלער צד, דער מענטש גופא; דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער: די בלינדע, קאַלירלאָזע א. אַ. וו. מאַסע פון מענטשנס בלוט, וואָס גע־פינט זיך אַף דעם סאַמע נידעריקסטן שטאַפּל פון זיין; דאָס הייסט — דאָס מיסטעריעזע פאָלק...

טו) לויט דער אָרטאָפּעדישער פּראָפּאַגאַנדע, באַקומט זיך: אַז אויב אייגער וויל דערלערנען פיין די קונסט פון טאַנצן, — איז, כל זמן ער באַזיצט נאָך זיינע אייגענע פאַר געזונטע פיס — איז דאָס אַן אויס־געשלאָסענע זאַך. דאַקעגן, ווען ער לאָזט זיך זיינע נאַטירלעכע פיס אַמ־פּוטירן, און ער באַזאָרגט זיך, אַף זייער אָרט, מיט אָרטאָפּעדישע, — אַ, ערשט דאַן, טוען זיך פאַר אים צעעפענען די ברייטסטע אויסזיכטן, צו קענען אַריינשוועבן, ווי אַן אָדלער — אין דעם היכל ההיכלות פון דער טאַנץ־קונסט...

אמת, איר לאַכט? אָבער, פונקט די אייגענע גליקן באַט דאָך אָן — אונזער ליבע הארציקע מענטשלעכע, אַ, גאָר־מענטשלעכע ציוויליזאַציע...

טז) אין דעם „נאָבעלן" דראַנג און צאָרן פון דער מאַסע — צו באַ־שטראָפן דעם שולדיקן אין מאָרד, שלאָגט אַזויפיל „ערלעכע, אויפ־ריכטיקע, אומגעפעלשטע" רציחה, — אַז זי זוכט תמיד צו „באַשטראָפן"

— דעם שוואכן, שוצלאָזן אומשולדיקן — גיכער, איידער דעם פּאַטענטן שולדיקן, דעם פּאַקטישן מערדער.

די תפיסה פון גליק און פיין

אויגן שווארצע, אויגן גראָע, אויגן ברוינע, אויגן בלויע:
אויגן — פול גלוסטונג, פול פיין, פול באַנג;
איר בלאַנזשעט אום, פאַרווירטע, אַפן עולם התוהו:
אַז זין — אייער אויפגאַנג; אַז זין — דער פאַרגאַנג...

א) יעדע איבערלאַדונג פון אונזער געמיט מיט שרעק, טראַר, שוידער, גרויל, ווערט פאַר אונז — אַ שטייגער אַזאַ; און ער הערט אויף, במילא, צו שרעקן: ווייל מיר ווערן דערצו — אומדיפערענט; ווי צו יעט־ווערער לאַסט — אפילו פון גענוס, מיט וועלכער מע איז איבערגעזע־טיקט; דאָס הייסט, איינגעוואוינט; און מע נעמט עס שפּירן, ווי אַ פרעמ־דע משאַ, אַלציינס...

ב) דער הונגער, מחמת נישט־דערנערונג רופט אַרויס אין געמיט — וואָס איר ווילט, נאָר נישט — קיין אומעט.

בלויז דער הונגער, מחמת איבערגעזעטיקטקייט ברענגט אַרויס אין געמיט — אומעט; וואָס מיינט — דעגענעראַציע.

ג) דאָס אומגליק טרעפט דעם מענטש — נישט ווייל אומגליק עקזיס־טירט אַן און פאַר זיך, — נאָר ווייל דער מענטש שרעקט זיך; דער שוואַכערער מענטש שרעקט זיך פאַר דעם שטאַרקערן אומגליק... דאָס אומגליק שטעקט אין דעם מענטשן גופאַ; די שרעק שאַפט עס — ווייל זי בענקט, זי ציט זיך, זי שטרעקט זיך צום אומגליק...

ד) דער מענטש קאָן ברענגען גליק — מיט דער טונקעלער זייט פון זיין געמיט, נישט ווייניקער ווי מיט דער ליכטיקער.

דער מענטש־בוים איז באַרופן — מיט זיין שאָטן, נישט ווייניקער ווי מיט זיינע פּרוכטן און קוואַלן, צו ווערן דער אַזיס־אַפּרו פאַר די מידע וואַנדערער איבער די מדבריות פון לעבן.

ה) ווען מע שטודירט אין די ווערק פון די גרויסע מייסטער די ליידן און קאַמפן פון די העלדן, סיי קעגן דעם בייז, סיי קעגן דעם גוטס, — דערזעט מען, אַזוי שוידערהאַפט־העל: אַז נאָר די טיפע דראַמע, די טראַגעדיע פון מענטשנס גענישן די פיין, זיך־פייניקן אין גענוס — מאַכט אַזוי רעטזעלהאַפט און פול־באַרעכטיקט דאָס לעבן, דאָס זיין, די עקזיס־טענץ...; וועלכע ווערט געראַטעוועט פון דער שרעקלעך־פוסטער נודנאַטע פון דעם גליק...

ו) ווען דעם מענטשנס נאָמען געפינט זיך אין דעם ראשיקסטן פעריאָד פון בליונג, — וועט דער אינערלעכער לעבנס־דראַנג (די בליונג) מאַכן אַט דעם נאָמען אַלעמאָל מער־מטושטשער, ביזוואַנען ער וועט אינגאַנצן פאַרשווינדן...

אויב דו ווילסט דאָס פעסטשטעלן, — נעם אַף אַ בלומען־בעט, שנייד־צו פון די לעבעדיקע וואַקסנדע שפּראָצונגען דיין נאָמען; דאַן, לאָז בלויז געציילטע טעג פאַרביי; און דערנאָך, זאָלסטו קומען זוכן די שפּורן פון דיין נאָמען: וועלכע דאַרפן זיך ערגעץ געפינען פאַרשוואונדן, אָ, אין דער לעבעדיקער שפּרודלדיקער בלומען־תפיסה פון דעם לעבן...

ז) אַ דיאַלאָג:

— זאָג, פאַרוואָס זעסטו אויס, מיין פריינט, אַזוי טרויעריק?

— איך זאַפּ איין אָן אויפהער אין מיין געמיט — דעם פולן אומויסגאַנגלעכן באַנג פון פאַרגאַנגען; די אומענדלעכע פּיין פון זון־אונטערגענג; דעם שטומען וואָגל און יאָמער פון אַלע דעמערן; דעם אומויסדריקלעכן צער און עלנט פון דער אייביקייט; אָ, דעם טרויער־זיפץ און אָטעם פון אַלע וועלטן... דערפאַר, זע איך אויס אַזוי טרויעריק...

— אָ, זאָג, מיין ברודער: פאַרוואָס האָט מען דיך אויסדערוויילט פאַר אַזאַ געבענטשטן זיין?

— ווילסט וויסן, פאַרוואָס; טאָ הער: איך בין געקומען אַף דער וועלט, מיט מיין גורל — צו ברענגען פאַר מענטשן די פרייד. זיי האָסן מיך, דאַרום, שוידערלעך; און זייער האַרץ ווערט אָנגעקוואָלן מיט גליק, יעדעס מאָל, ווען זיי דערזעען אַף מיר — מיין טרויער. די גרעסטע פרייד אָבער האַלט איך פאַר זיי אָנבאַרייט — אַף צו לעצט: דאַן, ווען איך וועל, ענדלעך, פאַרגיין, און זיי וועלן דאָס גלייך דערגיין... אָ, וועט דאָס דאַן זיין גרויס און הערלעך־דערהויבן — זייער שיינע מענטשלעכע פרייד... ווען איך טראַכט דערפון, — ווער איך אַליין שיר נישט גערירט ביז טרערן — פון מילדקייט, פון ליבע צו זיי, די אָרעמע... נאָר, באַלד קומט מיר אַפן רעיון: „...נו, און וואָס וועט זיין דערנאָך, ווען עס וועט אַריבער דער ערשטער מאָמענט באַ די עלנטע מענטשן, און עס וועט ווערן פון זיי אויסגעוועפּט די גריילעכע פרייד — מיט מיין פאַרגיין... און זיי וועלן צוריקקערן, באַניים אַריינפאַלן אין הוילן ליידיקן זשאַווערשטאַנד... אָ, וואָר־זשע וועט דאַן זייער אָרעם געמיט דערפרייען?!." איך הערט: אַז איך טראַכט דערפון, ווערט מיר אַליין אַזש טרויעריק...

ח) פאַראַן מענטשן, וואָס קאָנען נישט לעבן — אָן דער געהעריקער דאָזע אָפּטימיזם. און פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען נישט אויסקומען — אָן דער געהעריקער דאָזע פּ ע ס י מ י ז ם . וואָס גרעסער

די דאָזע איז פאַר זייער דערנערונג, — אַלץ קרעפּטיקער און גליקלעכער שפּירן זיי זיך און זיי וואַקסן. דאַקעגן, נעמט פון זיי אַוועק דעם פּעסי־מיזם, — און זיי דערפילן זיך גלייך — טויט־אומגליקלעך, פאַרלאָרן; זיי ווערן־אָן דעם זין פון זייער לעבן; און זיי ווערן באַרייט אַפן ערגסטן — אַף זעלבסטמאָרד...

פאַרשטייט זיך, אַז דער שטאָף, וואָסביידע צדדים — סיי די אָפּ־טימיסטן, סיי די פּעסימיסטן — באַציען, אַלס נאַרונג, פונעם לעבן, איז, אין ביידע פאַלן — איינער און דער זעלבער, גרוי, קאָלירלאָז, נישט־שוואַרץ, נישט ווייס, גאָרנישט... און בלויז זיי אַליין, די צדדים, טוען אים באַפאַרבן און אויסקנעטן־אויספורעמען — מיטן זייערע אייגענע קאָ־לירן און שטימונגען, די אָפּטימיסטישע, די פּעסימיסטישע — וועלכע זיי טראָגן אינטים אין זייער אייגן געמיט...

ט) אין דעם מענטשנס געמיט שטייען תמיד פול איבערגעלאָדן די לאַגלען פון פרייד, טרויער, פאַרצווייפלונג, אומזין א. א. וו. יעדע אויסערלעכע געשעעניש, וואָס פּאַסירט מיטן מענטש אינעם לעבן, רירט אויף, לויט דעם כאַראַקטער פון דעם פּאַרפּאַל, אין אונז אַ אַנדער קוואַל, ער זאָל נעמען שוימען, זידן, רעאַגירן; אַזוי לאַנג, ביז עס הערט אויף די פּאַסירונג, עס לאָזט נאָך דער דרוק אַף אונזער געמיט, און, מדרך הטבע, דאַרפן דאַן די קוואַלן צוריק אַריין אין זייער צושטאַנד פון רו, ווי גע־ווען.

אָבער נישט תמיד געשעעט עס אַזוי, ווי עס וואָלט באַדאַרפט. נאָך אַסאַך יאָרן לאָזן פּערמענטירן, איבער דער געוויינלעכער מאָס פון צייט, דעם צי יענעם צושטאַנד־קוואַל אין אונזער געמיט, — קען עס דערגיין, ענדלעך, דערצו, אַז די קוואַלן אין די לאַגלען זאָלן זיך שוין מער קיינמאָל נישט באַרואיקן אינגאַנצן, ווי געהעריק; נייערט זיי זאָלן בלייבן אין אַ צושטאַנד פון אַ פּערמאַנענטער אינזיכיקער פּערמענטירונג; פון גע־שטאַלט־קאָליר־און־אורזאַך־לאָזער רעאַגירונג פון פרייד, טרויער, פאַר־צווייפלונג, אומזין א. א. וו., לגמרי אומאָפּהענגיק און אָן יעטוועדן דרוק, אָנגעהעריקייט, פאַרבינדונג מיטן דרויסן... אַ מין פרייד לשם פרייד, טרויער לשם טרויער, פאַרצווייפלונג לשם פאַרצווייפלונג, און אומזין לשם אומזין אַליין...

איז נאָך גוט, אַז דאָס גייט אין אונז־צו אַזוי. אָבער מיט דער צייט, אַז די לאַגע גראַוויטירט צום ערגערן, — דאַן הויבט זיך אָן אין די לאַג־לען פון אונזער געמיט אַנטוויקלען — אַ פּראָצעס פון צוריקרעאַגירן. דאָס הייסט, אַז עס שטעלט זיך נעמלעך אַרויס, אַז די לאַגלען־מוסקולן און ספּרוזשינעס זענען, פון אַ אויסנוצונג איבער דער מאָס, געוואָרן דע־גענערירט, אויסגעצויגן, שלאַבעריק־נאָכגעלאָזן; אַזוי, אַז זיי האַלטן קוים

איין אין זיך די קוואַלן, זיי זאָלן נישט אויספּלייצן אַריבער די ברעגן, אָן קיין שום מאָטיוו פון דרויסן, פון זיך אַליין, אָן קיין שום רוף, קיין דרוק, קיין ווענדונג, קיין שום רייץ... איצט איז גענוג, אַז עס זאָל יאָ קומען אַזאַ רייץ פון דרויסן; איז, מאָג ער זיין, ווי קליין און אומבאַדייטנד; אַזאַ, וואָס פאַדערט בלויז, לאָמיר זאָגן, אייניקע טראָפּנס פרייד, צי טרויער א. אַ. וו.; אָבער וויבאַלד ער האָט נאָר אַ דרוק אָן געטון אויף דעם, צי יענעם לאָגל, — אַזוי גיט גלייך אַ שלאָג פון דאָרטן דער גאַנצער פרענעטיש־וואולקאַנישער קוואַל, וואָס איז גרייט צו פאַרפלייצן אונזער גאַנץ געמיט, אָן קיין שום באַרעכטיקטער סיבה דערצו; און דער עיקר — וואָס עס איז צום ערגסטן — אַז נאָכדעם ווי יענע קלענערע סיבה האָט שוין לאַנג אויפגעהערט, — בושעוועט נאָך אַלץ אַרום אינדרויסן דער אויסגעפלייצ־טער צעשטורעמטער קוואַל, וועלכער דענקט גאָר קיינמאָל נישט צוריקצו־קערן אין זיינע ברעגן אַריין...

אַזוי זענען אָפט מענטשן פרייליך, טרויעריק, פאַרצווייפלט, אומזי־ניק־ווילד, אָן קיין שום אויסערלעכער סיבה דערצו. נאָכמער: אפילו ווען אַ אויסערלעכע סיבה וואָלט זיי גאָר באַדאַרפט באַוועגן צום פאַרקערטן, — ווענדן אָבער אָן אַצינד די אויסגעגאָסענע קוואַלן זייער קראַפט פון צוריקרעאַגירן: וואָס איז עלול צו פאַרוואַנדלען (באַפאַרבן) אַלע דרויסנ־דיקע פרייד־סענסאַציעס אין טרויער, פאַרצווייפלונג, און אומזין... (און דאָס אייגענע — פאַרקערט.)

אַזוי טרעפט מען אָפט מענטשן וויינען, — קלאָגן — אָן אַ פאַרוואָס; און מענטשן בושעווען מיט פרייד — אָן אַ פאַרוואָס; און עס איז דאָך קלאָר: אַז יעדע רעאַגירנדע מאַניפעסטאַציע פון אונזער געמיט, אָן וועלכן לאָגישן פאַרוואָס, איז — יאַרער אומזין. (עס מיינט — אומנאָרמאַלער איבערמאָסיקער אומזין: עליי, ווי איבערמאָסיקע היץ... ווייל נאָרמאַלן אומזין, עליי נאָרמאַלע היץ־טעמפּעראַטור, עס הייסט, אין דער מאָס, אין די לאָגלען, — דאָס האָט דאָך יעדער... ערשט, ווען עס פאַנגט זיך אָן דער פּראָצעס פון צוריקרעאַגירן, פון אויספּלוס, פון אומזינס ענערגיע־אַנגריף, אַלס טרייב־קראַפט, כדי צו באַפאַרבן און צעפלאַטערן אונזערע אילוזיעס פון לעבן, — דאָרט הויבט זיך אָן פאַר אונז — די ריכטיקע געפאַר...)

אַזוי טרעפט מען אָפט שרייבערס, וועלכע גייען אום שטאַרק צע־רודערט, שוין אַ צייט לאַנג נאָכדעם, ווי זיי האָבן (לאָגיש־באַוואוסטזי־ניק,) פאַרענדיקט דעם פּראָצעס פון שאַפן אין זיך — דעם, צי יענעם טראַגישן צושטאַנד. ניין. ז יי האָבן פאַרענדיקט. אָבער, ליידער, זע־נען זיי נישט מער קיין האַר איבער דעם דורך־זיי־באַשאַפענעם; וואָס ווערט איצט דער האַר א י ב ע ר ז יי ; וואָס טוט ערשט צוריק־רעאַגירן, זיי פאַרפלאַנגען און ווערן די נייע אומפאַרשטענדלעכע אומלאָגי־

שע (אָבער טיף־אינערלעך אין זיי — די סאַמע טראַגיש־לאָגישסטע און פאַטאַל־פאַרשטענדלעכסטע) סיבה פאַר אַלע זייערע אומזיניקע האַנדלונגען, וואָס טרייבן זיי אומפאַרמיידלעך צו זעלבסט־אומברענג...

די אומפאַרשטענדלעכע פרייד, צי אומדערקלערלעכן טרויער אין אונזער געמיט האָבן מיסטיקער פון אַלע דורות תמיד אינטערפּרעטירט — מיט דעם אומגעריכטן איינשלאָג אין אונז פון העכערע איבערוועלטישע געטלעכע חסד־קוואַלן פון אייביקער־פרייד־און־פון־אייביקער־פּיין־אין־זיך... לכן, במילא, איז גאָרנישט פאַראַן צו דעם קיין שום תרופה; און מע טאָר אויך נישט, אַגב, אַרויסטרעטן קעגן אַזאַ גנאָד, אַזאַ זכיה איינגאַנצן — כדי נישט צו קומען, אומגעריכט, אין אַ אומגלייכן קאָנפליקט מיט די געטער; מיט אַלע קאָנסעקווענצן דערפון, וואָס מ'מע מאָג זיך פאָרשטעלן...

אָבער מיר, די מענטשן פון היינטיקער צייט, זענען נישט קיין מיסטיקער. מיר זענען פאַרביסענע טראַגיקער; און מיר האָבן, דערום, דעם מוט — צו פאַרשטיין די זאַכן אַזוי, ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט... מיר האַלטן, דעריבער: אַז, ווי צו אַלץ, איז אויך צו דעם אַ תרופה פאַראַן; און זי באַשטייט בלויז אין איינונייינציקער אויפגאַבע: נעמלעך, צו היילן און באַנייען די לאָגלען (די פאָרמען, די צוימען, די נערוון,) פון מענטשנס געמיטן; אים מאַכן, דעם מענטש, דעם לויטערן לאָגישן בר־דעת, באַניים — האַר איבער זיך און איבער זיין פאַרמעג, דאָס הייסט, איבער די בלערליי לאָגלען פון זיין געמיט — פולע מיט פרייד, טרויער, פאַרצווייפלונג, אומזין א. אַ. וו.; וועלכע טאָרן נישט ווערן אומאָפּהענגיקצעהפקרט, באין־אופן; וועלכע זענען, אייגנטלעך, די פאַרבן, וואָס דער מענטש־בר־דעת נוצט לאָגיש, ווי־ווען עס פאַסט־זיך, כדי אויסצודריקן און געשטאַלטיקן ז יי נ ע, די שבלדיקע, אויפנאַמעס־סענסאַציעס פונעם לעבן. דאַקעגן, ווען זיי אַליין, די בלינדע קוואַלן, ווערן „אומאָפּהענגיק", — אַזוי טוען זיי, אומגעפרעגט באַם מענטשן־שכל, אַליין אוממיטלבאַר אויפנעמען די סענסאַציעס, דעם רויען מאַטעריאַל פונעם לעבן; און גלייך דאַרויף, טרעטן זיי צו, ווידער, דעם רוי־מאַטעריאַל איבערצוקנעטן, אַליין צו פראָדוצירן לעבן — אַ ף ז יי ע ר ש ט יי ג ע ר ... דערביי, שלאָגן טרייבן זיי אריין איין לאָגל־שטראָם אין דעם אַנדערן; פאַרלויפן איינער דעם צווייטן דעם וועג; פאַרבן, שמירן — אַף וואָס די וועלט שטייט; און וואָס פאַר „אַ געשטאַלטיקונג" פונעם לעבן עס קאָן דערפון אַפּערקומען, — דאָס קאָן זיך פאָרשטעלן יעטוועדער מענטש מיט אינטעליגענץ — אַליין...

*) אַלץ, וואָס יווירט אין מענטשס געמיט, זוכט אַ וועג צו אויסלעבונג. איז ווער געגוויגט צו זאָרג, — וועט ער נישט איינרוען, ביז ער וועט

נישט ארויסרופן, אויסערלעך, דעם גייסט פונעם אומגליק, אז ער זאָל דערנערן און זעטיקן — זיין באַטריב פון זאָרג.

אין מענטשנס געמיט שלאָגט אומגעדולדיק דער בלינדער אייגענער ברוטאַלער באַטריב — צו טרויערן, און פּאַרערן, פאַרגעטערן ט אַ ט ע־מ אַ מ ע. איז, כדי דאָס צו קענען דערפילן, — מוזן טאַטע־מאַמע ב אַ צ יי ט נ ס ש ט אַ ר ב ן... קוים אָבער, פאַרזעסן זיי זיך — איבער דער צייט, — ווערט דער באַטריב אין דעם געמיט פון די קינדער — אומרואיק, צעטומלט, צעצאַפּלט, אויפגעבראַוזט, איבערגעלאָדן, אי־בערגעשטאָנען, רעבעליש, ווילד, בלינד־צעבושעוועט, וואַנזיניק; און זיי ווערן דאַן גרייט — קעגן אייגענע טאַטע־מאַמע — אַפן ערגסטן; מאָרד אַריינגערעכנט...

ביז וואַנען יענע אַלטע ליַיט כאַפּן זיך, אין וואָס דאָ גייט — און זיי טראָגן זיך אָפּ... דאַן, איז אַ נחת צוצוקוקן: ווי די איידעלע קינדער נעמען עס קומען צו זיך; זיי לעבן ממש אויף; אַז זיי קוועלן אָפּ אין יאָ־מער, קלאָג, טרויער, פאַרערונג — נאָך זייערע טייערע אומפאַרגעסלעכע אָבות; אָ, וועלכע זענען, ענדלעך, געקומען צום שכל, און זיי געהאָלפן — זיך לייכטער־מאַכן...

יא) די שרעק פאַרן טויט, און אויך די שרעק פאַר דער שרעק, מיינט נאָך נישט צו זאָגן, אַז עס עקזיסטירט ווירקלעך פאַר דעם, וואָס שרעקט זיך — אַ דרויסנדיקע דראָונג פון טויט.

אין דער ריכטיקייט, פּראָדוצירט די שרעק — אָט די געפאַר; פּשוט דערפאַר, ווייל זי נויטיקט זיך אין איר, כדי אויפצוהאַלטן זיך אַליין — די שרעק. די געפאַר איז — די דערנערונג פאַר דער לעכצנדער אויסגע־הונגערטער שרעק. ((דערפאַר, ווערט דער, וואָס שרעקט זיך, אָנרעגן אין יעדן איינעם פון זיין אַרום, (מענטש — און חיה אַריינגערעכנט,) דעם באַגער — אים אָנצוגרייפן...)) נאָר, אויב דער, וואָס שרעקט זיך, ווערט נישט באַוויזן איינצושאַפן זיך אין זיין אַרום אָט די טויט־געפאַר, וועל־כע ער באַגערט, — ווערט ער זיך אַליין אַ מעשה אָנטון, אום נאָכצוקומען דעם אומווידערשטייִלעכן פאַטאַלן דראַנג פון זיין שרעק.

די תפיסה פון ליבע און האַס

א) די פאַרשפּרעכנס אין דער ליבע געהערן בלויז און אויסשליסלעך צום ליבע־בילד. דאָס זענען ווידוי־בלומען, וואָס בליען אינערהאַלב דער הערמעטיש־איינגעשלאָסענער ליבע־אַטמאָספער. מיטן לעבן, אויסער־האַלב דער ליבע־אַטמאָספער, האָבן די פאַרשפּרעכנס גאָרנישט צו טון. אין דעם לעבן גופא זענען זיי קיינעם גאָרנישט שולדיק.

ב) יעדער שארפער גלייכגילט איז — א שארפע אויפמערקזאמקייט.

ג) דער מענטש איז, אפטמאל, א מאגניט, וואס ציט אן אין יענעם דאס באגראבענע בייז... מע קען אים דערפאר נישט פארטראגן...

ד) ליבע איז — אויפמישונג, אפווישן גרעניצן, דראנג צו אונטער־גאנג... יעדן פארליבטן פארל איז אסאך גרינגער מיטיינמאל צו באַ־גיין זעלבסטמארד, איידער — דער לאנגזאמער זעלבסטמארד פון א לאנג־יאריקן צוזאמענלעבן...

ה) ווען א פרוי געלינגט אף אזוי ווייט אריינדרינגען אין מענטש, אזש זי צעשטערט אין אים זיין גלייכגעוויכט צווישן געדאנק און געפיל, — דאן הויבט דער מענטש זי אן צו האסן — מיט זיין געדאנק; און ליבן־האסן — מיט זיין געפיל. די געפיל־וועלט, א פארשטארקטע מיט איר הילף, — זוכט אויסצופלייצן פון די ברעגן; צעשטערן־פארניכטן ליכטיקן געדאנק; ווערן גאנץ, צעהפקרט, פריי; דאן, זיך באקערן אינגאנצן צו דער פרוי; אין ליבע (און האס), אין גוטסקייט (און אכזריות) פונעם הארצן, צוריקגיין מיט איר — צו אויפלייז, צו פארמישונג, צו אויספלוס, צו צע־שטערונג; צו מיטנאכטיקן כאאס, ווען די שעה איז געדיכט אויסגעבעט, פון אלע זייטן — מיט טיפן חושך... דאקעגן, לויטערער געדאנק זוכט, צוערשט ארויסצושטויסן די פרוי; צוריק אריינברענגען די געפיל־וועלט אין אירע ברעגן; זי צוימען; ריכטן, וואוהין מע דארף; אויפלייזן די אוי־דילישע כאאטישע גאנצקייט; ווידער ארויסברענגען אין דערהויבענעם מענטשס געמיט די דיפערענץ צווישן געדאנק און געפיל; און איינשטעלן צוריק — דעם גלייכגעוויכט...

(אט דעם גלייכגעוויכט פון רייפן מענטש, וועלכער איז נאך נישטא — באם קינד; און וועלכער איז ישוין נישטא — באם עבר ובטל...)

ו) דער דראנג פון מאן צו פרוי, דאס איז דער דראנג צום אומענדלעך־ווייבלעכן. נאר די פרוי פון לעבן קאן, מיט איר שיינקייט, בלויז א נ ר ע ג ן דעם מאן דערצו, דאס הייסט, צעצינדן אין זיין געמיט די אייביקע לאטענטע לעבצעניש צום אומענדלעך־ווייבלעכן. זי איז אבער צו־ארעם — אף צו קענען זעטיקן זיין דורשט, בא איר בעסטן באגערן אפילו... און ער בלייבט, דער מאן, נאכן איר געניסן — טיף־עלנט־צע־רייצט־אומגליקלעך.

ז) אלץ, וואס דער מענטש ליבט, פארלענדט ער; ווי די שפייז, ווי די פרוי, אין וועקסל־שטאף, אין קרייציקונג: כדי עס זאל אים דער־נערן און גרויס מאכן...

ווי די מיסטעריע פון יעזוסעס לעצטער וועטשערע: — איר עסט מיין לייב...

ח) דער ארעמער מענטש — מיט זיין ליבע. באלד, בא דער ערשטער

באַגעגעניש, זאָגט ער צו דער געליבטער: „— איך האָב דיך ערגעץ באַגעגנט. איך קאָן דיך...״ און איר געפינט ער צוריק — זיין פאַרלאָרע־נע ליבע צו דער מוטער; ((אַלס אָפּשפּיגלונג אין זיין מהות — פון פרע־היסטאָרישע צייטן: ווען אונטערגעוואָקסענער זון־ער האָט געקעמפט מיטן טאַטן־ער — איבער דעם סעקסועלן באַזיץ־באַצווינג — פון דער מאַמען; אַ איבערלעבונג, וואָס קומט צום אויסדרוק, היינט צו טאָג, באַ יעדן קינד, (זון,) וואָס איז אייפּערזיכטיק אַף דעם טאַטן, און קען נישט פאַר־טראָגן באַיןדראופן י ע נ ע מ ס באריר פון ז יי ן מוטער; אַזוי לאַנג, ביז וואַנען (ווי פאַרצייטנס) ער וואַקסט דעם דאָזיקן פּעריאָד אַרי־בער; און די ליבע צו דער מאַמען ווערט אין אים אַטראָפּירט, איינגע־דרעמלט, אָבער נישט — אָפּגעשטאָרבן אינגאַנצן; נייערט, זי וואַרט אַף דער שעת־הכושר פון איר דערוואַכונג און ווידערויפלעבונג, וואָס קומט, ווי געזאָגט — באַ דער באַגעגעניש מיט זיין נייער מוטער, מיט זיין גע־ליבטער...)) אויך זי, די פרוי, באַקומט אים ליב, ווי אַ מוטער — איר קינד... די איינציקע, וואָס איז אייפּערזיכטיק אַף דעם, איז — די ערשטע געליבטע זיינע, די באַזייטיקטע — די מאַמע; און זי האַסט, דאַרום, אַזוי טיף — דער נייער מוטער פון איר קינד; זיין פרוי...

ט) אין דער יוגנט, ווען מע האַסט די פרוי, און מע ברענט — זיך פון איר צו באַפרייען, ווי פון אַ תפיסה אַלציינס, — דאַן זוכט מען מיט איר צו האָבן אַלצמער באַציונגען, אַלצמער זיך מיט איר צו באַפרידיקן: כדי איר פון אונזער געמיט אַרויסצושטויסן און — ווערן פון איר פריי...

דאַקעגן, אין די שפּעטערע יאָרן: ווען די פרוי מאַכט זיך אין אונז אָרט; און מיר הערן אויף צאַפּלען — זיך פון איר צו באַפרייען; מסתמא, דערפאַר, ווייל מיר האָבן דערפאַרן: אַז תפיסה איז — איבעראַל; און יעטוועדע באַפרייונג פון א יי ן תפיסה, מיינט בלויז — דער אַרי־בערגאַנג אין אַ צווייטער; ווייל אויך די דערגרייכטע פרייהייט, וואוהין מע איז דערגאַנגען, — נעמט זיך לייגן שווער, מיט דער צייט, אַפּן גע־מיט, ווי אַ תפיסה...; און בלויז אפשר — ד ע ר ג אַ נ ג פון איין תפיסה צו דער אַנדערער; אָט דער איבערגאַנג, איז דער עיקר, האָט אַ געוויסן ווערט; אומאָפּהענגיק דערפון, וואוהין מע זאָל נישט גיין: פון ד ע ר ת פּ י ס ה — צו דער פרייהייט; אָדער, נאָכהער — פון דער פרייהייט, וועלכע איז, מיט דער צייט, געוואָרן אַ תפיסה — צוריק צו דער תפיסה, וועלכע איז, מיט דער צייט, געוואָרן די פרייהייט...; יאָ, איז, אומאָפּהענגיק דערפון, וואוהין מע זאָל נישט גיין — אַהין, אָדער צוריק — קאָן נאָך אפשר ד ע ר ־ ג אַ נ ג ־ א י ן ־ ז י ך ־ ד ע ר ־ ד ר אַ נ ג האָבן אַ זין...; אָבער, ווי געזאָגט, איז ער דאָך — אַן אַרי־בערגאַנג בלויז, אַ קאָרעדאָר פון איין תפיסה צו דער צווייטער; און איז

די שפּעטע יאָרן, ווען מע דערפאַרט שוין דאָס אַלץ אַזוי העל־רעזיגנירט, — דאַן, אָ, הערט מען אויף גיין; די תּפיסות איבעראַל ווערן אַלץ גרע־סער; די קאָרעדאָרן — אַלץ קירצער...; יאָ, דאַן, מאַכט זיך די פרוי־תּפיסה אין אונז אָרט. מיר הערן זי אויף האַסן, יאָגן פון זיך... און במי־לאָ, ווערן אַלץ זעלטענער אונזערע באַציונגען מיט איר; אונזער דראַנג זיך מיט איר באַפרידיקן. ווייל מיר זוכן נישט מער — איר אַרויסצו־שטויסן... ווייל מיר זענען געפאַנגען פון איר, דער תּפיסה, ביז לעצט...

*) ויברא אלוהים את האָדם בצלמו, וכ"ו זכר ונקבה.

דער מענטש, דער איינזאַמער, דער פרייער, טראָגט אין זיין געמיט לאַטענט די תּפיסה, זיין אומענדלעכע ע ר ־ בענקעניש, די געפאַנגענ־שאַפט, זיין פאַטאַלן דראַנג, אָ, צו דער אומענדלעכער ז י אין זיך און, צוגלייך, זיין טראַגישן דראַנג צו באַפרייונג — פון איר און פון זיך אַליין...

ביז ער טרעפט זיך אָן אינעם לעבן מיט „אַ זי", וועלכע צעוועקט אים פון זיין לאַטענטן צושטאַנד; צעצינדט, מאַכט אין אים צעפלאַקערן — אי זיין ע ר ־ דראַנג, אי זיין ז י ־ עלעמענט; וואוהין זי שטעלט איצט אַריין. ווי אַ איקאָנע, איר אייגן געשטאַלט...

איצט, וואָס מער ע ר גענינסט איר, (דער פרוי, אינעם לעבן,) אין זיין ליבע, — אַלץ פאַרצווייפלטער בלייבט ער. אין זיין (איצט, דורך דער לעבעדיקער פרוי,) גריילעך־אויפגעשטורעמטן ליידנשאַפטלעכן דראַנג אין אים — זיך פון זיין אינערלעכער אומענדלעכער ז י ־ תּפיסה צו באַפרייען, — דערשפירט ער ערשט, אָ, מיט זיין גאַנצער שרעקלעך־שאַרפער טראַגישקייט און אומבאַהאָלפנקייט — אָט די פאַראַכטלעכע נישטיקע קאָמעדיאַנטישקייט זיינע, מיט דערמיט, וואָס ער טוט זיך גלייכן צו די געטער, (בצלמו וכ"ו זו"נ); און ער האָט פאַרפירט אַזאַ טיטאַנישע שפּיל, אין קאַמף מיט דער אומענדלעכער „זי" אין זיך; אַ קאַמף, וואָס מאַכט אים נאָר לעכערלעך, אָ, אויסגעשטעלט צו שאַנד און צו שפּאָט, אונטער אַלע הימלען... ער זוכט — איר צו געניסן, באַצווינ־גען, צעשטערן, איר באַזיגן; און ער בלייבט, יעדעס מאָל, נאָך זיין אָפּ־געהאַלטענעם נצחון, נאָך זיין האָבן זיך פון איר באַפרייט, ליגן — אַ באַזיגטער, אַן אומבאַהאָלפענער אויסגעלאָשענער ליץ, לעבן איר אויפגע־לעכצטער בלינדער פון אים־שפּעטנדער טראַכט...; אַ געבונדענער און אַ שלאַבעריק־געוואָרענער, לעבן דער נישטיקער „זי" פונעם לעבן, פון בלוט און פלייש, וועלכע לאַכט אויס זיין קאָפּ; וועלכע שענדעט אים, אין זיין אומשולד; וועלכע פאַרשוועכט, אַזוי ציניש־שפּאָטיש, אָ, זיין אינערלעכן אידעאַלן אומבאַפלעקטן אומאָפּהענגיקן־אין־זיך, ווי בא געטער־גלייכן אייביקן ווירקלעך־אומענדלעכן איך ער־זי־געראַנגל, אין

הארץ פון וועלכן, אַ, אין זיין זי־קדשי־קדשים און אין זיין העכסטן זווי־בערסטן זיין — זי האָט זיך דערוועגט אַזוי פרעך אַריינצודרינגען, אַ, מיט איר שמאָלן נידעריקן ערדישן זיין, כדי אַלץ צו נידערשלאָגן, צעשטערן, פאַרלענדן...

זי, די לעבעדיקע נישטיקע נערוון־צאַפּלדיקע פרוי, זיין בלוטיקסטער פיינט, זיין בלינדע פינצטערסטע תפיסה — און יענע, די אומענדלעכע געטלעכע זי־אין־זיך פון זיין געמיט!.. אַ, ווי האָט זי זיך גאָר דערוועגט צו פּרעטענדירן ווערן — די געשטאַלטיקונג פון יענער, זיין אידעאַל? אַ, ווי האָט זי זיך גאָר דערוועגט אַהין אַריינצודרינגען, אין זיין געמיט, און דאָרט אָוועקשטעלן פאַר זיין זי־נר־תמיד — איר אי־קאָנע, איר בילד?!.

און עס קומט אויף אין אים דאָן, אין דעם לעצט־פּאַרצווייפלטן מאָן, אין זיין בלוטיקן דראַנג צו באַפרייונג, — דער ווילן — איר צו דערמאָרדן אין לעבן און אין זיך, (יעדער מאָרד איז אַ זעלבסטמאָרד, און פאַרקערט;) כדי, אַ, זיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם לעבנס־שמוץ און זומפּ, פון דער געמיינסטער און נידערטרעכטיקסטער תפיסה, וואָס עס גיבט נאָר אויף דער וועלט; כדי זיך צו ראַטעווען פון דער קאָמישער לעבערלעכער קאָמעדיאַנטישקייט, צו וועלכער די ליבע פון בלוט און פלייש האָט אים דערפירט, דעגראַדירט, דערנידעריקט; און באַניים צו־ריקקערן — פאַר אַלעמען — צו זיין פרייען אומאָפּהענגיקן צושטאַנד אין זיך... אמת, ערשט, שוין מיט אַ רייפן צעוועקטן און זעלבסט־באַוואוסטן צעפּלאַקערטן קאַמף פון אומענדלעכן ער־זי־פּאָטאַליזם אין זיין געמיט... אָבער, זיין געמיט ווייסט, פון אַצינד אָן, פאַרבלייבן אָפּגעריי־ניקט — פון דער פרעכער פּראַקטלעכער לעבנס־פאַרשוועכונג, פון דער אָרעמער נארישער לעבנס־תפיסה, וואָס דערנידעריקט, וואָס מאַכט לע־בערלעך, מיט איין וואָרט, וואָס פויזעט אַרום, ווי אַ וואָרעם, אויף דער ערד... אַ, ניין. ערשט, נאָך זיין ערדישער באַפרייונג, ווערט מענטש צו־ריקגעקערט צו זיין אומאָפּהענגיקן פרייען, איינזאַמען געטלעכן תפיסה־צושטאַנד אין זיך; אין פּאַטאָלן, אָבער ערנסטן טיטאַנישן געראַנגל אין זיך, און מיט זיך אַליין; אַ, אַ געראַנגל אַ פרייער אַ געטלעכער פון מענטש אין זיך; ווי פריער, פאַר זיין פאַלן; אַ געראַנגל, וואָס גלייכט אויס מענטש מיט גאָט, אויב נישט נאָך העכער; אַ געראַנגל, וואָס מאַכט שטום געטלעכן געלעכטער און שפּאָט; אַ געראַנגל אַ פּאַטאַלער, אָבער, אַ, אַ ערנוווירדיקער — אָט דער אייביקער פרייער פּאַטאַלער גע־ראַנגל, אָט דער גלייכער שווידערלעכער אייביקער כוחות־פאַרמעסט צווישן מענטש־טיטאַן און זיין גאָט...

יאָ) מיט דעם בר־נש, ווען מיר האָבן שווידערהאַפט, — זענען מיר

פארבונדן פאטאל־ענגער, איידער ווי מיט דעם פולשטענדיק־אומ־באקאנטן. ווייל דעם שונא אונזערן האסן מיר, פאר אלעמען — אין זיך. ער איז א אינטעגראלע קרעבס־טייל פון אונזער געמיט; און איטלעכס מאל, ווען מיר מארדן אים, אין דמיון, (און ווער רעדט — אין דער ווירקלעכקייט פונעם לעבן,) — דאן מארדן מיר — זיך אליין. ווייל איטלעכער מארד, ווי באוואוסט, איז — א אקט פון זעלבסטמארד. (און פארקערט.)

יב) והאיש משה ענו מאוד מכל האדם, אשר על פני האדמה. משה איז געווען אזוי געפאלן און געבויגן ביז צו דער ערד, — ווייל ער האט געטראגן אף זיך די לאסט פון דער גאנצער מענטשהייט.

משה איז געווען בא זיך געפאלענער — נישט נאר פון ד ע ם, צי פון י ע נע ם , — נאר פון אלע מענטשן פאראמאל; ער האט זיך געשטעלט נידעריקער פון יעדן. איז דאס שוין פארגעקומען צו־איבערגעטריבן; און אזוווי ער אליין איז אויך געווען — א מענטש, גלייך מיט יעדן, — איז אנטשטאנען, דארום, דער חשד: אז אט אין דער מוראדיקער זעלבסט־פאראכטונג, (וואס קאן באלד גרעניצן — מיט בלינדער אומגעצוימטער אין־זיך־איינליבונג,) שטעקט — זיין נעגירונג פון דעם גאנצן מענטשן־מין בכלל...

יג) זיכער קענן דיין שונא ביסטו נאר דאן, ווען דו בלייבסט צו אים — אומדיפערענט, גלייכגילטיק; דאס הייסט — אז ער לאזט דיך צורו; ער באאומרואיקט דיך נישט...

דאקעגן, ווען דו רייסט זיך — מיט אים צו קעמפן, — דאן, ביסטו שוין, (וויאזוי דער אויסגאנג פונעם קאמף זאל נישט זיין,) פון אים — באזיגט... ווייל, דער דאזיקער שונא שטעקט פעסט — אין דיר. און דיין קאמף מ י ט א י ם איז — דיין קאמף מ י ט ז י ך א ל יי ן ...

עס קומט דאן פאר מיט דיר — דאס זעלבע, ווי בעת ד יי ן ק א מ ף מ י ט א פ ר ו י ... (עס הייסט, גלייכצייטיק — מיט דעם ווי ב ל ע כ ן אין דיר גופא...) דיין קאמף מיט איר, (אזוי — מלבר, אזוי — מלפנים,) דאס איז — דער ג ע נ ו ס דייר־נער, פון ד יי ן ק א נ ט א ק ט מיט איר... און דווקא — אין קאמף... אזוי, — אז דו ביסט, פון לכתחילה גלייך, ווי דו גיסט נאר נאך דיין דראנג צום קאמף — באזיגט...

און ארויסזעען קלאר וועסטו עס, ערשט דאן, — ווען דיין (דורך דיר) באזיגטער שונא, דיין (דורך דיר) באזיגטע פרוי — וועלן פאר־שווינדן; אומקומען; דיך לאזן — איינגאנצן אליין... דאן, וועסטו נע־מען איינזעען באשיינפערלעך: ווער — ווען עס האט דא באזיגט:

דו — זיין; אָדער זיי — דיך; דורכדעם, וואָס דו האָסט זיי דערשטיקט — אין זיך; במילא, האָסטו אומגעבראַכט — אַן עיקר־טייל פון דיין אייגענעם מהות...

די תפיסה פון געוויסן און מאָראַל

א) אַלע איבערלעבונגען פון דער יונגער שיינער „זי", מאָגן זיי זיין ווי טראַגיש און פיינפול, — ווירקן זיי אַף אונז, פאַר אַלעמען — שיין. בלויז די פיין און לייד פון דער עלטערער פרוי ווירקן אַף אונז — מענטשלעך. דאַקעגן, ד י עסטעטיק איז — אַבזוריותדיק, אַנטי־הו־מאַניש.

ב) אַמאָל איז אַ פאַרברעכן צו־גרויס, אַז וועלכע שטראָף זאָל אים קע־נען אויסקויפן... דאַן, נעמט מען אַף זיך אַליין די שטראָף; און דעם מערדער לאָזט מען צורו...

ג) אַלץ איז — טעאַטראַלער ווידוי; נישט נאָר — אין האָבן געטון שלעכטס; נאָר אויך אין האָבן געטון, אָדער אין פרעדיקן — גוטס, הייליקייט, נישט פון ד ע ר וועלט, אַלציינס ווי אין פרעדיקן גע־מיינהייט. און דאָס אַלץ קומט אונטער דעם פאַטאַלן גראַוויטירנדן דראַנג צו אונטערגאַנג...

ד) אַף דער אוניווערסאַלער טעאַטער־אַרענע פון לעבן און טויט, שפּילן און רעפּרעזענטירן: די יונגע און מעכטיקע — די ראָל פון בער־טאַלער קראַפט. דאַקעגן, די עלטערע און שוואַכע שפּילן און רעפּרע־זענטירן — די ראָל פון דער מאָראַל.

ה) נאָר אין טיפער פאַלשקייט לאָזט זיך מערקן — דער אמת. פונקט ווי אין טיפן אמת — די פאַלשקייט. ווי קעגנזייטיקע פאָן און בילד; און נאָך עפּעס...

ו) ערשט מיטן פאַראַט (פון חבר צו חבר, פון מענטש צו אידייע,) פאַנגט זיך אָן — די ראַשיקסטע, אינטריגאַנטיש־אינטערעסאַנטס־טע ספּעקטאַקל־אַוואַנטורע פון דעם לעבן. קולטור איז — פאַראַט צו דער איינגעשטאַנענער מאָראַל. אומקולטור איז — פאַראַט צו קולטור.

ז) דער, וואָס שעלט דעם אמת, איז אַ מאַרטירער, וועלכער זוכט, אַזוי־אַרום, דעם וועג פון פּיין, וויסנדיק, אַז דאַדורך פאַרשעלט ער און מאַכט אומגליקלעך — זיך אַליין...

ח) כל הגדול מחברו, יצרו גדול הימנו. ווען איינער ווערט גרויס, הייליק, ליכטיק — אַפן אויג, לפנים, — איז דאָס דערפאַר: ווייל גרעסער איז אין אים איצט געוואָרן, אין געראַנגל — דער אַנדערער

עקסטרעם, דער חושך; וואָס נאָר אַ ף ז יי ן פּ אַ ן, קאָן ער ווערן אָנגעזעען — מיט זיין ליכט...

נעמט צ ו, אַף איין רגע, דעם חושך, — אַזוי וועט דאָס ליכט, באַלד, פון זיך אַליין, אויסגיין...

ווען איינער ווערט, לפנים — גרויס, הייליק, ל י כ ט י ק, — קאָן דאָס זיין ד ע ר אַ ר ו י ס ג ע ש ל אָ ג ע נ ע ר פּ אַ ן פאַר דעם צעבושעוועטן אין אים ח ו ש ך; וועלכער האָט קיינמאָל אַזוי נישט געדראָעט, ווי איצט, מיט פאַרלענד...

עס געשעט דאָס זעלבע מיט דער פרוי, ווען זי בליט אויף, זי באַ־דעקט זיך און ווערט אָפּגעגאָסן — מיט בושה; כדי צו פאַרשטעלן: נישט — איר צניעות, — נייערט — איר אייגענע נאַקעט־אַרויסגעשטעלטע לוסט...

ט) ליבן ד י מ ע נ ט ש ה יי ט און האסן ד ע ם מ ע נ ט ש,

איז — די שטרעבונג דעם מענטש צו דערהויבן צו דער בחינה פון אידעאַלער נאַטור־אַנטפּלעקונג, פון מענטשהייט־דעקאַראַציע, אין אומ־ענדלעכער עקספּאַנסיע.

י) לץ האָט מערער מורא פאַר ערנסט, ווי דער ערנסטער מענטש. בא אים איז ערנסט — נאָרמאַל, געוויינלעך, היימיש. דער לץ פאַר־דעקט דעם ערנסט, ווייל ער שרעקט זיך פאַר אים. ער איז ערנסטער. דער ערנסט שרעקט אים, ווייל ער איז — ערנסט־ערנסט. די ליצנות איז זיין מקלט — פאַרן דראָענדן ערנסט, וועלכער וואָלט אים געקאָנט טרייבן צו שוידערלעכע פליכט־טואונגען, — ווען ער אַנטלויפט נישט און דעקט זיך נישט מיט — ליצנות.

יא) פונקט ווי עס קען נישט געמאָלט זיין דאָס פ י ז י ש ע פ אַ ל ן — אָן גראַוויטאַציע, — אַקוראַט אַזוי, קאָן נישט געמאָלט זיין דאָס מ אָ ר אַ ל י ש ע פ אַ ל ן — אָן גראַוויטאַציע...

כדי צו פאַרמיידן דאָס פיזישע פאַלן, איז נויטיק זיך צו געפינען — האַרט אָפן באָדן. נו, און כדי אויסצומיידן דאָס מאָראַלישע פאַלן?!.

אָבער, אַפילו ווען מע געפינט זיך האַרט אָפן באָדן, איז נישט מעג־לעך (פיזיש; במילא, אויך נישט — מאָראַליש) קיין שום צושטאַנד (נישט קיין דינאַמישער, נישט קיין סטאַטישער,) — אָן דער קעגנערישער גראַ־וויטאַציע...

און נאָכמער: אויך דער פלי — דער ווידערשטאַנד, דער קעגנזאַץ — איז נישט מעגלעך — אָן גראַוויטאַציע... און ערשט לעבן דער יונגער רייצנדער „זי”, גייט אויף, אין ווידערשטאַנד — דער קרעפטיקער מאַן, דער אומאָפּהענגיקער פרייער מענטש, אין שוואונג...

יב) דער בעסערער מענטש איז שולדיק פאַר די פאַרברעכנס פונעם

ערגערן. אים האָט דער גורל געמאַכט פאַר אַ לערער און וועגווייזער, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער טואונג פון זיינע שילער; סיי ווען ער לערנט זיי; סיי ווען ער לערנט זיי איינגאַנצן נישט. אַזוי, צי אַזוי, טוט ער שלעכט... (אָדער ער לערנט שלעכט; אָדער דאָס שלעכטע באַשטייט אין דעם, וואָס ער לערנט נישט...)

יג) דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם אַפּעלירט נאָכאַנאַנד צו זיין אויסגאַנג־פונקט — צום קלאַסישן, אָביעקטיוון וואָר־רעאַליזם; דאָס הייסט, צום פרייען אינטעלעקטועלן סאָציאַל־מאָראַלישן איינשטעל פון מענטש און געזעלשאַפט. דערפאַר, זענען זיינע אַדעפּטן מסוגל, מיט אַזאַ רואיקן געוויסן — צו דערפילן (דורכפירן) דאָס, וואָס זיי זעען איין, אַלס פליכט; און אויסראָטן פון דער געזעלשאַפט — יענע אַלע, אינטעלעקטועל־אומפאַראַנטוואָרטלעכע, מענטשן: וועמעס אויסגאַנגס־פונקט פאַר זייער מאָראַל פון גוטס און שלעכטס איז גאָר — דער אַנאַרכאָ־עמאַציאָנעלער שטראָם, וועלכער נעגירט גענצלעך — דעם קלאַסישן אָביעקטיוון וואָר־רעאַליזם. (זע „בענגיע קריק”, פון איוואַן באַבעל.)

יד) אַלע מוסר־ספרים, וואָס זענען דערשינען ביז איצט אַף דער וועלט, האָבן (אויסן־געווען) בלויז געדינט דערצו, וואָס זיי האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די אומוויסנדע — אַף דער געהיימער עקזיסטענץ פון דער פאַרבאָטענער מיסטעריעזער פרוכט פון זינד: כדי זיי, די אָקאָרשט־געוואָרן־אומוויסנדע, זאָלן, ערשט, מיט צערייצטן אומרו, מיט ווילד־פרענעטישער דערוואַכט־צעפּלאַקערטער התלהבות — טון אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, (נאָר, דער עיקר — טון דאָס, וואָס איז אוממעגלעך), — אַבי פון איר זיסן אומקום (פון דער זינד) צו געניסן...

דאָס איז דער סוד פון דעם פאַרבאָט — צו געניסן פון דעם עץ הדעת טוב ורע. עס איז די טיפע אינטימע כוונה: צו רייצן די שלאַנג אין דעם מענטש; ער זאָל געניסן און, דאַדורך, עפענען אַ וועג — צו קולטור, צו וויסן, צו וועלט, צו לעבן, צו אַלע מיסטעריען פון זיין...

טו) דער בעסטער איז דער ערגסטער. זיינע גוטע טואונגען זענען, כדי אויסצוקויפן געהיימע זינד... ווען נישט זיינע — איז פון דער מענטשהייט, בכלל. זינד, וועלכע ער, אַלס מענטש, שפּירט, ווי די לאַסט.

עס איז, אין דער זעלבער צייט — אַ דראַנג צו אונטערגאַנג — דורך ווידוי, בליונג פון נאַטור, פון גוטס־טון... און אפשר — זיך נישט מודה־זיין, אוים פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר מענטש, וועמען מע טאָר נישט דערנידעריקן, שענדן, מאַכן ליידן?! אפשר, אָנשטאָט ווידוי און מאָרד־שענדונג — זעלבסטמאָרד?!. און אפשר — זיך פאַרט מודה זיין און, אין דער אונטערשטער שורה — אַלעמען דערהויבן?!

דער ווידוי דערגרייכט דאָס פאַרקערטע. נאָך ווידוי (זע מאַפּאַסאַנס „לעבן"), ווערט מען אַנטיסאָציאַל, אויסערהאַלב געזעלשאַפט. דאַן איילט אַ נייער איזאָלירטער זוויער — זיך ראַטעווען...

ווידוי איז — אַ דראַנג זיך צו באַפרייען פון געזעלשאַפטלעכער לאַסט, זיך אָפּטיילן פון כלל; זיך שטעלן העכער, הייליקער; שענדן געזעלשאַפט. עס איז אַ דראַנג — אונטערצוגיין; מער נישט טראָגן — קיינעמס לאַסט; נישט — די אייגענע.

טז) בני משה עובדי עבודה זרה היו. ז יי ן הייליק, מיינט צו זאָגן — קעמפן, זיך אָנשטרענגען; שטרעבן דערצו, אויס אַ קעגנגעזעצטן עקסטרעם, אויס אַ געפאַנגענשאַפט אין דער טומאה... דאַקעגן, אַ זון שהורתו ולידתו בקדושה, — שפּירט נישט איר רייץ; פאַר אים, וואָס ווערט דאָרט גופא געבוירן, אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג, — איז זי אַ שטער בלויז, אַ תפיסה; ווייל אומעטום, וואו אייגער קומט אויף, — איז אַלץ פאַר אים — אַ תפיסה; און ער נעמט זיך ציען, דאַרום, אַנגסטלעך, צום עקסטרעם — צו ז יי ן קדושה; עס הייסט, צו דער טומאה, ר"ל...... און נאָר דאַדורך קאָן דערקלערט ווערן — דאָס לאָזן בורשעווען און דאָס דולדן די סיטרא אחרא, בא דער זייט פון דער סיטרא דקדושה, אין דעם סאַמע העכסטן אָרדן פון זיין...

יז) כל הגדול וכ"ו יצרו גדול וכ"ו. באַאָבאַכטע דאָס ברענען פון אַ ליכט. אויבן פלאַקערט — דאָס פייער, דער ליכטיקער גייסט — דערפאַר ווייל אונטן ברענט — די פינצטערע מאַטעריע. (ליכט מוז שעפּן זיין יניקה פון חושך. ליכט פון ליכט אַליין ברענט נישט, איז פינצטער...)

און דאָס זעלבע גייט אָן אין אונזער געמיט. בעת אויבנויף, פאַר דער ליכטיקער שיין, פלאַקערט, אין ריינעם ענטוזיאַזם און געניוס — דער הייליקער מענטשלעכער ליבע־גייסט, — איז עס דערפאַר, ווייל אינערלעך, אינטים, ברענט, בעת־מעשה — אין דעם א יי ג ע נ ע ם נידערטרעכטיקן געניוס־ענטוזיאַזם — די געמיינע עראָטיש־פינצטערע מאַטעריע...

יח) דער הייליקער ווערט געהאַסט, ווייל ער ווייזט די מעגלעכקייט צו קענען זיין הייליק, ריין; במילא, מאַכט ער, אַלס מעגלעכער אויסנאַם, אַלע פון אָרום — שולדיק... וויבאַלד אַזוי, איז ער מער נישט קיין הייליקער: ווייל ער שטרייכט אונטער, מיט זיין לעבן — די זינד פון אַ גאַנצער מענטשהייט... איז, אַנשטאָט צו זיין ד ע ר ב ע ס ט ע ר, — ווערט ער ד ע ר ע ר ג ס ט ע ר פון אַלע; ווייל ביז אים איז נישט געווען קיין זינד. (ווייל נישט געווען קיין עקסטרעמער אויסנאַם...) בלויז מיט אים, הויבט זיך אָן די זינד...

פון דער אנדערער זייט: ווען נישט א גאנצע וועלט מיט זינד, — וואָלט ער קיין הייליקער נישט געווען. ווייל, א ל ע הייליקע, איז — ק יי ן הייליקע... בלויז אוים דעם בראנד פון דער טיפער געפאלנקייט פון א גאנצער וועלט — האָט געקענט אויפקומען אזא שארפער כנגד. ווי א הייליקער... וויבאלד אזוי, — איז די זינדיקע וועלט — זיין מוטער... און ער איז, מיט זיין גאנצן זיין און אויסשטראלן, פאטאל געבונדן צו דער זינד... (ווייל עס איז קלאָר: אז אוים א וועלט פון לויטער הייליקע, — וואָלט בלויז געקענט ארויסגעשטורעמט ווערן — די זינד...) במילא, איז ער, (דער ריינסטער) — דער איינציק־שולדיקסטער, וועמען מע מוז קרייציקן...

יט) צוזעענדיק טשארלי טשאפלין, אין דעם „טאנץ פונעם לעבן", און באזונדערס, אין דעם פילם, ווי ער, דער טאלאנטפולער שלימזל, אנטלויפט פון תפיסה, און פארשאפט, דאדורך, אזויפיל ארבעט — אָט דער גאנצער אומצייליקער באנדע סאָציאלע נישטיקע פאראזיטן און זיך־וואזשנע־מאכנדיקע טויגניכצן, — קומט אויף, אומגעריכט, די מאָדנע פראגע:

— זאָגט, אדרבה: וואָס וואָלטן אָט די אלע געטון; און וואָס פאר אן עקזיסטענץ־בארעכטיקונג וואָלטן זיי, בכלל, געהאט, — ווען נישט ע ר, דער ארעסטאנט, דער פארברעכער?!

— און צי האָלט זיך נישט אָט דער גאנצער אזויגערופענער געזעל־שאפטלעכער סדר: די תפיסה־אינסטיטוציע; דאָס געריכט־וועזן, אין אלע זיינע אספעקטן — קרימינעלע, ציווילע, א. א., באנאנד מיט דער יוריס־פרודענץ; די פאליציי, די ארמיי; מיט איין וואָרט, אָט די גאנצע מאָ־ראל און די אידעאלן, וואָס טוען צעמענטירן דאָס לעבן פון דער עדה; יאָ, איז: צי האָלט זיך נישט דאָס אלץ — אף (און אדאנק) דעם פאר־ברעכן, דעם בייז, דער רעבעליאָן — ווי די באזן, די זיילן, די אָנרעגונג צו טעטיקייט, צו אלץ?

— ווייל, אינקעגנטייל, (אָן דעם פארברעכן), — אזוי וואָלט דאָך גלייך דאָס אלץ־אויבנדערמאָנטע געבליבן, מיטיינמאל — אומטעטיק, פאראליזירט, אומאקטיוו, אָפגעשטאָרבן — טויט?!.

כ) דער געוויסן (אזויווי אלץ, וואָס לעבט אין מענטשנס געמיט,) פאָ־דערט — זיין שפייז, זיין דערנערונג, כדי צו לעבן, וואקסן, אקטו־אירן... האָבן געוויסן, מיינט צו זאָגן — אים אָנווענדן; ער זאָל נאָכאנאנד רעאגירן; ווייל, אָן זיין אָנווענדונג, ווערט ער אטראָפירט, שטארבט ער... די שפייז פון דעם געוויסן איז — דאָס אומגליק, די טראגעדיע. אויסשליסלעך מ י ט ד ע ם דערנערט זיך דער געוויסן. באקומט ער, אין א גענוגנדער מאָס, זיין אומבאדינגטע שפייז פון מענטשלעכע

יסורים, — ארבעט ער דאן, דער געוויסן — רואיק, נארמאל. (ווייל, פונקט ווי דאס אויג פון פארשטאנד מוז רוען, זיך־סומך־זיין, אן אויפ־הער — אף דעם קיום פון מוסדות עולם; אנישט, קומט אומזין, — אקו־ראט אזוי, מוז געוויסן רוען, זיך סומך זיין, אן אויפהער — אף ליידן, אף פיין...) באקומט נ י ש ט דער געוויסן זיין געהעריקע שפייז, — ווערט ער אומרואיק, צערודערט; און ער קען דאן זיין עלול — צו פאר־פלייצן א וועלט א גאנצע מיט ימים בלוט, — כדי ז י ך צו דער־האלטן; בלייבן באם לעבן...... דאקעגן, די רישעות פון מענטשנס געמיט דערנערט זיך אויסשליסלעך, קאן נישט לעבן און וואקסן — אן דעם מענטשנס גליק... און כדי ז י ך א ל י י ן צו דערהאלטן באם לעבן, — וועט דאס מענטשלעכע רישעות און בייז זיך נישט אפשטעלן פאר גארנישט, אבי אויפצוהאלטן דאס מענטשלעכע גליק.

עס הייסט, מיט אנדערע ווערטער: אז אין דעם אייביקן אומענד־לעבן ארדן, אין דער קאנסטיטוציע פון גייסטיקן זיין, זענען ג ע ו ו י ס ן און ר י ש ע ו ת — א אינטעגראלע באשטאנד־טייל אן־און־פאר־זיך; און די ערשטע און איינציקע גורמים פארן אויפקום (ווייל זיי קענען נישט איינרוען, ביז זיי רופן נישט ארויס) אינעם לעבן — פון פיין און פון גליק: כדי צו קענען אליין אנגיין אומגעשטערט — מיט דעם קיום און וואוקס פון זייער זיין...

כא) יעדע ניי־געבוירענע אידייע וועט מענטש נישט אננעמען פריער, איידער ער באווארנט נישט, אז אין איר זאל זיין ווי געהעריק פארטראטן און אויסגעדריקט — ע ר, מיט געהעריקע דאזן — נידער־טרעכטיקייט, („אידעאליסטישע" רישעות,) נאר, דער עיקרשט — מיט זיין אידיאטיזם, (די הייליקע פערפעקט־אידעאלע טיפשות,) וועלכע איז אייביק און די באזע פון דעם מענטשנס זיין; מיט איין ווארט: ביז וואנען די אידייע וועט ניט דעגענערירן — צו א י ם. דאן, לאזט ער זי „לעבן" און געדייען, באנאנד מיט אים. אניט, — קרייציקט ער זי... דאס איז אייביק אף אלע אייביקייטן, אמן.

ווייל די באזע פון יעדער געזעלשאפט, מלוכה, סדר איז נישט — דער פילאזאפישער צווייפל, — נאר דער סטאדישער אידיאטיזם. און ווי עס האט געלערנט דער רמב"ם, אז „לולא השוטים, היה העולם חרב". צו־ערשט, קומט דער אידיאטיזם, וועלכער איז די סיבה און די טרייב־קראפט צו אל־דער טעטיקייט; און ערשט ארום דער אידיאטישער באזע — נעמט וואקסן די אינטעליגענץ...

דערפאר איז, יעדער רעזשים, וואס וויל זיך באפעסטיקן, מאג ער זיין ווי ־ אידעאל, — זוכט ער, פאר אלעמען — מאסן אידיאטן, וואס זאלן זיין גרייט אף קרבנות א. א. וו. וועגן אינטעליגענץ טראכט דער רע־

זשים אמווינציקסטן. אָ, דאָס איז די לעצטע זאָרג. זי וועט שוין קומען...
דער עיקר איז: וואָס מערער אידיאָטן, וואָס טוען קינדלען; כדי צו קענען אַרויסשלעפּן דעם וואָגן... ווייל — נאַשטשאַ מעניע פיזיקאַ־מיזיקאַ? בעד־רי זאַ כוואָסט אי טאַשטשי... און דער דערפאָלג, אָדער דורכפאַל פון וועלכן רעזשים איז אָפּהענגיק — פון דער גרעסערער, צי קלענערער צאָל אידיאָטן, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפן, אָדער באַוויזן אַרום זיך צו קול־טיווירן...

און ווי עס פאַרזיכערן די הייליקע ספרים, אַז „שומר פתאים ד׳”: די גאָט־אינסטיטוציע — וועלכע איז דער פּערפעקטסטער מוסטער פאַר אַלע אירדישע סיסטעמען, אַ ף ד ע ר ע ר ד, — זאָרגט אייפער־דיק פאַרן זיין און וואוילזיין, אָ, פון אירע הייליקע נאַראָנימלעך; באַ־גרייפנדיק, אַזוי געטלעך־העלזעענדיק־קלאָר: אַז נאָר אַזוי אַרום, קאָן בלייבן באַוואָרנט — איר אייגענער אַל־אייביקער זיין; און נאָכאַמאָל, אָמן.

כב) דער מענטש — צי דער שטאַט; דער אַבסאָלוטער נאַקעטער אינ־דיווידועלער אמת — צי דער קאָנווענציאָנעלער דיספּראַזירטער קאָלעקטיווער, — ווער איז גערעכט?

נישט קיין אַנדערער, ווי אַנדרע זשיד האָט, אין 1898, געשריבן וועגן דרייפוס־פּראָצעס: „אויב דאָס ראַטעווען אַ אומשולדיקן דרייפוס איז פאַרבונדן מיט ברענגען אַ געוויסן שאָדן דעם פראַנצויזישן שטאַט, — דאַן מוז אַלץ געטון ווערן דערפאַר: אַז דרייפוס זאָל דערקלערט ווערן פאַר שולדיק, און פראַנקרייך זאָל בלייבן אומבאַפלעקט”.

דער געטלעך־אינדיווידועלער פרייער אייביקער אמת פון מענטש — צי דער געטלעך־אויטאָריטאַרער באַצווינגערישער קאָלעקטיווער אמת פון שטאַט, — ווער איז גערעכט?

דערציילט אַלדאָס הוקסלעי, אין זיין בוך „די גרויע עמינענץ”: „בעת עס איז געזעסן די אימפּעריאַלע דיעטע אין ראַטיסבאָנאַ, אין 1630, אין די צייטן פון דער 30־יאָריקער מלחמה, אין דעם טומל פון וועלט־פּאָלי־טיק, — איז יאָהאַן קעפּלער (צווישן טויזנטער אַנדערע עלנטע, וואָס זע־נען געפאָרן בעטן הילף און שוץ קעגן אַרמיי־רויבער,) געקומען אַהין צו־רייטן אויף אַ פערד, דעם גאַנצן וועג, אויס שלעזיע, כדי צו בעטן זיין הינ־טערשטעליק געהאַלט, אַלס אימפּעריאַלער מאַטעמאַטיקער באַם אימפּע־ראַטאָר פערנאַנדאָ פון עסטרייך. אָבער מע האָט אים נישט אויסגע־הערט; פּונקט ווי מע האָט נישט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט די טויזנטער אַנדערע. די דיעטע איז געווען צופיל פאַרנומען מיט די אינ־טריגעס צווישן פראַנקרייך, (קאַרדינאַל רישעליע, דער גייסטלעכער יוסף,) עסטרייך און דייטשלאַנד — פאַר אימפּעריאַלער העגעמאָניע. און

קעפּלער איז, צוזאַמען מיט אַנדערע, אויסגעגאַן פון הונגער. דאַן, האָט מען זיי אַלע באַגראָבן אין אַ מאַסן־קבר, אפן צעמענטעריום פון ראַ־טיסבאָנאַ."

ווי מע זעט, איז דער קאַרדענאַל רישעליע געווען אינגאַנצן זיכער באַ זיך: אַז אין דעם קאָנפליקט צווישן מענטש און שטאַט, — פאַלט אוים די גאַנצע גערעכטיקייט, תמיד, אַף דער זייט פון לעצטן.

עס האָט זיין זיכערקייט געגרייכט אַף אַזוי ווייט, — אַז ער האָט געזאָגט, פאַרן טויט: „— איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין שונאים, אַ חוץ די פיינט פונעם שטאַט."

פונדעסטוועגן, ווייסט מען צו דערציילן: אַז ווען מע האָט מיטגע־טיילט דעם פויפּסט אורבאַנאָ דעם 8־טן וועגן טויט פון רישעליע, האָט דער ישיש געזאָגט: „— אויב עס איז דאָ אַ גאָט, — וועט דער קאַרדע־נאַל האָבן אַף אַסאַך זאַכן צו געבן אַ ענטפער. אָבער אויב עס איז נישטאָ, — דאַן האָט ער געטון זייער גוט."

און אפילו מיטן קאַרדענאַל רישעליע אַליין, באַ זיין גאַנצער זיכער־קייט אין זיך, — איז דער ענין אויך נישט אַזוי גלאַטיק, ווי ער קומט פאָר, לפנים. ווייל, נישט קיין אַנדערער, ווי ער גופא, האָט באַפוילן וועגן זיך אויפשרייבן אַף זיין מצבה פאָלגנדן זאַג: „איך האָב געטון אַסאַך שלעכטס, און ווייניק גוטס. דאָס גוטע האָב איך געטון שלעכט; אָבער דאָס שלעכטע האָב איך געטון גוט."

כג) יעדער זעלבסטמאָרד איז — אַ מאָרד. דער, וואָס האָט עמיצן דער־מאָרדעט, — טוט אַליין, וואָס ער קען, כדי צו פאַרווישן אַלע שפורן, וועל־כע וואָלטן געקאָנט דענונצירן זיין פאַרברעכן. ער איז גרייט אומצוברענ־גען יעדן איינעם, (באַגיין אַ רייע פרישע מאָרדן,) אַף וועמען ער האָט נאָר אַ ווייטן חשד, אַז יענער זאָל האָבן צוגעקוקט — זיין ערשטן מאָרד. ער וועט נישט רוען אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען ער וועט נישט פאַרבלייבן אינגאַנצן זיכער — אַז עס לעבט נישט קיינער מער פון די אַלע יעניקע, וועלכע וואָלטן געקאָנט האָבן בייגעוואוינט — יענע, די ערשטע, פאַר־ברעכערישע טאַט זיינע פון מאָרד.

נאָר ע ר , וואָס האָט אַליין אויסגערעכנט, — האָט אָבער פאַר־געסן איין אומבאַדייטנדע, דאַכט זיך, אָבער דאָך — זייער־וויכטיקע קליינקייט; נעמלעך: אַז ע ר אַ ל יי ן איז געבליבן לעבן, ע ר, וואָס האָט בייגעוואוינט זיין מאָרד...... און כאָטש אין אָנפאַנגס, גיט ער זיך נישט קיין קלאָרע רעכענונג דערפון, — איז אָבער, וואָס ווייטער עס פאַרגייט אַ טאָג, — אַלצמער נעמט ער פאַרדעכטיקן: אַז עפּעס איז מיט אים אַליין נישט־גלאַטיק אינגאַנצן; דאָס הייסט: אַז ער אַליין איז נישט גאַנץ מיט זיך; אָדער, מיט אַנדערע ווערטער: אַז ע ר איז נישט —

ע ר אינגאַנצן... און בעת איין טייל פֿון אים, ד י א ק ט י ו ו ע , האָט געטון די טאַט פֿון מאָרד, — האָט, אין דער זעלבער צייט, אַ אַנדע־רע טייל אין אים, (אַן אומאַקטיווע, אַ נאָכדענקענדע,) זיך צוגעקוקט. ווי פֿון־הצד; פּונקט ווי אַ פֿרעמדער, ב יי ג ע ו ו א ו י נ ט ד ע ם מ אָ ר ד ... און אפשר אויך: אים געפּרוואווט וואָרענען, באַצייטנס אָפּ־האַלטן פֿון דער טאַט אינגאַנצן; נאָר, נישט באַזעסן נאָך ד אָ ן קיין גענוג כוח דערויף... איצט אָבער, שטייט־צ ו צו אים — יענער פֿרעמ־דער, (וועלכער, אַ פּנים, באַטראַכט זיך נישט פֿאַר קיין פֿרעמדן אינ־גאַנצן; נייערט, למרות הכול, פֿילט ער זיך דאָך, ווי אַ טייל פֿון אים; במי־לאָ, אַלס מיט־אחראי, פֿאַר אַלע זיינע טאַטן, —) און ער רייסט פֿון אים שטיקער: אַז רק ער זאָל זיך גיין מודה־זיין, און באַקומען די פֿאַרדינטע שטראָף...

אָבער, דאָס מערקווירדיק־שוידערהאַפֿטע אין דעם אַלעם איז: וואָס א י ם א ל יי ן , (דעם דירעקטן מערדער אין אים,) נעמט אויך ציען, אומווידערשטייליך־שיכור, צום ווידוי; אפשר דערפֿאַר: כדי איבערצו־לעבן באַניים (לו־יהא, זאָל זיין — אין דער פֿאַרשטעלונג בלויז,) — דעם פֿינצטער־בלוטיקן רויש פֿון דער מאָרד־טאַט...; עס הייסט, אפשר: נאָכ־צוגעבן באַניים — דעם פֿינצטער־בלוטיקן דראַנג צו צעשטערונג, צו כאַאָס, צו זעלבסט־אומקום... און אפשר, איז דאָס דערפֿאַר: ווייל זיין איינציקער לעבנס־באַרוף, זיין זכות־הקיום, זיין אייגן געזעץ, זיין קומען אויף דער וועלט, איז געווען אויסשליסלעך דערפֿאַר: כדי דורכצופֿירן אי־בער יענעם די מאָרד־טאַט. דאָס איז געווען דער איניקסטער איינציקער זין פֿון זיין זיין, פֿון זיין מיסיע. ער איז געווען — יענעמס גורל; און ער איז אויפֿגעקומען, באַגלייך מיט יענעם, כדי אויסצופֿירן זיין אייגענע גורל־מיסיע — און יענעם אומברענגען. אַלע וועגן, ז יי נ ע א ו ן י ע נ ע מ ס , האָבן זיי ביידן געפֿירט און אומווידערשטייליך־גראַווי־טירט נאָר דערצו... געפֿירט פֿאַטאַל און צונויפֿגעפֿירט, אין צוזאַמענ־שטויס, צו דער טאַט פֿון מאָרד... און אַלעס אַנדערע, אויסערלעכע. זייַ־טיקע, צעשטרייערישע, בצדי־דרכימדיקע, אויף וואָס יעדער איינער פֿון זיי אינעם לעבן האָט געטון פֿאַרשווענדן ענערגיע, מי, אָנשטרענגונג, אין דער טיפֿסטער איבערצייגונג, אַז ער טוט פֿאַר זיך דאָס סאַמע עיקרדיקע, וועזנטלעכע און וויכטיקסטע־א י ן ־ ז י ך , — איז געווען אַ דיספּראַז בלויז פֿאַר דעם איינציקן אינטימען צאַפּלהאַפֿטן זין־געשעעניש פֿון דער־לייזנדן מאָרד פֿאַר זיי ביידן... נו, און איצט, ווען די טאַט איז געטון; ווען יענער ליבע־אָביעקט, דער איינציקער זין פֿון זיין קיום, איז פֿאַר־שוואונדן, — איז אַ רבותא, הלמאי דער עלנט־געבליבענער געליבטער זעט אויסגעליידיקט פֿאַר זיך אַלע וועלטן, און ער גראַוויטירט צאַפּל־

האפט־פאטאל אליין צו אויפליין?!.

...א, וויאזוי־זשע ראטעוועט מען זיך ארויס פון אזויפיל שרעקונגס־פיינען פאראמאל?!

...דורך דעם אומדערבארעמדיקן אומברענגען — יענעם שונא זיי־נעם, דעם פרעמדן, וועלכער שטויסט אים פארעטעריש צו אונטערגאנג; עס איז א מין — תמות נפשי עם... זאל זיין — מיין טויט, אבי — זיינער; וויל יעדער זעלבסטמארד איז — אן אקט פון מארד... און טאקע — דורכן אומברענגען זיך־גופא...; און, איינמאל־פאר־אלעמאל, ווערן אויסגעלייזט פון דער אומדערטרעגלעכער פיין...

כד) איבערלייענענדיק אויפמערקזאם ר. ל. סטעווענסאנס בוך „דער מערקווירדיקער פאל פון דר. זשייקל און מר. האיד", דערזעט מען ווידעראמאל אזוי קלאר דעם טיפן אמת: אז יעדער זעלבסטמארד איז — א מארד. אין דעם געראנגל צווישן סאציאלן זשייקל און אנטיסאציאלן האיד, נעמט, צולעצט, די אויבערהאנט האיד. אבער די סאציאלע גע־זעלשאפט, צו וועמען עס געהער דר. זשייקל, וויל האידן אומברענגען. און דער אין־קלעם־פארשפארטער אנטיסאציאלער האיד באגייט זעלבסט־מארד, כדי צו דערמארדן אין זיך — דעם סאציאלן דר. זשייקל, זיין בלוטיקסטן שונא, און, דורך דעם, א וויכטיקן פארשטייער פון דער גאנ־צער סאציאלער געזעלשאפט.

עס געשעט דא דאס זעלבע, ווי אין מאפאסאנס נאוועלע „לעבן". דער (אפיציעל־סאציאלער) בירגערמייסטער פארגוואלדיקט א מיידעלע און דערשטיקט עס. שפעטער, ווען דאס פארברעכן ווערט אויפגעדעקט, און מע טיילט אים מיט די ידיעה, — נעמט ער פירן די אויספארשונג... אזוי לאנג, — ביז וואנען עס נעמט אין אים די אויבערהאנט דער סא־ציאלער געוויסן, און ער שרייבט אן צו דער העכערער מאכט א ווידוי־בריוו, וועלכן ער ווארפט אריין אין פאסט־קעסטל... און מארגנ. גלייך נאכדעם, ווערט ער — אויס סאציאלער מענטש... דער אקט פונעם בריוו, (אין פלוג — אן אקט א העכסט־סאציאל־מאראלישער, פון א בעל־תשובה, א צדיק, וואס איז גרייט ערשט זיך אומצוברענגען, אבי אויס־צוקויפן זיין חטא), — האט אבער אויפגעדעקט דעם ריכטיקן פרצוף פו־נעם אויסוואורף; און ער ווערט, דאדורך, באלד אוועקגעשטעלט — מחוץ פון דער סאציאלער געזעלשאפט; עס הייסט, אז עס נעמט אין אים די איבערמאכט — דער אנטי־סאציאלער זוויער. יא, איז אט דער אנטי־גע־זעלשאפטלעכער אנימאל וויל זיך ראטעווען, אום יעדן פרייז. דורך זיין בלייבן אליין, איזאלירט פון דער געזעלשאפט, — באקומט ער, מיטיינמאל, שרעק — אי פארן זיין אליין אין דעם דזשונגל, אי פאר דער געזעלשאפט...; און ער איז גרייט צו טון אלץ, — אבי צו צוריקבאקו־

מען איר שוץ... ער שפּירט זיך נישט געבונדן אַף אַ האָר — דורך די מאָראַלישע ווידוי־רעזאָלוציעס פונעם סאָציאַלן בירגערמייסטער; (ווייל עס קען זייער גריילעך זיין: אַז צום ווידוי האָט אים געשטויסן — די זעלבע שרעק פון איזאָלאַציע: דאָס הייסט, אַז אַזוי־ווי, ער האָט געוואוסט אינטים, אַז ער איז דער אויסוואורף, — האָט ער זיך שוין דערשפּירט איזאָלירט פון דער געזעלשאַפט; במילא, אין שרעק, אי פאַר דער געזעלשאַפט גופא, וועלכע וועט ערשט — זיין דערקלערטער שונא, — אי פאַר די אומבאַקאַנטע געפאַרן פונעם דזשונגל, וואו ער איז איצט געבליבן — גענצלעך אַליין... און נאָך־קלאָרער וועט דאָס פאָרקומען, ווען מירן פּרואוון איינזעען: אַז דער פאַרברעכער איז געוואָרן, מיטיינמאָל — אַ פאַראַנאָיקער; דאָס הייסט, אַ בר־נש מיט אַ צעשפּאָלטענעם „איך": אַ אינטעלעקטועל־סאָציאַלן; און אַ אינסטינקטיוו־אַנטיסאָציאַלן; דאָס פאַרברעכן האָט באַגאַנגען — דער צווייטער „איך", וועלכער איז — געמיין־נידערטרעכטיק אין זיין סאַמע תוך־תוך, דאָס הייסט, אין זיין שלעכטער טייל, אין דער סאַמע־פּרימיטיוו־אַנימאַלישער, וואָס דרענגט צו צעשטערונג, דורך חורבן; און ער איז, אין דער זעלבער צייט, אַנטי־סאָציאַל־אַנאַרכיש, אויך אין זיין גוטער טייל, וועלכע גראַוויטירט צו אויפלייז דורך ליבע... איצט, נאָכן באַגאַנגענעם פאַרברעכן, — ווערט די חיהשע טייל, דער זוויער, באַהערשט פון שרעק... „געוויסן...": אי פאַר דער אייגענער גוטער טייל, וועלכע גוסטירט נישט אַזעלכע גוואַלדזאַמע דרכים פון מאָרד און פאַרגוואַלדיקונג; אי פאַרן סאָציאַלן אינטעלעקט: וועלכער איז דורכוים קעגן זיי ביידן, און ער האָט זיך זיינע אייגענע וועגן פון דינאַמישער צעגלידערונג, אין דראַנג פאָרויס צו באַנייונג... און אַזוי־ווי, ווי מע זעט, קיין גאַנצקייט אינעם געמיט פונעם פאַראַנאָיקער איז שוין מער נישט פאַראַן, און איינער לויפט פאַרן אַנדערן — אים מסר'ן פאַראַטן דעם שענדלעכן זוויער, אים דעמאַסקירן, און פון אים זיך אָפּטרייסלען, — לכן, איילט ער, אין פּאַנישער שרעק, אַ געטריבענער געיאָגטער פאַרפאָלגטער זוויער, פון אַלע זייטן — אַליין צו ווידוי; און אַ סוף זאָל עס נעמען...) און ער קעמפט פאַרביטערט, מיט אַלע מיטלען, כדי צו פאַרניכטן דעם ווידוי־בריוו. און ווען ער זעט, ענדלעך, איין, (מר. האַיד,) אַז דאָס קען אים נישט געלינגען, — באַגייט ער זעלבסטמאָרד — כדי זיך צו ראַטעווען, דורכן דערמאָרדן אין זיך — דעם סאָציאַלן בירגערמייסטער, (דעם רעספּעקטירטן דר. זשייקל,) זיין בלוטיקסטן שונא און, דורך דעם, אַ וויכטיקן פאָרשטייער פון דער גאַנצער סאָציאַלער געזעלשאַפט...

עס טאָר אָבער, באַ דעם אַלעם, נישט פאַרטושט ווערן, דער וויכטיקסטער ניואַנס: אַז מר. האַיד, וועלכער רעבעלירט קעגן דער סאָציאַ־

לער געזעלשאַפט, — גראַוויטירט, אין סאַמע תוך, צו זעלבסט־אומקום, נישט ווינציקער ווי צו סאָציאַלן אומברענגג; מיט איין וואָרט, צו כאַאָטישער אַל־צעשטערונג. און אַ ל ע זיינע טאַטן — אַזוי באַ סטעווענסאָן, אַזוי באַ מאָפּאַסאַן — זענען, אייגנטלעך, גראַוויטירונגען צו אונטערגאַנג... אָט דעם אמת מוז מען זייער־גרינטלעך באַנעמען. שוין דער אַקט פון פאַרגוואַלטיקונג איז — אַן אויסדרוק פונעם דראַנג צו זעלבסט־אומברענגג. און מעגלעך — איר הערט? — אַז אפילו אינעם בריוו־שרייבן האָט אַ האַנט מר. האַיד... און אויב ער קעמפּט שפּעטער קעגן דעם בריוו, — קען עס זיין, טיף־פּאַטאַל־אינטים: כּדי צו פאַרמיידן אַ פאַרהעלטניש־מעסיק־מילדע (אַדאַנק דעם ווידוי,) געזעלשאַפטלעכע שטראָף און, אַזוי אַרום, זיך אַליין טרייבן צו פולשטענדיקער ליקווידירונג... ווי מע זעט, זענען די זאַכן קאָמפּליצירט...

כה) נאָר דער געבוירענער אויסוואורף האָט שאַנסן צו ווערן אַ הייליקער. כל שיצרו גדול מחברו, הוא בעצמו גדול הימנו. ווייל אים האָט די נאַטור באַשאָנקען מיט (בייזע) שטורמישע לײדנשאַפטן; איז, אויב עס קומט אויף אין אים ווען דער באַגער — זיי צו צוימען, — דאַן מוז ער שאַרף אויפשטורעמען און עקסטרעם אַריבערדרענגען — אַף דעם אַנדערן קעגניבערדיקן עק פון דעם בייז.

דאַקעגן, דער מיטלמעסיקער מענטש, (דער אַזויגערופענער חבדישער ב י נ ו נ י ,) וועלכער ווערט געבוירן — אָן שאַרפע דרענגענישן, נישט אַף דער זייט פון בייז, נישט אַף דער זייט פון גוטס, — אָ, ער לעבט זיך זיין לעבן — אָן וועלכן־עס־איז שטורעם, שטיל און רואיק און צופרידן; אָן דעם מינדסטן באַגער — צו ענדערן, כאָטש אַף אַזויפיל, זיין לעבלעך־קוואַטשיקע עקזיסטענץ אונטער דער זון...

כו) קיינער איז נישט אַזוי נאָענט צו זינד, ווי דער הייליקער: אי, ווייל ער איז זייער הויך, און עס דראָעט אים כסדר די גראַוויטאַציע־געפאַר אַראָפּצופאַלן און אומקומען; אי, ווייל ער באַקעמפּט נאָכאַנאַנד די זינד, און ער וואָזיעט זיך מיט דעם כסדר... (און דאָס זעלבע איז פאַרקערט — באַם חוטא...)

כז) די מכות, וואָס פרעסן דעם אָרגאַניזם פון דער מענטשהייט, היילט מען נישט דורך מאָראַלישע, איינמאָל־אַף־תמיד־איינגעשטעלטע אָפּשפּרוכן (כללים) פון גוטס און שלעכטס, וועלכע זענען, ווי די איבערפלאַכיקע שמירעכצן, וואָס מאַכן פאַרשווינדן די מחלה — דערפאַר, ווייל זיי טרייבן זי אַריין אַף אינעווייניק, וואו זי איז עלול צו צעפרעסן דעם גאַנצע אָרגאַניזם, ביז צו אַזאַ שטופע, אַז ער זאָל שוין ווערן לחלוטין אומהיילבאַר.

די מחלות פון דער מענטשהייט מוז מען רעוועלירן, אַרויסשלעפּן

זיי אַף דער ליכטיקער שיין און זיי פּאַרשן, פּאַרשן אָן אַ ברעג. ביז וואַנען מע וועט אפשר דערגיין צום איבערראַשנדן תכלית: אַז זיי זענען אייביק־עלעמענטאַרע קאָנסטיטוציאָנעלע טיילן פון מענטשנס געמיט; און דאָן, אָנשטאָט זיי אומזיסט און נוצלאָז צו פּרואוון קורירן, — וועט מען זיי אפשר פּרואוון ריכטן צו דער דערפילונג און אויסלעבונג פון זייער דעסטרוקטיווער טבע — הערמעטיש־אין־זיך, דאָס הייסט, אַף אַן ערזאַצמעסיק־סובסטיטוטיוון אופן, זיי לאָזן אָנזעטיקן זייער לעכצנדן באַגער; אום, אין דער זעלבער צייט, זאָלן זיי העלפן קאָנסטרוּירן דעם מענטשנס דראַנג צו שלימות הרוח...

אַזוי, למשל, פּ אַ ר צ ע ר ט אַ פּייער בלינד די קוילן, כדי, אין דער זעלבער צייט, צו ווערן די טרייב־קראַפט פאַרן מענטשנס ליכטיקע שפּעררישע אילוזיעס... און אַזוי גוט, ווי דער ברענשטאָף־עלעמענט לעכצט צו דער דערפילונג פון זיין גורל, און ברענען — אַ סימן: ווען מע צינדט אים אָן, ברענט ער, (און ער לויכט), — אַקוראַט אַזוי, לעכצט אויך זער ביאָלאָגיש לייב צו דער דערפילונג פון זיין גורל, און ברענען, און לויכטן, אין פּיין; אַ סימן: ווען מע צינדט עס אָן, ברענט עס; און עס לויכט...

כח) יש דרך קצרה וארוכה; ויש דרך ארוכה וקצרה. נאָר דער אחריות לאָזער מאַראַלישער סנאָב זוכט דעם דרך צו דער קדושה — דורך דעם אינדיווידועלן שמאָלן שביל פון זעלבסט־דערלייזונג. דאַקעגן, דער מאַן מיט אחריות פאַרן גורל פונעם גאַנצן מענטשן־מין ציט און גראַוויטירט צו דעם גוטס, אונטער דער שווידערלעכער פּערוועזער לאַסט פון דעם גאַנצן דעגענערירטן כלל. ער באַוועגט זיך, דאַרום, לאַנגזאַם, טראַט באַ טראַט, און ער איז תמיד אויסגעשטעלט אַף די מוראַדיקסטע געפאַרן. נאָר, דערפאַר, איז ער קיינמאָל נישט — אַליין. עס באַגלייט אים דער גאולה־צאַפּל פון אַלע וועלטן.

כט) דער רייץ און אינטערעס פון דעם פאַרברעכן, (מאָרד), באַשטייט נישט — אין דער אַנטיסאָציאַלער טאַט, — נאָר אין דעם נייעם אומבאַקאַנטן קנייטש, (דער קראַנקער דעגענערירנדער ח ר ט ה ־ ש ט ר י ך,) — אין דעם בלינדן רוצחישן חומר; אין דעם אייניזאַמען פון אַלע און פון אַלעמען אין דער גאַנצער וועלט, אונטערגעוואָרפן נאָר די בלינדע בלוט־גורל־באַפעלן פון זיך־אַליין און פונעם גאַנצן קאָסמאָס אַרום, בלינד־צאַפּלענדן ביאָלאָגישן פּלאָנטער — מ ע נ ט ש . . .

ווייל, וויכטיקער פון אַלץ איז: אָט דער מיסטעריעזער דראַנג און ראַמאַנס, וואָס ווערט אָפּגעשפּילט צווישן די צוויי בלינד־צאַפּלענדע זינלאָזע ביאָלאָגישע מענטש־פּלאָנטערס: מערדער, און זיין קרבן.

אַ, ווער ווייסט, ווי די וועלט וואָלט אויסגעקוקט — אָן מאָרדן:

אַט די אייביקע יסודות־עלעמענטן פון זיין...
ס'וואָלט געגאַנגען פאַרלאָרן — די טיפסטע אַקאָרדן:
פון דעם לעבנס סימפאָניע; פון חרטה — די פּיין...

ל) יעדער מערדער, ווען ער לאָדט אויס, ביאָלאָגיש, דעם אָנגעדראָלענעם גיפט, דורך דעם מאָרד, — גייט ער דאַן אַריבער, אומפאַרמיידלעך, ביאָלאָגיש, צום צווייטן פּאַטאַלן עקסטרעם־דראַנג פון זיין געמיט — צו חרטה און ווידוי...

און אויב מיר ווייסן נישט דערפון, — איז עס נאָר דערפאַר — ווייל מיר האָבן דורכגעלאָזן יענעם מאָמענט; געלאָזן דעם מערדער — אַליין, מיט זיך; און ער האָט זיך מתוודה־געווען — ווען קיינער האָט אים נישט געהערט.

לא) קליינע פאַרברעכנס טאַדלט און באַשטראָפט די מאָראַל. גרויסע פאַרברעכנס, (מלחמות; איינער האָט דורכגעפירט אַסאַך מאָרדן, א. א. וו.) — איז זי מוחל. דאָס איז דערפאַר, ווייל אונזערע אויפנאַמס־כלים פונעם געשעענעם זענען באַגרעניצט. איז, דאָס קליינע פאַרברעכן נעמט אונזער געמיט אויף און ווערט דערפון דערשיטערט. דאַקעגן, דאָס גרויסע פאַרברעכן איז אונזער באַשרענקט אָרעם געמיט נישט מסוגל אינגאַנצן אויפצונעמען, עס צו באַנעמען. עס בלייבט, דערום, אינגאַנצן קאַלט צו דעם, אומדיפערענט; עליי עס האָט גאָר אינגאַנצן נישט פּאַסירט...

(דאָס איז בנוגע מלחמות. וואָס איז שייך ווידער אַ מאַסן־מערדער, — בלייבט די מאָראַל שטיין — אומבאַהאָלפן; ווייל, מער ווי איין מאָל טויטן דעם מאַסן־מערדער, איז זי נישט אומשטאַנד; נו, און די דאָזיקע שטראָף קומט אים דאָך — פאַר האָבן געטויט איין מענטשן בלויז! און וואָס איז מיט דער שטראָף — פאַר די איבעריקע מאָרדן זיינע?!.)

וואָס אָנבאַלאַנגט ווידער — אונזער מאָרד, וועלכער איז דאָך יאָ געניי אינפאָרמירט וועגן אַלדאָס פאָרגעקומענע, (ווי, למשל, מלחמות, א. אַ. וו.), — ער מוז שוין אויסגעפינען די אַנטי־מאָראַלישע פאַרענטפערונג פאַר די מאַסנהאַפטע פאַרברעכנס — מיט דעם אויסרייד: אַז, וואָס גרעסער אין פאַרנעם עס איז דאָס פאַרברעכן, — אַלצמער קאָמפּראָמעטירט עס — די גאַנצע געזעלשאַפט, די מענטשהייט; און דערצו קאָן דאָך נישט דערלאָזט ווערן; ווייל, ווען יאָ, — איז דאָך — כלו כל הקיצין... במילא, מוז מען קומען — צום פאַרקערטן שלום; עס הייסט, אייגנטלעך — צום זעלבן שלום פון דעם מאָראַלישן געפיל אין אונזער געמיט: אַז עס האָט, ווירקלעך — גאָרנישט פּאַסירט, גאָרנישט...

און פונקט דאָס זעלבע פּאַסירט — מיט דעם געמיט פון דעם פאַר־ברעכער גופא: פאַר אַ קליין פאַרברעכן, וועט אים זיין געוויסן פייניקן, דאַקעגן, בײַ צאָלרייכע שווידערהאַפטע פאַרברעכנס, (מאַסן־מאָרד, מל־חמה, א. אַ. וו.), — וועט זיין געוויסן פאַרבלייבן — רואיק, שטיל, קאַלט; לחלוטין דאַרויף נישט רעאַגירן... און דאָס אַלץ איז דערפאַר: ווייל זיין באַשרענקט געמיט פון מאַראַלישן געפיל און געוויסן איז מסוגל אויפ־צונעמען, אַלס געשעעניש — נאָר אַ באַגרעניצטע צאָל פאַרברעכנס. דאַ־קעגן, זאָגט זיך עס אָפּ אויפצונעמען, (און, במילא, צו רעאַגירן) אַף אַ מאַסנהאַפטער צאָל; עליי, עס האָט גאָרנישט פּאַסירט...

אײבער דעם, וועט איינער זיך־אָפּפּייניקן, אַ לעבן לאַנג — מיט איין באַגאַנגען פאַרברעכן; דאַקעגן, וועט ער צוריקקערן פון אַ מלחמה — פולשטענדיק גאַנץ און רואיק, מיט זיין געוויסן...

וואָס איז נוגע ווידער דעם געדאַנק, וועלכער ווייסט דאָך און פאַרצייכנט אַלץ, — זוכט ער דיר שוין אויס אומעטום — זײַנע אַנטי־מאָראַלישע פאַרענטפערונגען... אַזוי, כשרט ער און היילקט אַפילו — די מלחמות. און ער וועט שוין אויך אויסגעפינען דעם געהעריקן תי־רוץ — פאַר סתם אַ פאַרברעכער־אַ מאַסן־מערדער, וואָס האָט זיך גע־שטעלט אין קאַמף קעגן דער סאָציאַלער געזעלשאַפט; נו, וועט ער, דער געדאַנק, וועגן אים, נעמלעך, באַהויפּטן: אַז ער איז — אַ פּראָדוקט פון איר אייגענער פאַרדאַרבנקייט; ער איז — איר אומגעזעצלעך קינד; במי־לאַ: איז, וויפל בייז ער טוט איר, — איז עס נאָך אַלץ נישט גענוג...

די תפיסה פון דער טאַט

א) נאָך יעדן עקזאַלטירטן טאַט־באַשלוס — אין דער פאַנטאַזיע, — בלייבט מען אָפּט אויסגעלעבט פאַר דער ווירקלעכער טאַט — אין דעם לעבן...

ב) נאָכדעם, ווי איינער רײַפט אָן אינערלעך צו דערגיין צו עפּעס, — נעמט ער זוכן — די אויסערלעכע פאַקטן, די פּאַסירונגען. ער שאַפט זיי אַליין...

ג) די טרייב־קראַפט צו דער רעבעלישער אוואַנטורע איז — דער אַלץ־צעפרעסנדער לאַנגווײַל, וואָס קומט אויף אונטער דעם סטאַדע־שטייגער. איז, די אימפּולסיווע מאַסע רעבעלירט צו דער אוואַנטורע פון הולטייסטווע. דער אימפּולסיווער פירער רעבעלירט צו דער אוואַנטורע פון דעסטרוקטיווע מלחמות, רעוואָלוציעס. בלויז דער אינטעלעקטואַל רע־בעלירט צו דער שעפּעריש־דעסטרוקטיווער אוואַנטורע פון מל־

חמות, רעוואָלוציעס — אין דער וויסנשאַפט, אין דער פּאָליטיק, אין דעם אָרעמען מענטשלעכן לעבן: כדי עס צו באַנייען, אָפּפרישן, וויטאַליזירן און פול־מאַכן מיט ווערדע און אינטערעס.

ד) יעדער באַדנלאָזער, וואָס פאַרמאָגט נישט אין זײַנע מילן דעם ערדישן רוי־שטאָף פון דער וועלט, — האָט נישט, ווער עס זאָל אים ריכטן, בינדן צו עפּעס, אָפּהאַלטן, מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך אין זײַן טאַט. ער איז, דאַרום, דער אידעאַלסטער פאַרעטער־אין־זיך, דער פרייסטער מופקרניק. ער קען זיך, אין איינער דער זעלבער צייט, צינדן, באַגייסטערן מיט אומאָפּהאַלטלעכער התלהבות — פאַר קדושה, ווי פאַר טומאָה, אַלציינס...

ה) פונקט ווי עס איז פאַראַן אַ א ו י ס ע ר ל ע כ ע לאָגיק און אויסוויקלונג פון געשעעענישן, — אקוראַט אַזוי איז פאַראַן אַ א י נ ע ר ל ע כ ע לאָגיק און אויסוויקלונג פון געשעעענישן; און די אויסערלעכע לאָגיק איז תמיד אָפּהענגיק פון דער אינערלעכער.

איילן טון איילט דער מענטש — איין זאַך. טון, (פּאַקטיש,) טוט ער — אַ צווייטע... למשל, (אינערלעכע לאָגיק): איינער רייסט אָן — צו אומקום; אַ צווייטער — צו אומברענגען... דאַן, (די אויסערלעכע לאָגיק,) פאַרליבן זיךביידע אין איין פרוי; איילן צו איר — איר דעראָבערן; און דאַרט, טוט דער צווייטער דעם איינעם... ווייל דער קרבן און דער מערדער זוכן זיך אַרום...

ו) דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער (רעאַקציאָנערער) פּרינציפּ פון פּריוואַטער אומבאַשרענקטער איניציאַטיוו, איז זיך סומך אַף דער פילאָזאָפיש־סאָציאַלער אידייע פון דער פרײַער פּערזענלעכקייט, פון דעם „פרייען" אינדיווויד; וועלכער אַקטואירט, (טעאיסטיש,) לויט דעם דעדוקטיוון מעטאָד — פון דעם כלל, צום פּרט...

דאַקעגן, דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער (סאָציאַל־דעמאָקראַטישער) פּרינציפּ פון קאָלעקטיוו־קאָנטראָלירטער איניציאַטיווע, נעגירט פילאָזאָפיש־סאָציאַל די עווענטועלקייט פון וועלכער פרייער פּערזענלעכקייט, צי פרייען אינדיווויד; און דערקלערט קאַטעגאָריש (אַטעאיסטיש): אַז איטלעכער אַקטואירט אינעם זיין, לויט דעם אינדוקטיוון מעטאָד — פון דער מאַסע קאָנטראָלירנדע פּרטים, (אַריינגערעכנט — מענטשן,) צו דעם קאָנטראָלירטן כלל...

ז) אַלע אימפּולסיווע טאַטן, וואָס ווערן געחלומט אין שלאָף, מעגן זיי זיין ווי־פאַרברעכעריש, — בלייבן זיי אויסערהאַלב דער יוריסדיקציע פון דעם סאָציאַלן וואַכזאַמען שטראָף־קאָדעקס.

ערנסטער ווערט שוין די לאַגע — מיט דעם, וואָס באַגייט ווירקלעך אַ פאַרברעכן אין שלאָף, בעת ער האַנדלט, ווי אַ אימפּולסיווער סאָנאַמבול...

אַט דאָס איז דער פּסיכישער צושטאַנד פון דער גאַנצער מענטש־הייט — אין אַ צייט פון בהלה, פון קריג. זי פאַלט אריין דאַן אין אַ אימפּולסיוון וואַנזיניק־צעיושעטן סאַנאַמבולישן קאָשמאַר־ברעד; און אַלע פאַרברעכנס, וואָס זי באַגייט, — בלייבן אויסערהאַלב דעם קאָנטראָל פון איר ליכטיקן באַוואוסטזיין... ערשט שפּעטער, ווען די פינצטערע פאַר־פלייצונג טראָגט פאַרביי, פאַלט אָפּ, און זי דערוואַכט פון דעם וויסטן וואַנזיניקן קאָשמאַר, — דערזעט זי דאַן, מיט שרעק און גרויל — וואָס זי האָט אָפּגעטון...

אָבער, אין דעם זעלבן באַרוישטן וואַנזיניקן צושטאַנד (פון אימ־פּולסיוו־צעכוואַליעטן אַלץ־פאַרפלייצנדן מאָרד־אָנשטורעם...) געפינט זיך, בכלל — יעדער פאַרברעכער, יעדער מערדער, יעדער פאַרגוואַלטיקער... איז, צי קען באַוואוסטזיין זיי מאַכן דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך?..

ח) אומעטום, הערשט די פאַטאַליטעט. אין דעם קאַמף פאַר דעם פאָ־רויס־אָדער־צוריק־גאַנג פון דער קולטור אין דער געשיכטע — הענגט אַלץ אָפּ אַ וואָגשאָל; און עס קאָן אייביק אַזוי גוט זיגן ד ע ר צ ו ־ ר י ק , ווי דער פאָרויס... ווייל דער קאַמף פון דער מענטשלעכער גע־שיכטע איז אַן אָפּשפּיגלונג — פון דעם אבסטראַקטן קאַמף אינעם זיין, אין דער פאַטאַליטעט גופא; און זי אליין איז ערשט אונטערגעוואָרפן — איר אייגענער פאַטאַליטעט; דאָס הייסט, אַז די עלעמענטן פון פאָרויס און צוריק אין געראַנגל אינעם זיין זענען אייביק...

עס זיגט, דאַרום, ד ע ר , וואָס ז י ג ט ; און נישט ד ע ר , וואָס איז היסטאָריש־פּראָגרעסיווער...

דער, ווידער, וואָס ווערט באַזיגט, — קאָן פון זיין אָרט, פון זיין פאַטאַליטעט נישט אַנטלויפן, זיך נישט אויסבאַהאַלטן. יעדער צעשלאָ־גענער שונא ציט זיך צוריק — צו זיך אַהיים, צו זיך אין לאַנד, אין די אייגענע גרעניצן; הגם עס איז קלאָר: אַז דאָרט, אין דער נעסט, אין זיין האַרץ — וואַרט אויף אים דער בראָך, די פאַטאַליטעט... דאָך, ציט ער אַהין; ווייל דאָרט געפינט זיך — זיין געליבטע; (זיין הײם...) הגם ער ווייסט: אַז דער שונא וועט אויף דעם אויסרעכענען, וועט אים אַהין קור־מען אָפּוואַרטן, און דערשלאָגן ביז לעצט... איז, דערפאַר טאַקע, ציט ער אַהיים; צום שוים פון זיין געליבטער: כדי דאָרט פאַטאַל דערשלאָגן ווערן; און אַז עס זאָל ווערן דערפילט — דער גזר פון זיין פאַטאַליטעט...

און דאָס זעלבע איז — מיט דעם, וואָס זיגט. אויך ער קאָן פון זיין שרעקלעכער פאַטאַלער לאַסט נישט אַנטלויפן. עס האָט געלערנט ק. מאַרקס: אַז דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט קען נישט דעזערטירן. ער מוז זיגן. דאָס איז זיין פאַטאַליטעט.

נו, איז דאָס זעלבע, ווי געזאָגט, גילט אויך — לגבי דעם באַזיגטן:

עס קאָן דער גאַנצער אָפּגייענדער קלאַס נישט דעזערטירן. ער מוז ווערן באַזיגט — און אומגעבראַכט. דאָס איז — ז יי ן פאַטאַליטעט.

ט) פונקט ווי מינוטאַ איז דער שאָטן פון נאַגעל, סווידריגאַילאָוו — דער שאָטן פון ראַסקאָלניקאָוו, סמיערדיאַקאָוו און דער טייוול — דער שאָטן פון איוואַן קאַראַמאַזאָוו, מר. האַיד — דער שאָטן פון מר. זשייקל, און מענדעלע גוליאַיפּאָליע — דער שאָטן פונעם לערער, (אין מיין ראָמאַן „על חטא שחטאָתי בראַטנפּאַרבאַנד"), — אַקוראַט אַזוי, איז יעדער מערדער, יעדער אויסוואורף — דער שאָטן פון יעדן איינעם פון אונז באַזונדער, אַ לעבעדיקע טייל פון אונז אינגאַנצן, פון דער געזעלשאַפט, פון דעם גאַנצן סאָציאַלן אָרגאַניזם; (אַקוראַט, אַגב, ווי דאָס איז ד י פ ר ו י — די געהיימע אינטעגראַלע טייל און דער עלעמענטאַרסטער אויסדרוק פון יעדן מאַן...;) דער שאָטן, און דער דרייסטער אומדערשראָקענער אומפאַרשעמטער אויסדרוק — אין דער טאַט; דער אויסדרוק דערפון, וואָס מיר שטיקן אין זיך — אויס בושה, און שרעק פאַר דער טאָג־שיין. אָט דער שאָטן, וועלכער ווערט געבוירן און בושעוועט אַזוי פריי, אין געהיים, אין אונזערע טיפענישן, — איז פיל מוטיקער און מאָראַליש־קאָרעקטער פון אונז, אין זיין דראַנג צו דער פרייהייט; ביז ער שלאָגט ארויס, ענדלעך, אַף דער ליכטיקער שיין — ווי אונזער וועג־ווייזער און דעמאַסקירער... דערפאַר, פאָלגן מיר נאָך, מיט אַזויפיל עכטן שוידער־צאַפּל — דעם פּראָצעס אַפן מערדער, פונעם אויסוואורף; און מיר רוען נישט איין, — ביז מע טוט זיי נישט פאַרורטיילן צום טויט, אויסראָט, פאַרלענד; ביז מיר טוען זיי נישט ד ע ר מ אָ ר ד ן און אומברענגען פולשטענדיק. ווייל יעדער מאָרד, דאַרף מען וויסן, איז אַ זעלבסטמאָרד; פונקט ווי פאַרקערט...

י) איוואַן קאַראַמאַזאָוו דער אינטעלעקט, און סמיערדיאַקאָוו דער אימפולס־עיפּוש, זענען — איין גאַנצעס. עס ציט זיי, דאַרום, איינעם צום אַנדערן, אַזוי אומווידערשטיילעך; און זיי וויסן, דערפאַר, איינער פון אַנדערן — אַזויפיל.

נאָר, בעת איוואַן־אינטעלעקט איז צעשפּאָלטן — אין געראַנגל צווישן צווייפל, און טאַט, (אימפּולס,) און זיין העכסטע טאַט איז — די פּערווערזע אינטעלעקטועל־אַבסטראַקטע טייוול־קרעאַציע, — איז סמיערדיאַקאָוו — די אימפּולסיווע גאַנצקייט אַליין, אין דער פּרעכער טאַט..., וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר גאָרנישט; אויספירנדיק דעם געהיימען באַפעל פון פּערווערזן אינטעלעקט, (איוואַנס אַ א י ד יי ע ־ בלויז — וועגן דערמאָרדן ד אָ ס נ י ש ט י ק ע , כדי צו דערגרייכן ד אָ ס ה ו י כ ע ...): וועלכער (דער אינטעלעקט,) זעט נישט קיינמאָל — דעם מענטשלעכן אַספּעקט, מיט זיינע מענטשלעכע ליידן;

נייערט בלויז — זיינע אייגענע אינזיכיקע אומדהומאַנע אינטעלעקטועלע איך־שטרעבונגען; וואָס איז עלול אַליץ צו צעשטערן, אַבי זיינס דורכצו־פירן; ווייל נאָר ער אַליין, מיט זיינע גרעאַנגלעניש ן און פאָרשונגען, איז וויכטיק אין דעם זיין...

און פונקט ווי איוואַן קומט צום טייוול און צו סמיערדיאַקאָוו — צו דערגרינטעווען זיך אַליין, — אַקוראַט אַזוי, פאָרשט א י נ ט ע ל ע ק ט אין יעדן איינעם פון אונז — זיין צווייטע העלפּט פון איין גאַנצעס — דעם אימפּולס...

אַזוי קומט גאָט צום טייוול און צו דער שלאַנג: צו דערזעען זיך אַליין — אין דער טאַט.

און אַקוראַט אַזוי, קומט אינטעליגענט (ווי אויך די שטייגער־גע־צוימטע, דורכן עלעמענטאַרן אינטעלעקט, ע ד ה ,) צום פאַרברע־כער און אויסוואורף פון דער געזעלשאַפט: צו דערזעען זיך־אַליין — אין דער טאַט...

יא) אין פראַנץ קאַפקאַס ראָמאַן „דער פּראָצעס", צייגט מען איבער א אומשולדיק־פאַרשפּאַרטן, (אין וועמענס שניי־זויבערן אָנבליק, עס דאַרף דערקלערט ווערן פאַר פאַרברעכעריש־שולדיק — די גאַנצע געזעל־שאַפטלעכע סטרוקטור, וואָס האָט אים פאַרמשפּט, —) יאָ, צייגט מען אים איבער: אַז ער איז, אַף א פאַטאַלן אופן, געשטעלט געוואָרן — ווער־סוס דער גאַנצער געזעלשאַפט, איר אונטערצוגראָבן...; און אַזוי־ווי דאָס איז אומדערלאָזבאַר — איינער, קעגן אַלע, (עליי — יעזוס...), — במילא, מוז ער דערקלערט ווערן פאַר שולדיק אין מאָרד, און ווערן געקרייציקסט... און ער אַליין, דער אומשולדיקער יעזוס, (דווקא דערפאַר, וואָס ער איז דער איינציקער צדיק פון א גאַנצער פאַרפּוילטער געזעלשאַפט), — דער־שפּירט ער אַף זיך די מוראדיקע לאַסט און דאָס שוידערהאַפטע אחריות — פאַר אָט דער פאַרברעכערישער און עלנטער געזעלשאַפט; און ער דערפילט זיך, מיט אַן אמת, פאַר איר שולדיק; און ער איז זיך מודה אין דעם מאָרד...

נאָך טיפער ווערט די מיסטעריע פאַרטונקלט אין „די ברידער קאַ־ראַמאַזאָוו"; וואו איוואַן דער אינטעלעקטואַל, (אומבויגזאַם־אומדערבאַ־רעמדיק־לאָגיש־היסטאָריש־באַרעכטיקט,) לאָזט פאַלן העצערישע מאָרד־אידייען לגבי זיין צעפּוילטן פאַרברעכערישן פאָטער; ווערן די דאָזיקע אידייען אויפגעכאַפּט דורך זיין (אומגעזעצלעכן, און דאָך — בלוט פון זיין בלוט,) ברודער סמיערדיאַקאָוו; וועלכער דערפילט אינטים — איוואַן קאַראַמאַזאָווס אינטימען אינטעלעקטועלן וואונטש, (וואָס איז — א י נ־ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע ט א ט ־ א י ן ־ ז י ך ...), — און ער קומט, און ער רוימט אַפּ דעם פאָטער פונעם וועג; ער פירט דורך איוואַנס

(דמיונדיקע) טאַט — אינעם לעבן... דאַן, נעמט שפּירן איוואַן: ווי ער איז — דער מערדער; און סמיערדיאַקאָוו איז בלויז — דער אויספירער פון זיין באַפעל... סמיערדיאַקאָוו (די שטינקענדע מאַסע) אַן־און־פאַר־זיך, איז גאָרנישט; ער איז — ווי זיין מעדיום; אַליין פאַר זיך קיין לעבן האָט ער נישט; זיין לעבנס־באַרוף איז — די דורכפירונג פון אינטעלעקטועלס דיקטאַט; ער איז בלויז — די אָנשווילעכע אונטערוועלט פון אינטעלעקט; וועלכער איז — דער מערדער; וועלכער איז — טייפלש געבונדן צום עיפּוש... און שטאַרבט סמיערדיאַקאָוו, — שטאַרבט אומפאַרמיידלעך — איוואַן קאַראַמאַזאָוו...

...אָט דאָס איז — דער טיפער אינערלעכער פאַטאַלער פאַרבאַנד, דער זין פון זיין און געשעען...

...עליי די גאַנצע מענטשהייט, די גאַנצע ביאָלאָגיע דאַרף גענומען ווערן — ווי איין צענטראַלער נערוון־סיסטעם... און ווען עס געשעט אַ טאַט — אין איין עק פון אָט דעם סיסטעם, — איז דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך, איז דאַרויף איינשטימיק, גיט דערצו זיין ברכה, צי זיין קללה — דאָס גאַנצע סיסטעם; אַטאַוויסטיש, צי באַוואוסטזיניק — עס איז אַלציינס...

...אויף אַלע זיינע העכסטע שטאַפּן, (נו, און אַ וודאי, אין אַ צייט פון סאָציאַלער צערודערונג;) — פאַרנעמט ער, דער ביאָלאָגישער מענטש, אין זיך — די טיפסטע אונטערערדישע דונערן פון אור־אַלטסטן פאַרצייטנס; די שרעק און די פּחדים־יללה פון מאָרד און פאַרצוקונג אין זיינע דזשונגלען; יאָ, פאַרנעמט ער פון דאָרט קומען, צו אים און צו זיינע הויכן אַרויפשלאָגן — די באַפעלן; וועלכע ער קומט, אַצינד, בלינד, אין המשך, דורכפירן אין דער טאַט — אַלס זיין פאַטאַלן באַרוף אין זיין לעבן...

...איז, אָט די טאַט פון מאָרד פירט ער דורך, דער ביאָלאָגישער מענטש פון דער היינטצייטיקער הויכער קולטור־געזעלשאַפט — פאַרשיידן: דורך אינטעלעקטועלער טאַט, (איוואַן קאַראַמאַזאָוו — דער היסטאָרישער באַגרינדער פון צעשטערן אַלדאָס אַלטע און אָפּגעלעבטע; מיט איין וואָרט — דאָס פאָטערלעך־צעפוילטע און טראַדיציאָנעל־דעגענערירטע, וואָס מוז אָפּגערוימט ווערן פון וועג, כדי צו לאָזן פּלאַץ פאַרן אויפגאַנג פונעם נייעם...); און דורך סמיערדיאַקאָווישער טאַט, (די טאַט אינעם לעבן, וואָס פירט אויס דעם דיקטאַט פון אינטעלעקט; די טאַט פון דער מאַסע, וועלכע האָט נישט קיין אייגענעם לעבנס־באַרוף, נאָר איר אויפגאַבע די איינציקע איז — אויסצופאָלגן דעם אינטעלעקט...)

און דערפאַר, זענען ביידע, אינטעלעקט און סמיערדיאַקאָוו — דער

אומצעטיילבארער איינס, די מערדער; אף וועמען עס ווארט, פאטאל־אומפארמיידלעך, איינער און דער זעלבער אורטייל — דער טויט...

דער טויט — פאר מארד... הגם ביידע, ווי מיר האבן אקארשט געזען, האבן דערפילט זייער לעבנס־בארוף — צו אומברענגען דאס אלטע און אפגעלעבטע, וואס איז פארורטיילט פון אלע שיקזאלן — אומצוקומען, אונטערגיין, פארשווינדן...

אף אזוי ווייט פארורטיילט, — אז דער קרבן (ווי דאס דזשונגל־געזעץ צווישן חיות, אלציינס...) זוכט אליין בידים — דעם מערדער... ווייל אזוי גוט, ווי עס איז דער לעבנס־בארוף פונעם מערדער, אין ליבע און האס, צו מארדן, — אקוראט אזוי, איז דער בארוף און דער לעבנס־זין פונעם קרבן — אין ליבע און אין האס, געמארדעט צו ווערן... און די שרעק, וואס ער שפירט אין זיין הארצן, אין פלוג, צום מערדער, — איז דאס, אייגנטלעך, אין זיין אינטימער וואר — די שטוינענדע גרויל־שרעק פאר זיך אליין: פאר דעם אומווידערשטיילעכן דראנג, וואס ער שפירט אין אלע זיינע גלידער, ווי זיי שטרעקן זיך, א, זיי גייען אליין, (אזוויי גוטער ברענשטאף, א ז ו י ו ו י ל ע ב ע ד י ק מ ע נ ט ש־ל ע ך ל יי ב — א פ ן פ יי ע ר ...; אדער, אזוויי צאפלדיק פרויען־לייב — אין די נעגל פונעם באצווינגער...) דעם מערדער אנט־קעגן...

יב) עס לערנט די רעליגיע: „אז אין יעדן מענטש ראנגלען זיך א יצר־טוב און א יצר־הרע — פאר אויבערהערשאפט. דער ערשטער רעדט אן דעם מענטש — צו טון גוטס; דער צווייטער — צו טון שלעכטס. אבער דער מענטש אליין האט די בחירה חפשית. און ווען אפילו ער האט שוין געזינדיקט און איז געפאלן, — קאן ער חרטה־האבן און טון תשובה..."

איצט, קומט די פראגע: — ווער־זשע איז — דער מענטש גופא?! וויבאלד אז זיין גאנצער גייסטיקער איינשטעל באשטייט פון א יצר־טוב און א יצר־הרע, — טא, ווער־זשע איז דער דריטער צד, דער אזוי־גערופענער פרייער מענטש, וואס האט צו דעצידירן מיט זיין בחירו חפשית?! וואס אזוינס באלעבט אים, וועלכער מין גייסט; און ווער אי ער אזעלכער, בכלל?! ווייל, שוין־זשע איז דען עפעס געבליבן פון מענטש — אויסערהאלב יצר־טוב און יצר־הרע אין געראנגל?!

נאך מער קשה ווערט דער ענין — אין פאל פון חטא און חרטה — ווער איז דער, וואס האט חרטה? דער יצר־הרע? זיכער נישט. דע יצר־טוב? וואס האט ער חרטה־צו־האבן? ער האט דאך נישט געזינ דיקט!.. ווייל, וויבאלד אז מע נעמט אן, אז די פונקציעס פון יצר־טוב או

יצר־הרע באשטייען בלויז — אין אָנרעדן דעם מענטשן צו טאָט; דאַקעגן, די טאַט באַגייט — דער מענטש אַליין, — איז דאָך קלאָר דערפון — די אַבסאָלוטע אומשולד פון יצר־טוב; און אַז חרטה האָט — דער מענטש אַליין! טאַ, ווער־זשע איז ער, אָט דער נייטראַלער מענטש, מיט זיין פרייען ווילן? וויאַזוי איז זיין דעפיניציע?!.

און, צי איז נישט אָט די גאַנצע זאַך — אַן אויסטראַכטעניש, כדי צו פאַרהוילן פאַר דעם אַזוי־גערופענעם פרייען מענטש דעם ביטערן אמת: אַז ער, זיין גייסט, איז אַ שלאַכט־פעלד, אַן אַרויפגעצוואונגענע תפיסה פאַר גוטס און שלעכטס, אין פערמאַנענטן געראַנגל; און אַז באַ אים אַליין פרעגט מען נישט קיינמאָל קיינער — פשוט דערפאַר, אויס דער שטויגענד־איינפאַכער סיבה: ווייל ער, דער מענטש, אַלס אַזעלכער, איז גאָר בכלל נישט בנמצא?!.

וויבאַלד אַזוי, ווערט במילא, קלאָר: אַז די פונקציעס פון יצר־טוב און יצר־הרע, פון גוטס און שלעכטס אין דעם מענטשנס געמוט זענען מער, ווי בלויז ראַטגעבערישע. זיי זענען אויך טאַטזאַכלעכע. ווער עס זאָל נישט נעמען אינעם מענטש די אויבערהאַנט — גוטס, צי שלעכטס, — גייט ער באַלד אַריבער צו טאַט, צו וועלכער עס ווערט אויך געצוואונגען דער באַזיגטער צד שכנגד... אַזוי לאַנג, — ביז דער זיגער ווערט, אין זיין טאַט, דערשעפּט, שלאַבעריק; און עס נעמט, במילא, ווערן פריי דאָס פּלאַץ אין דעם מענטשנס געמיט — פאַר חרטה און בענקשאַפט: אַמאָל — צו גוטס, אַמאָל — צו שלעכטס; אָפּהענגיק דער־פון, ווער עס איז געווען אָקאָרשט דער זיגער, וואָס איז געבליבן דער־שעפּט פונעם זיג און, במילא, געוואָרן — דער באַזיגטער...

ווייל, די ריכטיקע ריכטיקייט איז פאָלגנדע: אַז גוטס און שלעכטס אינעם מענטשנס געמיט אין געראַנגל זענען פאַקטיש — איינגוניינציקער גייסט, וואָס לעבט און באַקעמפט זיך, בלויז אַדאַנק זיין באַשטיין פון קעגנגעזעצטע עלעמענטן... ווייל, איטלעכער עלעמענט — גוטס, צי שלעכטס אַליין, באַזונדער, אָן דעם קיום פונעם צד שכנגד, וואָלט דאָס באַין־אופן נישט געווען: נישט, גוטס — גוטס; נישט, שלעכטס — שלעכטס...

עס בענקען, במילא, גוטס צו שלעכטס, און פאַרקערט — כדי זיך־אַליין צו קענען אויסטיילן, פילן, אָנזעען... עס איז, דאַרום, קלאָר: אַז אין דער דאָזיקער ענגער פאַטאַלער אומצעשיידבאַרער פאַרבינדונג צווישןביידן, איז, גוטס, פונקט אַזויפיל — שלעכטס, ווי פאַר־קערט... בלויז אין טיפסטן אָפּגרונט פון געפאַלנקייט, פון זינד, פון טומאה, — איז דאָ פּלאַץ פאַרן דראַנג ממעמקים, פאַרן אויפטויכן פון העכסטער קדושה, פון גאָט... (און ווי עס לערנט די אַלטע קבלה: והנה

זה לעומת זה עשה אלוהים... און אז כדי צו באַלעבן די נידעריקסטע געפאַלנסטע טומאה, איז גויטיק אַסאַך מער קדושה ואלוהות, איידער ווי צו באַלעבן אַ לייכטערע קליפּה.. ווייל עס איז דאָך קלאָר: אַז אַלץ ווערט באַלעבט פון אלוהות. במילא, ווערט אלוהות, אומעטום, אין דער געפאַלנסטער טומאה, אויפגעצוואונגען — זיך־מיטצובאַטייליקן אין דער טאַט; ווערן אַ שותף צו דער שענדלעכער מעשה־בראשית... דערפאַר געשעט, אַז טאַקע נאָר אין דער טיפסטער געפאַלנסטער ממזרישסטער, פאַרברעכערישסטער און שענדלעכסטער טומאה — און דווקא דערפאַר, ווייל זי איז אַ ז ו י, און נישט אַנדערש — דאָס הייסט, אַזוי געפאַלן טמא, וואָס געפאַלענער און טמאַדיקער קאָן שוין נישט זיין, — שלאָגט אויף אין איר (דאָס הייסט, נאָכאַמאָל, מחמת איר זיין אַזוי שענדלעכסט־טמאַדיקסט, ווי זי איז — און אַלס שרעקלעכער פאַרביטערטסטער שטורעם־און־איבעררייס־פּראָטעסט) — אַזא טיפער לויטערער גינגאַלדענער קדושה־קוואַל, — וואָס קיינער, אין ערגעץ, און קיינמאָל, — (אפילו נישט — גאָט אַליין, אין זיינע העכסטע און נאָבלסטע מרומים,) האָט גאָר ווען דעם נישט געחלומט, נישט געאָנט, נישט אפילו קיין וויטסטע פאָרשטעלונג געהאַט...))

און פאַרקערט... ווייל די העכסטע קדושה בענקט צו דער טומאה, (דער נידעריקסטער געפאַלנסטער וועלט־באַשאַף, עולם עכור ושפל,) — כדי ז י ך, גאָט, צו דערשפּירן; דעם צד שכנגד... (ווייל אַ געדיכטער קדושה־עקסטראַקט אַליין, איז נאָר עלול — די קדושה צו צעשמעטערן; און ווי עס געשעט מיט דער איינשפּריצונג פון אַ סערום־באַצילן — כדי די אייגענע באַציל־קרענק אויסצוראָטן.)

און פונקט אַזוי, בענקט טומאה צו קדושה — כדי ז י ך צו דערשפּירן... (ווייל אַ געדיכטער טומאה־עקסטראַקט אַליין, איז נאָר עלול — די טומאה צו צעשטערן; און ווי מע טוט איינשפּריצן אַ סערום־באַצילן — כדי די אייגענע באַציל־קרענק אויסצוראָטן.)

מיט אַנדערע ווערטער: טומאה און קדושה אי ן ־ א יי נ ס, ראַנגלען זיך פאַטאַל אין דעם תפיסה־געמיט פון גאָט, וועלט, און מענטש, אין זייער קעגנגעזעצלעכקייט; כדי זיך צו שפּירן: אָט, אין טומאה; אָט, אין קדושה; אָט, אין חרטה־בענקשאַפט צו ליכט; אָט, אין חרטה־בענקשאַפט צו חושך. וחוזר חלילה. כי גלגל החוזר הוא; אַף אַלע פאַטאַלע פינצטערע תפיסה־אייביקייטן; ונאמר אָמן.

יג) די צאַפּלענדע שטיק ביאָלאָגיע, וואָס רופט זיך מ ע נ ט ש, — לעבט און ברענט, לויט דעם איינציקן אינטימען בלינדן געזעץ פון זיין בלוט־כאַראַקטער, אין מאַגניט־גראַוויטירונג מיט בלינדער נאַטור, טויטער אומאָרגאַנישער וועלט, אוניווערס — ביז וואַנען ער ברענט

זיך אויס, ער פֿאַרגייט. דאָס איז — זיין איינציקער בלינדער (אינערלע־כער) זיין; זיין פּאַטאַלער געשעען־אין־זיך... אַלדאָס אויסערלעכע, ווידער, וואָס געשעט לאָגיש, צי אומלאָגיש־לאָגיש, מיט אים, אין דעם לעבן, — איז צופֿאַל בלויז, געוועגדט אין די אומשטענדן, אין וועלכע ער קומט אויף. די אויסערלעכע געשעענישן אין זיין לעבן לויפֿן בלינד־מאַגניטיש אַף זיין פּאַטאַליטעט, דראַפּען און קלאַמערן־זיך אין איר, — כדי פֿון איר גע־קנאָטן צו ווערן, און דערפֿירן די צאַפּלענדע שטיק ביאָלאָגיע מ ע נ ט ש — צו אירן, דער פּאַטאַליטעטס, איינציקן ציל: ער זאָל ווערן פֿאַרברענט — אינעם לעבן, — אַקוראַט ווי זי האָט אים פֿאַרברענט — אין זיין אינ־טימיטעט... אין דעם זין, קומען פֿאַר די אַנגעהאַנגענע אויסערלעכע גע־שעענישן אין דעם לעבן פֿון מענטש — ווי אַנגעהאַנגענע וויזערס מיטן ציפֿערבלאַט, אַף דעם גאַנג־אין־זיך פֿון דעם אינערלעכן געווערק... יאָ; איז, אַט די אויסערלעכע פּאַסירונגען, ווי געזאָגט, זענען בלויז — צופֿאַל, לויט די אומשטענדן. זיי — די געשעענישן, פֿאַרפֿאַלן, איבערלעבונגען — קע־נען זיין: פּונקט אַזוי — גליקלעכע, ווי אומגליקלעכע; מאָראַלע, צי אוממאָ־ראַלע; ווייל, עס איז אַלציינס: צי זיי וועלן אים פֿאַרברענען, אין זיין גליק — אַלס געליבטער, פּאָליטיקער, מיליטאַר, פֿאָרשער א.א. וו.; אָדער, אין זיין אומגליק און מיט דערפֿאָלג — אַלס דער זעלבער אויבנדערמאָנטער; אין זיין גוטס, צי אין זיין שלעכטס; בתנאי — ער זאָל ברענען און ווערן פֿאַרלענדט...

יד) כל מה שיש ביבשה, יש בים. אין דעם הייך־קעסל פֿון מענטשנס געמיט, שפּיגלט זיך אַף די וועלט פֿון דער קדושה — אין דער וועלט פֿון דער טומאָה; אַלץ, וואָס ווערט געטון איידל — אין דער וועלט פֿון רוח, — ווערט איבערגעחזרט מגושמדיק — אין דער וועלט פֿון חומר; אָבער די ענלעכקייט אין דער טואונג, (לפּחות, אויסערלעך גענומען) איז — אַ שטוינענדע... דאַרום, הענגט דער מענטש, דער אויסערלעכער מענטש פֿונעם לעבן, תּמיד, אָפֿן ראַנד פֿונעם אָפּגרונט, ווי אַף אַ וואָגשאָל אַלציינס.

ווער איז ער, דער דאָזיקער מענטש פֿון פֿאָדערגרונט, פֿון די פֿאָדער־זאַלן פֿון לעבן? מעגלעך, דער פּראַקטישער אויבערפֿלעכלעכער שכל. צו אים דערגייען די ווייטע אָפּהילכן פֿון דער טיפֿער אינערלעכער טעטי־קייט, וואָס טוט זיך אַלץ אָפּ אין זיין פֿאַרבאָרגן געמיט; און עס קומט אים תּמיד פֿאַר — שטוינענד־ענלעך־אַלציינס — דער צושלאָג און דער אָנשטראָם פֿון דער קדושה און פֿון דער טומאָה, וועלכע שעפּטשען אים ביידע אַף זיין אויער — הן פֿון ליבע, הן פֿון האַס... גיי, דערגיי אַ טאָלק!.. און איידער ער כאַפּט זיך, — איז ער שוין געפֿאַנגען אין דער נעץ פֿון דער אָפּגעטועגער טאַט; אָ, איז ער שוין אין דער אַרבעט; איז

ער שוין — א אייגענער, א אינעווייניקסטער, א בן־בית פון דעם חטא; ער ברענט שוין דאָס אייגענע פייער; ער איז שוין באַנומען; ער שפּילט שוין, אין עקזאַלטאַציע, די ראָל פון דעם אויסוואורף; ער איז שוין טויט־שיכור, מטורף; און ד ו — האָסט שוין נישט, מיט וועמען צו רעדן מער...

טז) יעדער דערגרייכטער עטאַפּ, אין א שטרעבונג, איז — א געפּאַר פון דורכפאַל. ווייל יעדער עטאַפּ איז — אָפּרו, א פאַרהאַלטונג: דאָס פאַרקערטע פון שטרעבן. קראַנט איז נאָר — דער טראַנס פון שטרעבן, דער גאַנג, די דינאַמיק.

טז) אַלע אונזערע באַוועגונגען זענען — קרייז־אַרטיקע. דערפאַר, דער־ווייטערן מיר זיך פון עפּעס — נאָר דאַן, — ווען מיר טוען עס לחצאין. דאַקעגן, ווען מיר דערווייטערן זיך פון א זאַך — צו־שטאַרק, אין דעם עיגול, — הויבן מיר זיך פאַקטיש אָן צו יענער זאַך — בא־נייס דערנענטערן.

יז) איין זאַך איז: ווען איינער איילט זיך — ווייל ער האָט צו טון א וויכטיקע טואונג; און גאָר עפּעס אַנדערש איז, ווען ער איילט זיך: ווייל ער טראָגט דעם קרענקלעכן אומ־רו, די נישט־שטאַנדהאַפּטיקייט — אין זיין בלוט...

און בעת אין ערשטן פאַל, וועט ער אַלץ אָפּטון, ווי געהעריק, — וועט ער, דאַקעגן, אין דעם לעצטן פאַל, אומברענגען, מיט זיין קראַנק־האַפטן צאַפּל — די געזינטסטע איניציאַטיווע...

די תפיסה פון דער פרייהייט.

א) פּונקט ווי נאָר אין דער פאַרשטעלונג פון שוואַרץ קאָן גע־זעען ווערן ווייס, — אַקוראַט אַזוי, איז — נאָר אין דער תפיסה, קאָן אויפקומען אין מענטשנס געמיט די אַנונג פון (און, במילא, די שטרעבונג צו) פרייהייט. דאַקעגן, ווען מע געפינט זיך לאַנג — אַף דער פריי, — פאַרלירט מען, בהדרגהדיק, דעם רייץ, און די איבערלע־בונג, פון דער פרייהייט; זי נעמט, מיט דער צייט, פאַרקומען — ווי א תפיסה; און דער רעבעלישער מענטש נעמט שטרעבן: זיך צו באַפרייען פון איר — אין דער תפיסה...

ב) ווען מע קוקט זיך צו, ווי די וועכטער פון א תפיסה זענען געבונדן, טאָג און נאַכט, צו די אַרעסטאַנטן, — נעמט פאַרקומען: אַז זיי זענען נישט ווינציקער אין א תפיסה פאַרשפּאַרט — ווי די אַרעסטירטע גופא.

ג) די פּאַטאַליטעט לויערט אַף דעם מענטשן — נישט אַזוי, אין

דעם דורכפאַל: ווייל דאַן בלייבט ער — אין דער בידער; נישט — אַליין: נייערט, צווישן מיליאָנען אַזעלכע, ווי ער; מיט איין וואָרט: ווייל דאַן בלייבט ער — אין דער מענטשלעכער קאָנדיציע, מיט אַלע דערפאָלגן און מיסדערפאָלגן דערפון...

די פאַטאַליטעט לויערט אַף דעם מענטשן — אין זיין דערפאָלג: וועלכער טוט אים אומגעהויער ראַש און דרייסט דערהויבן; במילא, דערווייטערן פון אַלץ; פון דער מענטשן־מאַסע, וועלכע ער, דער דערפאָלג־האָבער — אין זיין אומרואיקן רייזע־שוואונג, אָ, אין זיין אילוזיע־דראַנג צו דערגרייכן די פערפעקציע פון דער פערפעקציע... — לאָזט אונטער זיך, אין דער נידער... נאָר, צו גלייכער צייט: וואָס העכער ער שטייגט אַף זיינע, דורך־אים־אַליין־געשאַפענע בערג; וואָס דערווייטערטער ער בלייבט פון די מענטשן; מיט איין וואָרט: וואָס מער ער בלייבט — פריי, אַליין; ער ווערט, ער דערוואַכט צו זיין — איינזאַמער מענטש, — אַלץ מער ווערט ער — אויס מענטש; אַלץ מער פאַרגייט פון זיין אויסזעען — די צורת בני־אָדם; דער אַזוי־גערופענער חותם־מענטש, וואָס עס איז נאָר מסוגל צו לייגן אַף אים — די מענטשלעכע עדה, די מאַסע; נאָר זי אַליין, (אָ, ווי טראַגיש־לעכערלעך דאָס זאָל נישט זיין!) מיט איר שווערער באַנאַלער שטייגער־תפיסה, איז בכוח — אים, דעם איינזאַמען עלנט־פרייען זוויער, צו באַמענטשלעכן...

נאָר, דערפאַר, פון דער אַנדערער זייט: וואָס מער דער איינזאַמער טראַגישער זוויער, אין זיין דראַנג צו פרייהייט, טוט זיך דערווייטערן פון דער מענטשלעכער תפיסה — אין דער נידער, — אַלצמער טוט ער זיך דערווייטערן, טוט ער איבעררייסן — מיט דער מענטשלעכער קאָנדיציע, בכלל, אין זיין קיום; מיט אָט דער תפיסה־אין־זיך; מיט אָט דער גראַוויטאַציע אין אים — צום טאָל און צו דער מאַסע: וועלכע איז, אייגנטלעך, (אָ, זאָל מען זיך גוט איינהערן!) — די איינציקע שטויס־און־טרייב־קראַפט צו זיין שוואונג, אָ, פון זיין דראַנג צו באַפרייונג... במילא: אַזוי גיך, ווי ער הערט אויף, אין דער ספער פון זיין דערגרייכטער מאַוומדיקער הייך — צו שפירן אין זיך זיין אויסגאַנג־פונקט פון אַנטרינונג, די גראַוויטאַציע, — אַזוי בלייבט ער גלייך אויסגעשטעלט אַף דער שווידערלעך־אומזיניקער געפאַר: אַז עס זאָל שוין אויפהערן אין אים — יעטוועדער דראַנג צו באַפרייונג!..

טאָ, וואָס־זשע וועט, דאַן — מיט אים אַליין זיין?!

און ווער־זשע וועט ער דאָס, ערשט, אַליין ווערן?!..

איצט, כדי צו ראַטעווען זיך פון דעם פאַטאַלסטן אומזין — פון

דער תפיסה פון דער פרייהייט, — וועט ער איילן צו נידערן פון זיין וויל־דער אומממענטשלעכער איינזאמקייט; כדי אָנצוקניפּן באניים די בענדער צו דער מענטשלעכער תפיסה אין דער נידער; און דערשפּירן אין זיך, ווידער, אָ, דעם לעבעדיקן צאַפּלדיקן אימפּולס — מענטש; כדי, אַז, גלייך דאַרויף, זאָל ער באַניים נעמען צאַפּלען: צו דער באַפרייונג דער־פון — ווידער אהין, אין דער תפיסה פון דער מענטשלאָזער איינזאַמ־קייט־פרייהייט; דאָרט, וואו עס קען אויפהערן — די בענקשאַפט, דער אומרו, און די שטרעבונג צו אַלץ — דער שענדלעכסטער געפּאַלנסטער אויפהער און אָפּשטיין פון אַלץ — דער תפיסה־טויט!.. פונוואַנען, מע דאַרף זיך באַניים ראַטעווען — צו דער תפיסה פון מענטשלעך לעבן... וחוזר חלילה... און אַזוי, אָן אַ סוף און אָן אַ ענד, וועט ער אומטראָגן, דער איינזאַמער מענטש־זוויער — אין אָט דער איינונייניציקער פּאַטאַ־לער שטייג: פון אונטן — אַרויף, און פון אויבן — אַראָפּ; אין זיין אומויפהערלעכן דראַנג: פון מענטש — צו אוממענטש; און פון אומ־מענטש — צו מענטש... באַלד ווי ער וועט ווערן — מענטש פון טאָל, — וועט ער גלייך דערשפּירן אין זיך דעם אומאָפּהאַלטלעכן דראַנג צו ווערן — אוממענטש פון די הויכן; און פאַרקערט. דאָס הייסט: באַלד, ווי ער וועט ווערן מ ע נ ט ש , — וועט ער נעמען צאַפּלען צו ווערן — אוים מענטש! באַלד, ווי ער וועט ווערן — אוים מענטש, — וועט ער נעמען צאַפּלען צו ווערן — מענטש... אַזוי, אַז נאָר אין זיין אוממענטש־זיין — וועט ער שטרעבן צו מענטש־זיין; דאַקעגן, אין זיין מענטש־זיין, — וועט ער דורכוים צאַפּלען — צו אוים מענטש!..

עס איז באמת מאָדנע...

די תפיסה פון דעם טויט.

א) יעדער אויסוואורף, פּ אַ ר זיין אונטערגאַנג, ווען ער געפינט זיך אין טויט־געפאַר, — נעמט ער טרוימען — פון אַ ניי (מאָראַ־ליש) לעבן... עס הייסט, נאָכגעבן זיין דראַנג צו פאַרגיין...

ב) בלויז די אומגלויביקע פּחדנים קלאַמערן זיך אַזוי אייפעריק אי רעליגיע. דאַקעגן, די מוטיקע גלויביקע בלייבן אייביק אומאָפּהענ־גיק, פריי פון יעטוועדער גראַוויטירנדער מיסטיק; ווייל זיי זענען אוּמ דערשראָקן; און זיי דאַרפן נישט, דאַרום, לויפן קיינמאָל אין ערגעץ, צ זוכן שוץ...

ג) באַלד נאָך זיין זעניט, נעמט דער קערפּער גיין גראַוויטירן בהד־רגהדיק אומבויגזאַם צום טויט — לגמרי אָן שרעק. די שרעק פאַר טויט, דאַרף מען דאַרום פאַרשטיין, איז אַ רעפלעקטיוו־גייסטיקע: ווי

בעת דער קערפּער וועט, אַזוי צי אַנדערש, נישט אויפהערן זיין, — וועט דער גייסט דעגראַדירן צו פיל־נידעריקערע שטאַפּלען פון ביאָלאָגיע...

ד) ווען די לאַגלען פון געמיט קוועלן אָן מיט שאַרף־ווייניקער איבער־געשטאַנענער שפּע, (אין די מיטעלע גאָלד־האַרבסטיקע יאָרן, ווען די שיכורע כוחות האָבן שוין נישט דעם שוואונג צו זיין אָפּגעבעריש און אָפּנעמעריש, אין עראָטישן ליבע־האַס־טויש, מיטן אַרום), — דאַן נעמען זיי אויפּיווירן מיט דעם שוים פון פּעסימיזם, וואָס גראַוויטירט צו אַנעמישער אומעבטיקייט, ניכטערער זינלאָזיקייט, זעלבסט־אומ־ברענג... ווערן דערטרונקען, אונטערגיין — אין דער אייגענער שפּע, אין דעם אייגענעם צו־רייכן איבערפלוס...

ה) יעדע אידייע, וואָס פאַרשלינגט די ענערגיע פונעם מענטשן, און צו וועלכער ער דינט, מיט ענטוזיאַזם און שוואונג, זיין לעבן לאַנג, — זי איז — דער טויט, זיין טויט, וועלכער ווערט געבוירן, באַ־נאַנד מיט דעם מענטש. ער, (די אומהיילבאַרע קרענק, דער טויט, די ליבע, די אידייע) וואַקסט מיט אים צוזאַמען; גייט תמיד מיט אים צוזאַמען; פאַרלאָזט ניט מער דעם מענטש, אַף איין רגע אַפילו; דרינגט אַריין אין אים; וואַקסט זיך צונויף מיט אים צוזאַמען; און זויגט פון אים, אַ לעבן לאַנג, דאָס חיות, טראָפּן נאָך טראָפּן; ברענט אים אויס; אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער, (זיין טויט, זיין אידייע,) מאַכט ענדלעך צו אים אַן עק.

ו) דער מענטש פון היינטיקער צייט, וועלכער איז בכוח, מיט דער הינד־ראָגען־באַמבע, צו פאַרניכטן אַף דער ערד די ביאָלאָגיע, דאָס הייסט, צעשטערן דעם עוואָלוציע־און־רעוואָלוציע־פּראָצעס פון דער נאַ־טור אַליין, פון מיסטישן כביכול בכבודו ובעצמו, (אָ, צום טיפסטן אויפ־שוידער־נעבעך פון אַלע אייפערדיק־לעכערלעכע אַלטוואַרג־אויפריכטער, באַ אונז, ווי באַ דער וועלט...), — יאָ, איז אָט דאָס צעשטערונגס־מענטשל פון אונזערע טעג קומט פּאַר — מערקווירדיק־פאַרדעכטיק לום־טיק און זאָרגלאָז. אמת, ער האָט אויפגעריסן אַלע אינטעלעקטועל־סאָ־ציאַלע מחיצות פון שטייגער־מאָראַל און געזעלשאַפט און געוואָרן צוריק עמאַטיוו־הפקר־יונג, ווי אין פאַרצייטישן דזשונגל. אָבער, מע קאָן דאָך נישט לייקענען, אַז זיין געדאַנק נעמט אויף, אין גאַנצן פאַרנעם — דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער מענטשהייט; אָן אויפנעמונג, וואָס מאַכט אים אַלט; און אָט דאָס זעלבע גיט איבער דער געדאַנק — אין די רעגיאָנען פון מענטשס געפילן; וועלכע קענען זיך צו דעם אַלעם — ווי בלינד־באַ־גרעניצט זיי זאָלן נישט זיין — נישט אויסקערן מיטן רוקן; וועלכע קע־נען נישט דערצו — אינגאַנצן בלייבן אומדיפערענט, באַין־אופן; היינט, וויאַזוי־זשע איז מעגלעך — אָט די יוגנט, די זאָרגלאָזיקייט?!

מע דאַרף דאַרום פאַרשטיין, אַז מיטן מענטש פון היינטיקער צייט געשעט דאָס זעלבע, ווי מיט יענעם קאַפּיטאַן פון דער יאַפּאַנישער קריגס-שיף, וועלכע האָט געהאַלטן באַ אונטערגיין. („מאַרקיזן יאָריסאַקאַ.") האָט ער דאַן פאַרלאָזט זיין פּאָסטן, אַרויסגענומען די לולקע, און זיך-גענוצט רויכערן, פריי, זאָרגלאָז — האַרט לעבן דער פּולווער-קאַמער... און ווען דאָס האָבן דערזען די מאַטראָסן, האָבן זיי אויך אַלע פאַרלאָזט זייערע פּאָסטנס, אַרויסבאַקומען די לולקעס, זיך אויסגעזעצט אַרום זייער קאַפּיטאַן, האַרט באַ דער פּולווער-קאַמער; אויבעט אַזוי פריי-זאָרגלאָז ווי ער, אַ מינוט פאַרן טויט, פאַרן אויפרייס, געקוקט דעם אומ-קום גלייך אין די אויגן אַריין — געלאַסן רואיק גערויכערט...

אַזוי טוט דער מענטש פון היינטיקער צייט, וועלכער זעט דעם טויט פאַר די אויגן; ווי זיין שיף גייט אונטער; ווי אַלעס איז פאַרלאָרן... ער אָרדנט זיך איין, ברייט בהרחבֿהדיק, אַף דעם סאַמע ראַנד פונעם אָפּ-גרונט; און, יונג-הפקר-זאָרגלאָז, ווי דער לעצט-פאַרשפּילטער — הול-טייעוועט ער...

ז) אַלץ, וואָס איז גרויס, הייליק, שיין, עכט, שנײ-אומבאַפלעקט זויבער, — גראַוויטירט, אינערלעך-פאַטאַל-אָרגאַניש, צו גורל-טראַגיק אין זיך; צו פאַרלענדט ווערן ראַפּטעם-קאַטאַסטראָפאַל, אין דער יוגנט, אין דעם אייגענעם איבערשוימענדסטן טונקל-ברענענדיקסטן זאַפט, אין דעם סאַמע-ראַשיקסטן רעטזעלהאַפטסטן מיסטעריעזסטן רייצנדסטן לע-גענדאַרישסטן און פאַר-זיך-אַליין-אומפאַרשטענדלעכסטן בלי-שוואונג, — כדי אַ ז ו י, געטלעך-פענאָמענאַל-אומדערגרייכלעך, צו בלייבן איינגעהאַלטן, איינגעהיט, און לעבן — אין געדעכעניש פון זיך גופא, און פון אַרום; און אַ ז ו י, ווי אַ שרעקונגס-מיסטעריע, ווי אַ כישוף-מיטאָס, אַ פאַרגליווערטער אַ געכאַפּטער און דערוואָרגענער — אין מאָ-מענט פון זיין סאַמע-קינסטלערישסטן אומשטערבלעכסטן שיכורסטן ברען, עס הייסט, אַן אָפּגעשטעלטער אַ פאַרהאַלטענער גוואַלדזאַם — פון ווייטערדיקן לעבן, פון אַנטוויקלען זיך, (און דעגענערירן), — בלייבן לעולם ועד ווירקן...

דער יעזוס-אומקום איז, אין דעם פאַל, די איינציקע ריכטיקע ליי-זונג און רעטונג פון אַ אומגליק...

ח) האַרט פאַרן אומקום, פאַרן טויט, שפּירט אונזער געמיט אַזאַ גריי-לעכע דערפרישונג און דערלייכטערונג, ווי פאַרן אָנשפּראָץ און אויפגאַנג פון אַ ניי לעבן אין אונז... די מיסטישע עפּילעפּטיקער זאָגן, אַז דאָס איז די שפּירונג פון — יענער וועלט... נאָר, אין דער ווירקלעכקייט, קומט די דערלייכטערונג — מחמת דער שפּירונג: אַז עס קומט די לעצ-טע אָנגערייפטע אַנטשפּאַנונג, (ווי באַם לעצטן מאַיעסטעטישסטן ליבע-

אקט,) אָ, די צאַפּלהאַפּט־געגאַרטע ענדלעכע עקספּלאָזיע פון אַזויפיל אַקו־מולירטן לעבנס־קאָנפליקט אין די פּאָרומס פון דעם צעלן־געוועב פונעם מענטשלעכן געפייניקטן לייב...; אַז עס קומט די דערלייזונג, דער פּאָרם־אויפלייז, די ענדע, דער טויט...; וועלכער שרעקט, ווי אין דעם ליבע־אַקט, דערפּאַר, ווייל ער ציט, ווי אַ מאַגניט, פּאַטאַל, אומווידערשטיילעך, דעם קרבן, דעם מענטשנס לייב — עס זאָל אַרויס פון דער אייגענער פּאָרום־תפיסה, אַריין אין זיך, און אַריבער אין אויפלייז...

אַזוי ווערט דערפילט די פּאַטאַלע מיסיע, דער פּאַרשניטענער פּאַר־באַנד צווישן דעם פּאַרצוקער און זיין קרבן.

ווי אין דעם ליבע־שפּיל, ליבע־קאַמף פונעם „ער" און דער „זי", — ציען זיי זיך, אין אומווידערשטיילעכן מאַגניט, דער פּאַרצוקער און דער קרבן, איינער צום אַנדערן, זוכן זיי זיך אַרום, רוען זיי נישט איין, אין זייער לעבנס־קאָנפליקט, אַזוי לאַנג, ביז זיי געפינען זיך. דאַן, ציט זיך דער קרבן, (דער פּאַרמישפּטער), אין הייליקער עקסטאַטישער אומווי־דערשטיילעכער באַנומענער, באַצויבערנדער שרעק — צום צאַפּלדיקן שוים פון זיין געליבטן, דעם פּאַרצוקער, (דעם תלין;) כדי צו דערשפּירן, ענדלעך, אָ, די לאַנג־געגאַרטע געלעכצטע אַנטשפּאַנונג, די דערלייזונג, אָ, די גריילעכע אומויסדריקלעכע שאַרף־צאַפּלדיקע דערלייכטערונג, דער זים־פּיינלעכסטער אויספלוס אין אַ נייעם זיין פון נישט־ווערן; אין דעם עכטסטן הייליקסטן צוזאַמענבאַהעפט פון דעם ליבע־אַקט; ווען די מיסיע פון פּאַרצוקער און זיין קרבן, פונעם תלין און דעם פּאַרמישפּטן, פונעם „ער" און דער „זי", איז ענדלעך דערפילט געוואָרן פולשטענדיק...

דאָסטאָיעווסקי האָט געזאָגט, אַז „ער האָט דערשפּירט די באַגנאַ־דיקונג אַפן עשאַפאָט — ווי אַ נידערטרעכטיקע ברוטאַלע באַליידיקונג; ווי אַ שענדלעכע און נוצלאָזע לעסטערונג"...

ווי דאָס פּאַרהאַלטן, אין מאָמענט פון העכסטן ליבע־עקסטאַז, דעם לעצטן גראַד פון דער באַהעפטונג...

ט) אין דער עקזיסטענץ פון דעם העכסטן ביאָלאָגישן וועזן, דעם
מענטש, הערשט בלויז איינוניינציקער באַגער — וויסן; וועלכער
טיילט זיך אין דריי פּאַזן. די ערשטע פּאַזע איז — עסן; (saber,
וויסן; sapidez, גומען - געשמאַק;) דער גוסט, די קוריאָזיטעט,
דער הונגער: צו טויטן דעם אומרו דערצו — אין דעם עסן...... שפּעטער,
קומט אויף די צווייטע פּאַזע — געשלעכט; (concebir, conocer, saber,
וידע אָדם את חוה אישתו, וויסן, זיך־באַהעפטן;) דער גוסט, די
קוריאָזיטעט, דער הונגער: צו טויטן דעם אומרו דערצו — אין דעם גע־
שלעכט...... און נאָך שפּעטער, קומט אויף די דריטע פּאַזע — וויסן;
(saber, וויסן;) דער גוסט, די קוריאָזיטעט, דער הונגער: צו טויטן

דעם אומרו דערצו — אין דעם וויסן...... ווען דער העכסטער ביאָלאָגי־שער ווערט דערגייט צו זיין אפּאָגיי — און נעמט דעגענערירן, גיין צוריק, בארג אראָפּ, — נעמט אָפּפאַלן פון אים: צוערשט — דער גוסט צו וויכן; נאָכהער — דער גוסט צו געשלעכט; און, ערשט צולעצט, דער סאַמע ני־דעריקסטער שטאַפּל פון דער ביאָלאָגיע — דער גוסט צו עסן...... אין אַלע דריי פּאַזן — עסן, געשלעכט, וויסן, — טוט דער מענטש דיסטינ־גירן: אַ מאכל, אַ פרוי, אַ אידייע — דורך זיין גוסט, זיינע חושים...... אָבער, די באַגערטע אָביעקטן אַליין — דער מאכל, די פרוי, די אידייע — זענען נישט, אין־און־פאַר־זיך, ד אָ ס , וואָס מענטשנס גוסט אַנטאַפּן זיי. זיי זענען — דאָס פאַרקערטע; און זיי רעסיסטירן. אַף זיין אַטראַקציע, — שטעלן זיי אַ ווידערשטאַנד; זיי רעפּולסירן — ווי בא אַרכיטעקטור. (שפּעטער — גענויער.) ביז וואַנען, זיי שטויסן אים אַרויס פון זיך אינגאַנצן. דאָס עסן פאַרלאָזט דעם קערפּער. די פרוי שטויסט אַרויס דאָס קינד. די אידייע פאַרלאָזט דעם גערדאַנק. פּונקט, ווי דער אָב־יעקט פאַר דער אַרכיטעקטור שטויסט אַראָפּ פון זיך זיינע, דעם מענטשנס, אַרויפגעצוואונגענע פאָרמען, זיינע אַרויפגעדריקטע דיספּראַזן. ווייל די אַרכיטעקטור איז (ווי אַ טייל פון דער גאַנצער דערפונדענער קולטור דורכן מענטש,) בלויז — אַ דיספּראַז, אַ שקר, אַ פאַרשטעלונג — פון דעם אמת; פון דער מאַסע־נאַטור אין דעם אָביעקט, (אין דעם שטיין); אַ פאַרשטעלונג פון זיין רעסיסטענץ, פון זיין רעפּולסיע. ווייל אַלץ — דער מאכל, די פרוי, די אידייע (אַקוראַט, ווי דער מאַסע־שטיין) — גראַוויטירט צו טויט, אויפלייז, כאַאָס... ווייל זיי אַליין — אין זייערע, דעם מענטשלעכן, גוסט, — פאַרמאָגן נישט דאָס אַלץ — וואָס ער זעט און ער שפּירט אין זיי... נישט — דאָס עסן; נישט — די פרוי; נישט — די אידייע... ווייל אַלע אידייען זענען — געשמאַקלאָז, קאָלירלאָז. אָן טעם, אָן ריח; גאָרנישט...

נאָכאַמאָל: אידייען, וועלטן, געטער — האָבן נישט קיין געשמאַק, קיין טעם, קיין ריח. זענען: נישט — גוט, נישט שלעכט; נישט — סימ־פּאַטיש, נישט — אַנטיפּאַטיש. דעם געשמאַק גיט ד ע ר מ ע נ ט ש זיי — אַדאַנק זיין גוסט... אידייען זענען — אָן קאָלירן. זיי זענען: נישט — אמת, נישט — שקר. אידייען זענען — נאַקעט. זייער איינציקער אמת איז — דער אָפּפאַל; דאָס גראַוויטירן צום טויט. און די געשיכטע פון דער וועלט־קולטור איז בלויז — די געשיכטע פון דיספּראַזן; ווייל די גאַנצע וועלט־קולטור באַשטייט בלויז פון שקר־דיספּראַזן צום איינ־ציקן נאַקעטן אמת פון טויט...

אפילו דער אַזוי־גערופענער אַסאָציאַציע־דראַנג פון עלעמענטן, דאָס אַרומזוכן זיך פון טעזע און אַנטיטעזע, און דער גערראַנגל אין דעם אור־

זיין צווישן די טענדענצן פון סטאַטיק און דינאַמיק, — אַט דאָס אַלץ און נאָכמער זענען — אַזוי גערופענע „געזעצן", בלויז אין מענטשנס מאַרך; אין דער פאַרשטעלונג פון זיין אינטעליגענץ. פונקט ווי: 1+1=2, און אַלע אַנדערע „געזעצן" — אינערהאַלב דעם מענטשנס געדאַנק. דאַקעגן, א ו י ס ע ר ה א ל ב דעם מענטשנס מאַרך — אין די עלעמענטן גופא פונעם זיין אַן־און־פאַר־זיך, — זענען נישט פאַראַן — קיינע אומאָפּהענגיקע פאָרמען, געזעצן, אידייען. נו, און דעם מענטשנס מ א ר ך, דאָס איז — זיין גוסט...

זיין גוסט — צו דערפינדן פּראָבלעמען. וויכטיק איז אָבער: נישט — דאָס פּראָבלעם, — נאָר — דער סוף; אַט דער זעלבער אומרואיקער מענטשלעכער הונגער־דראַנג: צ ו ל י ז ן דאָס פּראָבלעם; עס ליקווידירן, עס אויפלייזן; דערבערענגען עס צום מאָמענט: ווען דאָס פּראָבלעם ווערט — אויס... און דאָס מיינט — דער טויט. דער טיפער אינטימער נאַקעטער איינציקער מענטשלעכער דראַנג — צו טויט. ווייל: דער איינציקער אמת איז — דער טויט. דער טויט איז — די טרייב־קראַפט פון אַלץ. און צום טויט גראַוויטירט אַלץ... דאָס איז: דער אומרו, דער הונגער־דראַנג, די קוריאָזיטעט, די גראַוויטאַציע פ ו ן ס ט א ט י ק — צו צעשטערן דינאַמיק; און פון דינאַמיק — צו צעשטערן סטאַטיק; און דאָס געבערט, מאָמענטאַן — נייע פאָרמען, נייע דיספּראַזן; אינערהאַלב וועלכע אָבער עס שלאָגט און עס צאַפּלט אַלץ־איינער־און־דער־זעלבער דראַנג — צו טויט...

אין דעם לעבן פונעם העכסטן ביאָלאָגישן וועזן, ד ע ם מ ע נ ט ש, גייט אָן, נאָכאַנאַנד, זיין גראַוויטאַציע־דראַנג: צו טויטן זיין הונגער צום (און צעשטערן) — עסן, געשלעכט, וויסן; דערגרייכן אַלץ, — כדי צ ו צ ע ש ט ע ר ן אַלץ. דער גראַוויטירנדער אַט־ראַקציע־גוסט צו אַלץ, — דאָס איז, פאַקטיש: דער גוסט — צו טויטן, צעשטערן אַלץ; כדי צו בלייבן אַליין — רואיק, טויט.

גוסטירן, ליבן, מיינט — צעשטערן: סיי באַם עסן, סיי באַם גע־שלעכט, סיי באַם שטודיום; סיי באַם ליבן — זיך־גופא; ווייל דער וואוקס פון מענטש איז: דאָס מאַרדן און טויטן אין זיך — אַלדאָס פרי־ערדיקע, געוועזענע...

נו, און באַם בלומרשטן אַזוי־גערופענעם דראַנג פון מענטשן צו בויען, דאָס הייסט, באַ זיין אַמווידערשטיילעכן טיף־אינערלעכן דראַנג — אויפצושטעלן פאָרמען, לייזן פּראָבלעמען, כ ד י ז י ך פ ו ן ז יי צ ו ב א פ ר יי ע ן ..., — איז די בווונג, די אַרכיטעקטור נישט־מעגלעך — אָן דעם ווידערשטאַנד, אָן דער רעפּולסיע, עס הייסט, אָן דעם טיפן אינטימען גראַוויטאַציע־דראַנג פון דעם בוי־אָביעקט (דעם

שטיין, דעם מאַרמאָר, דעם גיפּס, דעם האָלץ) — צו צעשטערונג, צו טויט.

די אַרכיטעקטור, דאָס איז, אויבנויף־געוומען, דער דראַנג פון מענטשנס אינטעליגענץ: אָפּצודרוקן אַ מענטשלעכע אינטעליגענטע לע־בעדיקע פאָרם — אויף דעם טויטן שטיין. (און פאַקטיש, ווי דערמאָנט שוין: זיין אייגענער אינטימער דראַנג — זיך צו באַפרייען פון אַ פּראָב־לעם און עס טויטן...) אָבער, דאָס געלינגט אים — נאָר אַדאַנק ד ע ם ווידערשטאַנד פונעם שטיין. (זיין גראַוויטאַציע־דראַנג צו צע־שטערונג.) אין רוים, צי אינעם וואַסער, (דאָרט, וואו דער מענטש טרעפט נישט אָן, אין פלוג, קיין ווידערשטאַנד, —) וועט ער עס נישט קענען דורכפירן, באַין אופן. נו, און דער זעלבער ווידערשטאַנד, פונעם שטיין, ווי געזאָגט, גראַוויטירט צו זעלבסט־צעשטערונג. אין אַפּלויף פון איין אָפּשניט יאָרן, וועט די אומגעענדערטע מאַסע־נאַטור פון דעם שטיין־אָב־יעקט צעשטערן — די אַרויסגעדרוקטע מענטשלעכע פאָרמען. און אין אַפּלויף פון אַ צווייטן לענגערן אָפּשניט יאָרן, וועט דער שטיין, אין זיין סטאַטישן גראַוויטאַציע־דראַנג, צעשטערן זיך גופא; און באַקערן אַלץ צום טויט.

די גרויסע אַרכיטעקטאָרן פון פעלקער־מאַסן באַווייזן אָפּצודרוקן זייערע אויסגעטראַכטע, אין־ערגעץ־אָן־און־פאַר־זיך־נישט־עקזיסטירנדע, פאָרמען (עס הייסט, זיך באַפרייען פון די פּראָבלעמען, זיי לייזן, אַראָפּ־וואַרפן פון זיך זייער לאַסט, זיי צעשטערן...) — אויף די מאַסן, — נאָר אַדאַנק דעם ווידערשטאַנדלעכן סטאַטיש־גראַוויטירנדן מאַסן־דראַנג צו צעשטערונג און אונטערגאַנג...

סוף דבר, הכול נשמע: פּאָליטישע רעזשימען, קונסט־ווערק, ווערטן קומען אונז פאָר — נאָענט־אייגן, אָדער פרעמד־ווייט — נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען, אָן־און־פאַר־זיך — יאָ־צי־נישט מאָראַליש, גערעכטיק, שיין, ווערטפול, — נאָר ווייל: זיי געפעלן־ י אָ אונזער נאַטור, אָדער זיי געפעלן ־ נ י ש ט אונזער נאַטור; אָט די אַזוי־גערופענע נאַקעטע אינטימע — אַטראַקציע, און רעפּולסיע; דער גוסט, און דער אומגוסט... (די אַזויגערופענע פּרינציפּן פון גערעכטיקייט, מאָראַל, שיינקייט א. א., זיי זענען שוין — אַ שפּעטערדיקע דעפינירונג־דערפינדונג...) אָן אונזער גוסט צו זיי, — אָ, וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיי דען אַלע?

די גאַנצע וועלט־קולטור איז אַ רעזולטאַט פון מענטשנס גוסט, וואָס האָט — אָדער צונויפגעפירט אַ מענטש מיט אַ מענטשן, און אַ מענטש מיט אַ אידייע, (אָט די פּרימיטיווע סאָציאַלע געזעל־שאַפט־אידייע: 1+1=2...), — אָדער רעפּולסירט אַ מענטש פון אַ מענטשן, און אַ מענטש פון אַ אידייע...

נו, און אַט דער גאַנצער מענטשלעכער גוסט גראַוויטירט; טיף־נאַ־קעט־אינטים, ווי געזאָגט: זיך צו באַפרייען פון אַלץ און דערגרייכן — די איינציקע אייביקע רו פון טויט.

דאָס איז דער דראַנג, די טרייב־קראַפט — פון דער לעבעדיקער נאַ־טור. און דער זעלבער דראַנג איז — די איינציקע טרייב־קראַפט פון אוני־ווערס; וואָס דרענגט זיך צו באַפרייען פון איין פּערפעקציע נאָך דער אַנדערער — כדי זיך אומצוקערן צו דער מוטער־טראַכט פון טויט, אומ־קום, כאַאָס... דאָס איז דער גוסט, די אַטראַקציע פון די פּלאַנעטן — צו דער זון; די גוסט־אַטראַקציע פון דער זון — צו א י ר מוטער־טראַכט... און אַזוי גראַוויטירן אַלע אוניווערסן צוזאַמענגענומען — פון איין פּערפעקציע, צו דער אַנדערער: אום צו פאַרגיין, אַף אַלע אייבי־קייטן, אין דער אייביקער מוטער־טראַכט פון אומענדלעכן כאַאָס; פון אומענדלעכן גאָרנישט־זיין; און עס זאָל, איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל, ווערן שטיל...

די תפיסה פון דעם אַפּפאַל.

א) די שווערע פּיין, וואָס מע שפּירט, ווען דו דערשלאָגסט צום טויט דיין בלוטיקן שונא, נעמט זיך דערפון: וואָס דו האָסט דאַן אים דערשלאָגן — אין זיך אַליין...

ב) יעדן שונא, ווען דו האָסט און פאַרפאַלגסט, — טוסטו עס, נישט נאָר לגבי אים — מחוץ פון דיר, — נאָר אויך לגבי אים (לגבי דיר) — אינערהאַלב דיר אַליין; פון ווען דו ביסט, אַזוי צי אַנדערש, אומאָפּטיילבאַר... און דו פאַרפאָלגסט און דו האָסט אים, אַזוי לאַנג, — ביז דו נעמסט אָן זיין (פּונקט ווי ער נעמט אָן דיין) געשטאַלט...

ג) ווען די העכערע אייביקע אוניווערסאַלע געטלעכע ליבע צו אַלץ און צו אַלעמען שפּיגלט זיך אָפּ אין דער מאַמע־נאַטור, — ווערט מאַ־מע־נאַטור פּראָסטיטואירט און זי נעמט אויף די זוימען פון יעדן, פון יעדן...

ווען די זעלבע אומגעצוימטע אַמאָראַלישע געטלעכע ליבע צו יעדן שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם מענטשלעכן לעבן, — באַקומט זי דעם ראַיעלן אויסזען פון אונטערוועלט: וואו די פאַרגעטערטע פרוי — אַלציינס ווי די מאַמע־ערד — טיילט גרויסמוטיק בשפע איר ליבע צו יעדן; און זי נעמט אויף, גלייכצייטיק, די ליבע פון יעדן...

ד) די אויבערשטע איצטומכאַ, און די אונטערשטע איצטומכאַ, דאָס זענען — דער עולם העליון, און דער עולם התחתון... באיתערותאַ דלתתאַ, איתערותאַ דלעילאַ: אַף דער נאָכאַנאַנדיקער הונגער־צודרינג־

לעבקייט פון דער אונטערשטער איצטומכא, (וועלכע ווערט, אגב, אויך, וואס א טאג — ראפינירטער, פרעטענציעזער, איבערקלויבערישער, אין אירע באגערן), — מוז די אויבערשטע איצטומכא איר כסדר צושטעלן, צום פארצערן, צום פארדייען — דיסטינגירטע, הויך־דיפערענצירטע, אלץ־נייע, אלץ־פרישערע אידייען אלערליי... נו, און וואס די אונטערש־טע פינצטערע בלינדע אינגעווייידישע איצטומכא־מאסע פון דעם טיפיש־אינטימען מענטש־ציניקער מאכט פון דעם אלעם, (פון אידייען, מאכלים, פרויען, געטער,) אף וואס זי טוט עס באקערן, און אין וואס זי טוט עס פארוואנדלען, — דאס, רבותי, איז דאך באוואוסט צו יעדן. היינט, צוואוס — די רייד?..

ה) פונקט ווי דער אפפאל, דאס מיסט פון די ח י ו ת דינט פאר

דער באמיסטיקונג פון אונזערע פעלדער — כדי צו באווארענען דעם מענטשנס פ י ז י א ל א ג י ש ע דערנערונג, (צו טויטן זיין פ י־ז י ש ן הונגער), — אקוראט אזוי — דער אפפאל, דאס מיסט (די מיסטיק) פון די ג ע ט ע ר דינט פאר דער באמיסטיקונג פון אונ־זער געמיט — כדי צו באווארענען דעם מענטשנס ר ו ח נ י ו ת־ד י ק ע דערנערונג, (צו טויטן זיין ג יי ס ט י ק ן הונגער.) און דער פארדייונגס־פראצעס (אזוי — דער פיזיאלאגישער, ווי דער גייסטיקער,) טוט נישט, אין ביידע פאלן, עפעס אנדערש, ווי נאר אויפ־צודעקן דעם אמת, ד ע ם ת ו ך — פון דער פיזיאלאגישער שפייז, צי פון דער געטלעכער; טוט נישט עפעס אנדערש, ווי נאר — ארויפצו־רייסן דעם דיספראז פון אלץ; און אומצוקערן אלץ — די מאטעריעלע שפייז, די געטער־שפייז — צום אויטענטישן שורש זייערן, צו זייער עכטן אינטימסטן אויסזעען און געשטאלט — פון מיסט...

ו) רבותי, אויב איר האט חשק, — ווען מיר היינט א שמועס טון, פאר

א נאווינע — וועגן דער נאבעלער מאטעריע פון צואה, און מכוח אירע איידעלע און דערהויבענע פונקציעס אף דער וועלט. אבער, מיט א סדר. פריער, דארף מען קלאר מאכן געניי: וואס עס הייסט אזוינס — רעאליטעט, וואר...

דערמיט, לויט אונזער מיינונג, גיט זיך אפ דער מענטשלעכער אינ־טעלעקט, וועלכער איז בארופן און, במילא, מסוגל פעסטצושטעלן אביעק־טיוו: וואס עס טוט זיך ארום אונז. מע דארף אבער נישט פארגעסן, אז ער טוט דאס, אף פאלגנדן אופן: ער נעמט אויף אין זיך די מיטטיילונ־גען וועגן די סענסאציעס, וואס עס האבן אויפגעכאפט זיינע אגענטן — די פינף חושים — אוים דעם דרויסנדיקן ארום; יא, נעמט ער אויף יענע אלע מיטטיילונגען — אט אזוי, ווי זיי ווערן אים, דורך זיינע פרימיטי־ווע אגענטן, איבערגעגעבן; גאנץ־אפט — אפילו זייער־טעותדיק, פעלער־

האפט, ווייט פון צו זיין פערפעקט. אָבער, דאָס קאָן פאַר אים, דעם אינ־טעלעקט, נישט זיין קיין שטער דערצו: אז ער, מיט זיין עיקרדיקער, איינ־געבוירענער, פונדאַמענטאַלער, עס הייסט, קאָנסטיטוציאָנעלער איינג־שאַפט צו קענען אינטערפּרעטירן זאַכן אַזוי אָביעקטיוו, ווי נאָר מעגלעך עס איז און נויטיק, — זאָל ער די צוגעשטעלטע און באַקומענע סענ־סאַציעס אַזוי לאַנג און גרינטלעך אַנאַליזירן, צעגלידערן, צעגרעניצן, אויסשיילן און (הערט זיך גוט איין!) ה ע ט ע ר אָ ג ע נ י ז י ר ן , — ביז וואַנען עס וועט, ענדלעך, נאָך לאַנגע מאַטערנישן, אַרויסקומען פאַר אים — דאָס, וואָס ער זוכט: יענע לויטערע געגאַרטע רעאַליטעט, די וואָר... איצט, וועט דער זיגרייכער אינטעלעקט קומען און מיטטיילן זיין דערפאָרשונג — צוריק צו זיינע אַגענטן, די פינף חושים; דאָס הייסט, אַז ער וועט מיט זיי איינקנעלן און זיי קאָרעגירן אַזוי לאַנג, — ביזוואַנען זיי וועלן ענדלעך, מיט דער צייט, שוין קענען אַליין, אין ענ־לעכע פאַלן, אויפנעמען די וואָר־סענסאַציעס פון אַרום — אַזוי גענוי און ריכטיק־אָביעקטיוו, דאָס הייסט, (לאָמיר באַנוצן נאָכאַמאָל דעם אויס־דרוק,) ה ע ט ע ר אָ ג ע נ י ש , — ווי זייער לערער, דער געבענטש־טער אינטעלעקט, אַליין...

מע דאַרף אָבער וויסן נאָך עפּעס: אַז די סיבה פון די טעותן, וואָס עס מאַכן, געוויינלעך, אין זייער אויפנעמען די סענסאַציעס פונעם אַרום, די פּרימיטיווע פינף חושים, נעמט זיך דערפון: וואָס זיי ווערן אויך, אַף אַן אומגעבעטענעם אופן, (נאַטירלעך, לויט דעם אינטעלעקטועלן שטאַנד־פונקט גענומען,) באַאיינפלוסט — פון אַ גענצלעך־קעגנגעזעצטער וועלט צו דער אינטעלעקטועלער: פון דער אַזוי־גערופענער אונטער־וועלט (אין יעדן איינעמס איך־קאָנסטיטוציע) פון עמאָציעס און אינסטינקטן, מיט זייער איינציקער קאַטעגאָריש־אויסגעשפּראָכענער טענדענץ: צו סוביעק־טיוויזירן אַלץ, וואָס זיי נעמען אויף פונעם אַרום; ריכטיקער: צו ה אָ־מ אָ ג ע נ י ז י ר ן אַלץ, וואָס זיי באַקומען, אַלס שטאָף, פון וואַנען עס זאָל נישט קומען; זאָלן זיי עס כאַאָטיזירן, אָפּווישן דערפון אַלע שפּורן פון אויסטיילונג, אַנאַליזירונג, צעגלידערונג, צעגרעניצונג און אויסשיילונג; נייערט, עס פאַרמישן אין איין טונקעלער, קאָכיקער, איינ־קאָלירענער גראַ־נירוואַנישער מאַסע פון גאָרנישט, פון אָפּפאַל, פון צו־ריקגיין, פון בלינדקייט, מיט איין וואָרט — פון צואָה.

יאָ. איז אָט די אונטערוועלט, (אין יעדן איינעם פון אונז,) גראָבט, אומויפהערלעך, אומדערמידלעך, אונטער אַלע יסודות, וואָס אינטעלעקט זוכט צו פאַרלייגן — אין דעם ווערן און זיין. זי דרענגט אייביק צו צע־שטערן און מאַכן דעגענערירן די קאָרעקטקייט פון דער אויפנאַמס־פעאיקייט פון די סענסאַציעס פונעם אַרום — דורך די פינף חושים; און

זי זוכט זיי צו באַאיינפלוסן אַזוי, — אַז, אַנשטאָט אָ ב י ע ק ט י ־ וו ע ר צ ע ג ר ע נ י צ ו נ ג , — זאָלן זיי גאָר נעמען צייגן — סוב־יעקטיווע פאַרמישונג און פאַרטונקלונג... נאַטירלעך, מיט אַלע פּאַטאָ־לע פאַלגן, וואָס קענען נאָר קומען, אַלס פועל־יוצא דערפון...

נאָך קלאָרער: מע דאַרף אָננעמען, אַז די אָביעקטיווע טענדענץ פון אינטעלעקט, צו דערקענען קלאָר די וועלט פון אַרום, איז — אַ פּראָ־גרעסיווע, אַ פאָרשריטלעכע, אַן אָפּטימיסטישע; ווייל זי צייגט קלאָר די רעאַליטעט, די וואָר פונדערפון: וויאַזוי וועלט און מענטש שניידט איי־ביק אַ וועג, איבער אַלע אָפּגרונטן, איבער אַלע שטערונגען — אין פּאָ־רויס, צו דערהויבונג, צו נצחון. אַזוי איז — אין אַלגעמיין; און אַזוי איז — אין די פּרטים; דאָס הייסט: אַזוי איז די אַלגעמיינע סענסאַציע פון אינטעלעקט — וועגן וועלט און לעבן; ווייל אַזוי זענען — די אומצייי־ליקע איינצלנע סענסאַציעס זיינע פון אַרום, אין יעדער שעה פון טאָג, און אין יעדער ווילע פון לעבן. עס איז די טענדענץ פון צעגרעניצונג און העטעראָגעניזירונג, (נאָך אַ לאַנגן אומויפהערלעכן פאַרביטערטן און, אגב, אייביקן קאַמף צווישן די קעגנגעזעצטסטע קאַטעגאָריש־אויסגע־שפּראָכן־קעגנערישסטע עלעמענטן אינעם זיין) — צוליב דערהויבונג.

אַזוי, למשל, צייגט אינטעלעקט, (דורך דעם גרינטלעך־קאָרעגירטן דורך אים חוש־הראיה) ק ל אָ ר — ד עם ק אָ ל י ר ב ל ו י אי ן ה י מ ל, אַלס רעזולטאַט פון אַ שוידערהאַפטן קאַמף צווישן אומצייליקע זיין־עלעמענטן; אַ קאַמף, אין וועלכן עס האָט, קלאָר און צע־גרעניצט, געזיגט — בלוי: די פרייד, די האָפענונג; בכלל, דער נצחון...

און דאָ האָבן מיר געלאָזט פאַלן דעם באַגריף — פרייד; און, שוין דורך דעם אַליין, אויפגעדעקט די גאַנצע טראַגישע פּאַטאַליטעט, וואָס הויערט — אַפילו איבער דעם זיגרייכסטן אינטעלעקט. ווייל פ ר יי ד, דאַרף מען וויסן, איז — אַ געפיל; און דאָס איז דעם אייז־קאַלטן אינ־טעלעקט — לחלוטין פרעמד. ווייל אינטעלעקט פילט ניט. ער דענקט בלויז. ווייל געפיל איז אַזאַ מין איבערלעבונג, וועלכע גייט אַריבער גרע־ניצן; און אינטעלעקט דענקט בלויז — מוראדיק־שטרענג־צעגרעניצט.

ווי קומט אינטעלעקט צו געפיל?!

נאָר ער, אינטעלעקט — אין זיינע פאָרשונגען פון זיך גופא, פון מענטש, און פון זיין שייכות צו אים, — גיט זיך, ענדלעך, רעכענונג דער־פון: אַז מענטש איז נישט בלויז — ער, אינטעלעקט, אַליין. אַז מענטש איז — באַשטאַנד: אי פון אינטעלעקט, אי פון אימפּולסיווער אונטער־וועלט — אין אייביקן פּאַטאַלן געראַנגל צווישן זיך: אַלס אָפּשפּיגלונג, לאָמיר זאָגן — פון אַלץ; פון אָט דעם אייביקן פּאַטאַלן געראַנגל פון אָט די שאַרפסטע קעגנגעזעצטע עלעמענטן אין דעם אַלוועלט, אין דעם זיין...

א גערא̇נגל, וואָס טרייבט דאָס זיין — אין פּאָרויס. א גערא̇נגל, וואָס איז — די ערבות פונעם פּאָרשריט פון אַלץ... א גערא̇נגל צווישן סטאַטישע עלעמענטן, וואָס ציען, אין דעם זיין, אַ ף צוריס, — און דינאַמישע עלעמענטן, וועלכע ציען, אין דעם זיין, אַ ף פּאָרויס. אָבער, נעמט־צו, (לאָז זיין, אין דמיון,) אַף איין רגע, די סטאַטישע טענדענץ אין דער אַלוועלט־קאָנסטיטוציע, — און עס הערט גלייך אויף דאָס ווירקן פון דער דינאַמישער טענדענץ. ווייל די דינאַמיק דערנערט־זיך, פרעסט, באַקעמפט, זוכט צו צעשטערן, אומ־ברענגען און, דורכדעם, זיך־דערהאַלטן־אַרויסברענגען — נאָר די סטאַטיק. און דאָס אייגענע — פאַרקערט. אַליין, — קאָן קיינעמס קיום — פון אָט די צוויי קעגנגעזעצטע עלעמענטן — באין־אופן נישט גע־מאָלט־זיין: נישט אין דעם אָרדן פון אַלוועלטישן זיין; במילא, נישט אין דעם אָרדן פון דעם זיין פון מענטש.

יאָ. איז דאָס אַלץ ווייסט אינטעלעקט אויסגעצייכנט. דארום, וועט ער קיינמאָל נישט שטרעבן — צו אומברענגען מענטשס אונטערוועלט: כדי נישט אומצוברענגען דעם מענטש גופא; במילא, זיך־אַליין, דעם אינ־טעלעקט. ער וועט בלויז שטרעבן — איינצושטעלן א גלייכגעוויכטיקן גאַנג פאָרויס, אין דעם מענטשס זיין און קאַמף.

און דארום, (לאָמיר זיך אומקערן צום פריערדיקן): ווען ער, אינטע־לעקט, וועט, (לאָמיר זאָגן, דורכן ציינגן דעם קאַליר בלוי אין הימל,) אָפּ־האַלטן א געוויסן נצחון, — וועט ער אַליין דערלויבן, און אפילו פאַר־אָרדענען דער געפיל־וועלט (דער אונטערוועלט): אַרויסצוגיין, אַף איין מאָמענט, פון די ברעגן, (פון די גרעניצן,) און נעמען אויסדריקן, איבער־לעבן — די עמאָציע פון פרייד...

און, אַף אזא אופן, דערנענטערן מיר זיך — צו דער אזוי־גערופע־נער קאָמישסטער טראַגעדיע: די אונטערוועלט, (דאַרף מען וויסן,) איז, אַלס פאַרקערטע פון אינטעלעקט — א צעשטו־רעמטער האָמאָגענישער ים, וואָס זידט אייביק; און קאָכט אַלץ אויף — אין פאָרמלאָזן גרעניצלאָזן כאָאָס. אזוי איז זי — אין אַלגעמיין; ווייל אזוי זענען — אַלע אירע עלעמענטן, באַוועגונגען, איבערלעבונגען, עמאָציעס, אינסטינקטן, געפילן, טענדענצן: אין סתירה צו דער יבשה־טענדענץ, צו דער צעגרעניצונג פון אינטעלעקט, — רייסט כסדר די אונ־טערוועלט — אַריבער אַלע גרעניצן; אויסגיסן זיך, ווי א געוויסער; און אַלץ באַאָטיש פאַרפלייצן, צעמישן, מיטרייסן מיט זיך...

אז דו קוקסט זיך־צו צום דאָזיקן צעשטורעמטן אונטערוועלטישן מאָסאָוון ים, אין דער נידער, וועלכער שלאָגט און רייסט זיך אַף אַרויפצו, צום אינטעלעקט, — קאָן מען מיינען: אז דאָס שטרעקט ער זיינע

אָרעמס, זיינע כוואַליעס אַרויפצו — ווי אין תּפילה; אָ, ווי אין גע־בעט — צו דערלייזונג, צו דערהויבונג... נאָר, ווי וועט עס זיין צו אייך, — אַז איר וועט אים, אַף איין רגע, גלויבן, דעם נבזהדיקן פּאַרע־טער — און פאַר אים צעעפענען די איינגעשטעלטע אינטעלעקטועלע דאַמבע פון דער אויסגעקעמפטער יבשה. ער וועט אייך גלייך, אַכזריות־דיק־ברוטאַל־ציניש, פאַרפּליצן; אויסגיסן זיך אַף אייך, ווי אַ לאַווע אַ פאַרוויסטנדע; מיט חוזק און שפּאָט — פון אייער נאַיוויטעט, אים צו גלויבן; אייך זוכן צו פּאַרטיליקן־פאַרלענדן ביז לעצט...

אָ, גלויבט נישט דער פּאַרעטערישער מאַסן־תּפילה פון דער אונטער־וועלט! ווייל, נישט א י ר שולד וועט זיין אין דעם — וואָס זי וועט אייך וועלן אויסראָטן; (גלויבט — זי קען נישט אַנדערש...); נאָר, די שולד וועט זיין א יי ע ר ע : הלמאי איר האָט איר געגלויבט...

יאָ. איז, ווען די אונטערוועלט נעמט אויסדריקן דאָס געפיל פון פרייד — איבער דעם, (ווי מיר האָבן געזאָגט,) וואָס אינטעלעקט האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון אין דער רעאַליטעט און אויסגעקלאָרט דעם קאָליר בלוי פון הימל, — אַזוי וועלן מיר, אומבאַמערקטערייט, נעמען דורכמאַכן — עטוואָס אויסטערלישעס; נעמלעך, אונזער פרייד וועט שטורעמען אין אונז אַזוי לאַנג, — ביזלוואַנגען דער פריידיקער קלאָרער קאָליר ב ל ו י וועט, פאַר אונזער אויג, נעמען לאַנגזאַם ווערן — צעשוואַר־מען, פאַרנעפּלט, מעלאַנכאָליש און... אויפגעלייזט... און אָנשטאָט פ ר יי ד , — וועלן מיר, ערשט, פּאַראַמאָל, גאָר נעמען שפּירן אין זיך: וויאַזוי מיר ווערן איינגעהילט... אין אַ זיסער טרויעריקער אויסדעמפונג פון אומקום...

— וואָס איז געשען?! — וועט איר זיך חידושן אַף זיך אַליין.

— כיוון שניתן רשות למשחית... דאָס האָט די אונטערוועלט (ווע־מען אינטעלעקט האָט דערלויבט, איין רגע, אַרויס פון די ברעגעס). — גענומען מאַכן „אָרדענונג” — אַף א י ר שטייגער...

אַזוי, מיינע פריינט — אומגעבעטן, און א ו מ פ א ר מ יי ד ־ ל ע ך ־ ג ע ב ע ט ן — טוט די אונטערוועלט כסדר אַרבעטן דערפאַר: צו קאָרומפּירן די חושים; זייער שטייגער אויפנעמען די סענסאַציעס פון דער וועלט; זייערע השגות, זייערע באַגריפן, זייערע פאַרשטעלונגען; און איינשטעלן איבעראַל — איר אויסגעגאָסענעם, אויפגעזאָדענעם געוויסער פון כאַאָס...

אומעטום, קריכט זי נאָך, די אונטערוועלט, דעם אינטעלעקט; (וואו עס לוינט — אומפאַרשטעלט; און וואו עס לוינט נישט — פאַרשטעלט;) און זי טוט לויערן אַף אַלע זיינע אויפטוען — כדי זיי צו צעברעכן, איינ־וואַלגערן; באַקערן זיי צו אָפּפאַל, צו כאַאָס... און ווען אינטעלעקט קומט

— נאָך דורות־לאַנגע גוואַלדיקע פאַרמעסטונגען — און שטעלט אויף אַט די גאַנצע פּרעכטיקע גראַנדיעזע העטעראָגעניזירטע סאָציאַלע געבייי־דע פון הימלש־ליכטיקן אָביעקטיוו־עקזאַקט־דיסציפּלינירטן אידייאישן װ י ס ן פון מענטש־אַלוועלט אין זיין, — איז זי נישט פויל, די אונ־טערוועלט, אים נאָכצוקריכן, די גאַנצע צייט; און, אים נאָכמאַכנדיק אות־אין־אות, — אויך אין אירע עיפּושדיקע צואָה־אָפּפאַליקע זומפּן, (וואָר־היין, אגב, עס קומט אָן און עס לויפט אָפּ — ווי אין אַ רינשטאָק, ווי אין אַ אונטער־קלאָאַקע, אומפאַרמיידלעך — אָט דער גאַנצער אָפּפאַל און פּסולת פון ז יי נ ע , אינטעלעקטס, גראַנדיעזע געבויען...) אויפ־שטעלן (כל מה שיש ביבשה, יש בים...) — פונקט אזא ענלעכע פּרעכ־טיקע גראַנדיעזע, דערפאַר — ה אָ מ אָ ג ע נ י ז י ר ט ע א נ ט י־ ס אָ צ י אַ ל ע מאַסע־געביידע פון תהומיש־פינצטערן, סוביעקטיוו־„הומאַניסטישן, אַזוי־גערופענעם „אידעאַליסטישן" פּלאַמיקן **זעען** פון גאָט־מענטש אינעם זיין"; אָבער, וועלכער איז, פאַקטיש, (אָט דער „גאָט־מענטש אינעם זיין",) — דער פאַטאַלער לץ; דער אומפאַרמיידלעכער אין־זומפּ־אָפּשפּיגל — פון דעם דערהויבענעם ליכטיקן אינטעלעקט; וועל־כער ווייסט, (אינטעלעקט): אַז ער — דער נעבעכדיקער עיפּוש־פּאַיאַץ, זיין אייביקער פאַטאַלער באַגלייטער — שטייט ערגעץ אין די הינטער־גאַסן, וואו ער בויאַנעוועט און ער קרימט אים נאָך... נו, אם־כן?!.

אַזוי וואָיעוועט ער אַרום, דער הפקר־פּאַיאַץ פון דער אונטערוועלט, אין אַלע נאָבעלע אויפטוען פון מענטש־אינטעלעקט. ער איז — דער ווילד־צעפלאַסענער סענטימענטאַלער זינגער־און־שפּילער, וואָס קומט דעגענערירן די מוטיקע קעמפערישע מוזיק. ער איז — דער שונדיסטיש־אָפּשטויסנדער לירישער אויספלוס אין דער פּאָעזיע, וואָס קומט מאַכן פּאַרטונקלען און דעגענערירן די לויטערע קרעפטיקע וואָר פון דער פּראָ־זע. ער איז — דער פאַרקיילעכטער צעגאָסענער קרייזן־פלעכטער, וואָס קומט פאַרזינגלען־פאַטאַליזירן דעם יונגן שטורמישן טאַנץ — ווען ער ברעכט אַ וועג צו דער פרייהייט, צו דעם לעבן, צו דער וועלט... און ער איז — דער אויפמישער, אויפקאָכער און צעשטערער — אַ, אין יענעם סאַמע־גריילעכסטן און ליכטיקסטן מאָמענט פון מענטש־אינטעלעקטס אינטימסטן שאַפן לעבן אַף דער וועלט...

אַ, אומעטום־אומעטום, אייביק־אייביק, קריכט ער נאָך, קריכט ער נאָך, דער עיפּושדיקער אונטערוועלט־לץ, דער אונטערוועלט־פּאַיאַץ, מיט זיין מאַגישן איצטומכאָ־קופּערטל פאַרוואָרפן אַפן ווי־הייסט־מען־עס; און ער לערנט דער וועלט און דער מענטשהייט — אַ פּרק אין הילכות־צואָה... און ער טענהט אין אייך אַריין:

— אַז ער איז — די אייביקייט; אַז ער איז — די נירוואַנע; אַז

ער איז — אַלץ... ווייל ער איז — דער אָנהויב פון אַלץ; (טענהט ער,) דער אָין, דער גאָרנישט, דער סרחון, די טיפּה סרוחה — פונוואַנען עס נעמט זיך אַלץ; און ער איז — דער סוף פון אַלץ, דער פועל־יוצא, דער אָפּפאַל, (דאָס הייסט, במילא — לויט אים — דער אייביקער אומפאַר־גענגלעכער טיף־אינטימער ת ו ך,) ד ע ר נ ש אָ ר פון אַלץ: פון געטער, פון מענטשן, פון לעבנס, פון וועלטן...

דערפאַר, רופט ער דעם מענטשן:

— צו גיין מיט אים! ווייל ער איז — דער סוד פון דעם מאָסן־גליק אינעם לעבן. ווייל ער איז — די גאַנצקייט, דער געוויסער, די פאַרפליי־צונג, די האַמאַגעניע, דער זיסער שלאָף, דער לייטזעליקער וואַרעמער כאַאָס...

— נישט ווי דער אַפּטריניקער העטעראָגענישער צעשטערער, דער מחרחר־ריב, דער אייביק־וועקנדער אינטעלעקט; וועלכער איז — אַ קינד פון זיינע גערעדים, פון זיין אינגעווייד, — אוועק פון אים, אוועק פון גלייכן וועג; און געקומען צו דער וועלט און צום מענטש — מיט דער איינציקער בייזער כוונה בלויז: צו זייען אומגליק און פאַרוויסטונג אַרום זיך...

...איז, איצט — זאָגט איר, אדרבה, רבותי: איז עס נישט צום לאַכן דאָס אַלץ?!.

ז) וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט די געשיכטע אין די היינטצייטיקע קאַמפן פון דער מענטשהייט? וואָס קען איר אָנגיין — צי ד ע ר, אָדער דער אַנדערער צד וועט זיגן, — וויבאַלד אַזביידע זענען אַראָפּ פון דעם גלייכן היסטאָרישן דרך, וואָס האָט אייביק נאָר איין ציל: די אומויפהער־לעכע נאַטור־באַניי ונג פון דער קולטור, און זיי גראַוויטירן ביידע אַלציינס — צו דעסטרוקציע?.. איז, אפשר, טאַקע דערפאַר, האָט זיי די געשיכטע איבערגעלאָזן אַף הפקר, אַף דער סצענע פונעם לעבן — אַז זיי זאָלן זיך קעגנזייטיק אויסראָטן: אום צו לאָזן פריי דאָס שויפּלאַץ פאַרן אויפ־מאַרש פון אַ נייעם מין קולטור־רעפּרעזענטאַנט, וואָס די געשיכטע האָט שוין אָנבאַרייט — פאַר דער שעה, ווען זי וועט שלאָגן?..

ח) איבער דעם סטאַטיש־פּאַראַליזירטן איינגעשטאַנענעם טעאַטער־שטייגער פונעם שטעטל שלאָגט אַרויס, טיילט זיך אויס — ווי ווילד־גאַטש, ווי שימל, ווי אָפּגעשטאַנענע שטוקאַטורקע; זייערט זיך אַרויס, ווי אַ ווייניקער ביטערער אויסגעגאָסענער גלאַנציקער זאַפט, אַן אויסשלאַג, אַ אָנשפּראָץ, אַ טוי, אויס איבערגעשטאַנענקייט, — אַזאַ דינער איראָ־נישער אומזין, אויסלאַך, אָפּשפּעט — פון זיך, און פון יעדן אַרום; אַזאַ ליימענער גולם־טויט־ערנסט, וואָס לאָדט איין שטום מימיש יעדן איינעם — צו צעפּלאַצט ווערן אידיאָטיש פון געלעכטער... נאָר באַזונדער ברענגט

דאָס אַלץ אַרויס — דער לץ, דער קאָמיקער, דער משוגענער, דער לוס־טיקער פריילעכער גייסט פונעם שטעטל; אַלעמענס אויסדרוק, אַפּפּלוס, קלאַאַקע; וועמען מע ליבט — דאָס לעבן; זיך אַליין...

ט) דער מענטשלעכער אָרגאַניזם — ווי אַ מלוכה, אַ שטאַט — מוז אָנהאַלטן אַ גלייכגעוויכט אין דעם עקספּאָרט און אימפּאָרט, כדי זיך צו קענען נאָרמאַל דערהאַלטן. דאָס גילט בנוגע דעם חומר: אַט דער אומויפהערלעכער שטאָף־וועקסל, אין אַנקלאַנג מיטן געזעץ פון אַדאַפּטי־רונג; און דאָס אייגענע איז — בנוגע דעם רוח; און ווי עס האָבן גע־לערנט די חכמים, אַז „תכלית הידיעה, שנדע, שלא נדע", כדי צו אַבסאָר־בירן נאָכאַנאַנד — פרישע ידיעות.

דאַקעגן, אויף דער עלטער, ווערט בהדרגהדיק פאַרקלענערט דער עקס־פּאָרט און דער אימפּאָרט — אַזוי, בנוגע דעם חומר, (קלאָר;) ווי לגבי דעם רוח: וועלכער איזאָלירט זיך פונעם אַרום; ווערט קאָנסערוואַטיוו; האַלט איין, מיט אייפער, ד אָ ס, וואָס ער ווייסט — בלויז פאַר זיך אַליין; זאָגט זיך אויך אָפּ פון קולט־זיין נייס; אַזוי, אַז פון צופיל פאַרשטיין, בלייבט ער שטיין; ווערט ער פאַרשטיינט.

י) די ווערים — די לעגיטימע יורשים פון אונזער לייב, וועלכע וואַרטן נאָר אויף אונזער טויט, כדי אַליין ערשט נעמען לעבן, — אָ, זיי האָבן גרויס צוטרוי צום מענטשן, און זיי געבן אים, מאַנכעס מאָל, קרעדיט — נאָך פאַר זיין לעבן... דאַרום, באַגעגנט מען, אַזוי אָפט — אַזויפיל ווערימדיקע לייט...

די תפיסה פון גאָט.

א) ויברא אלוהים את האדם בצלמו, בצלם אלוהים ברא אותו; (זכר ונקבה ברא אותם.) די באַמערקונג אין די מרכאות קומט פון דעם אַנאָנימען סופר־אפּיקורס, וועלכער האָט געלאָזן אומבאַוואוסט זיין נאָ־מען, וואָס האָט סיי־ווי נישט געהאַט קיין אַקוסטיק; והלך ותלה את עצמו באשלא רברבא, כדי צו פּראָקלאַמירן דעם אמת: אַז נישט גאָט האָט באַ־שאַפן אָדם וחוה, נאָר אַז — אַ זכר מיט אַ נקבה האָט זיי באַשאַפן...

ב) דער אור־קאַמף פון די עלעמענטן פון דיאָניזיוס און אַפּאָליניוס אינעם זיין איז אַן עראָטישער; און אַזוי שפּיגלט ער זיך אין אונ־זער געמיט, אינעם הארצן. ווען דיאָניזיוס צאַפּלט — אין זיין דראַנג־גע־נוס צו אויפלייז, צו אומקום — צו צעשטערן אייגענעם אויסזעען, איי־גענעם גבול, תחום, מחיצה, און אויספליסן אין אייניקייט, מחוץ פון זיך, מיט דער אומפאָרמיקייט, — טוט ער דאָן אויספליסן — אין אַפּאָליניוס,

וועלכער נעמט אויף פון אים די קאָכעדיקע שפע; און ער טוט זי אויס־טראָגן, געבערן, געשטאַלטיקן; איר געבן אַ נייע פאָרם...

ג) די לאָגיק, וועלכע אָפּערירט, (ווי באַוואוסט,) אין די ראַמען פון מאַטעריע, פון נאַטור, — זעט נישט — אין ערגעץ, אין דער נאַטור — די עקזיסטענץ פון גאָט; נישט — זיין נויטוועגדיקייט; נישט — זיין מעגלעכקייט, דערלאָזבאַרקייט. דאָס איז דערפאַר: ווייל זי, די וועלט פון דער לאָגיק אַליין, איז — מאַטעריע, איז — נאַטור; במילא, האָט זי חוש נאָר — פאַר מאַטעריע, פאַר נאַטור. (העגעל, „לאָגיק.")

דאָס ווייל אָבער נאָך נישט זאָגן: אַז גאָט זאָל נישט עקזיסטירן — אין דער וועלט פון א ו מ ל אָ ג י ק , פון א ו מ ז י י ן, פון א ו מ ר ע אַ ל ן זיין, פון א ו מ מ אַ ט ע ר י ע , פון א ו מ־נ אַ ט ו ר ... און אַזוי ווי נאַטור, מאַטעריע, רעאַלע וואָר, זין, לאָגיק דאַרפן נישט און ווילן נישט אויפנעמען גאָט אין זיך, — דאַרף, במילא, נישט זיין קיין חידוש: הלמאי גאָט זוכט תמיד — צו צעשטערן די וועלט פון לאָגיק, זין, רעאַלן זיין, מאַטעריע, נאַטור, — כדי איינצושטעלן די וועלט פון אוממאַטעריע, פון אומנאַטור, פון אומלאָגיק, פון אומרעאַלן זיין, פון אומזין; מיט איין וואָרט: אַ וועלט פון כאַאָס, פון אומזיין, פון גאָט.

ד) ווי געפּערלעך־אומעטיק עס דאַרף אים זיין, דעם פילאָזאָפיש־פּערפעקטן גאָט, דעם אַזוי־גערופענעם עצם־בלתי־משתנה, וועלכער ווייסט אַלץ, פון אייביק ביז אייביק; גאָרנישט קיין נייס — קיין צאָפּל, קיין ניואַנס, קיין געפיל, קיין קאָליר, קיין געדאַנק, קיין באַשאַף־דראַנג, קיין אָנשטרענגונג — קאָן אים איבעררואַשן.

דערפאַר, אַ פּנים, האָט ער געמוזט געבן בחירה־חפשית דעם מענטש דעם רעבעל; אָ, מיט דער איינציקער שטיל־אינטימער קעגן־זיך־גופא־פּאַרברעכערישער און צאַפּלדיקער האָפענונג: אפשר וועט ער, דער מענטש — געבענטשט זאָל ער זיין, אין זיין דרייסטקייט, אין זיין אומצווימענדיקן אומצעברעכלעכן אומבווינזאַמלעכן דראַנג צו אומרו, באַוועגונג און פרייהייט, אָ, אין זיין אומדערקלערלעכער אומדערגרינטעוועגדיקער מיט־מעריע פון זיין, — דאָך מיט עפּעס אויסברעכן נייס; אַנטפּלעקן אַזוינס — וואָס זאָל אויך אים, גאָט דעם אָרעמען למך דעם נעבעכדיקן אַלצווייסער, דערפרייען זיין עלנט געמיט; און אים, כאָטש אַף איין ווײַלע, באַפרייען פון דעם זשאַווער־פּרעסנדן הארץ־שימל — פון זיין אייביקן געטלעכן פּערפעקטן לאַנגווייל...

ה) פּאַראַפראַזירנדיק וואָלטערן, דאַרף מען זאָגן: אַז ווען גאָט וואָלט עקזיסטירט, וואָלט מען אים געמוזט צעשטערן — צוליב די מענטשן. אַזוי גוט, ווי מע צעשטערט — דאָס אייביקע שוועבעלע, דאָס איי־

ביקע פייער: כדי עס זאָל אָנהאַלטן די אייביקע מענטשלעכע מי, אָנ־שטרענגונג, פּראָדוקציע, דער אייביקער מענטשלעכער קאַמף, — אַקוראַט אַזוי, גיבט נישט קיין אייביקער אידעאַל, קיין אייביקער גאָט, קיין אייביקע אידייע, קיין אייביקער פּלאַן, קיין אייביקע אַנטפּלעקונג און דערגרייכונג — איינמאָל אַף תמיד. דאָס אייביקע לעבן פון מענטש פאָדערט — די צעשטערונג פון די אייביקע געטער, אידייען, פּלאַנען, אידעאַלן, דערגרייכונגען, — כדי עס זאָל אייביק ווידעראַמאָל אויפקומען און עס זאָל אייביק אָנהאַלטן — דער אייביקער מענטשלעכער קאַמף, זיין מי, טעטיקייט, אָנשטרענגונג, פּראָדוקציע: פאַר אידעאַלן, פּלאַנען, אידייען, געטער; מיט איין וואָרט: פאַר דעם אייביקן מענטשלעכן אומ־ויפהערלעך־זיך־באַנייענדן זיין...

ו) כי רוח החיה באופנים. די שווערסטע אומבאַוועגלעכסטע טויטע מאַטעריע ווערט אומגעריכט אויפגעלעבט און וואונדערבאַר־לייכט־ריי־רעוודיק־באַוועגלעך, — ווען זי באַקומט די פאַרקיילעכטע פאָרם פון דער ראָד, פון דעם אופן.

נאָר די אילוזיע, דאָס וואונדער איז מסוגל צו ווייזן (צו באַלעבן) דאָס אוממעגלעכסטע: וויאַזוי שוידערלעך־ווייטע הימלען טוען זיך אויס־בויגן־פאַרקיילעכן־דערנעענטערן, ווי האָריזאָנטן, צו דער ערד; און וויאַזוי די ערד טוט זיך אויסבויגן־אויפהויבן פאַרקיילעכדיקט ביז צום הימל; תאַ ואחווי לך, היכי דנשקי אַרעאַ ורקיעאַ אהדדי; וויאַזוי הימל און ערד קושן זיך, גייען זיך צונויף, באַהעפטן זיך — אין דער אוממעגלעכסט־און־דאָך־מעגלעכסטער אילוזיע פון גאָט...

כי רוח החיה באופנים. די אוממעגלעכסטע גאָט־אילוזיע צאַפּלט אין דער תפיסה־פאַרבלענדזעניש פון דער ראָד... ווייל, אויסערהאַלב ד ע ר תפיסה, — ווען דו טוסט נאָר דערוואַכן אין דער צווייטער, אין דער אַנדערער תפיסה — פון דער רעאַליטעט, — אַזוי גיסטו זיך באַלד, אַ, רעכענונג דערין: וויאַזוי הימל און ערד בלייבן אַזוי גלייכגילטיק־מאַוימדיק שוידערלעך ווייט־טויט־פיינטלעך פונאַנאַנדער, ווי געווען...

אַזוי לאַנג, ביז זיי בלייבן מיד דערשעפּט אויסגעליידיקט אויסגעלעבט אויסגעברענט פון דעם טויטלעכן האַס; זיי הערן אויף צו שפּירן — זיך־גופאַ...; און עס נעמט ווידער אויפגיין, אָנקוועלן אין זיי די בענקשאַפט, די ליבע, דער דראַנג צום לעבן, צו דער אילוזיע, צום צווייטן קעגנגעזעצטן עקסטרעם פון זיך: כדי אפשר שאַרפער און רייצנדער צו דערשפּירן באַניים — זיך אַליין... און זיי נעמען זיך ווידער פאַרקייַלעכן, אויסבויגן, זוכן איינס דאָס אַנדערע; שוין אין האַס־ליבע־באַהעפטונג, אין געטלעכן צאַפּל פון צוגעשאַרפטן גליק...

כי רוח החיה באופנים...

אזוי, ביז א צייט. און באנייס — צום אלטן. כי גלגל החוזר בעולם הוא. דער אייביקער אומרואיקער אומגעלויף אין דער בלינדער פאטאלער תפיסה פונעם זיין...

ז) צי איז קולטור — א קאמפראמעטירונג, א פארפליכטיקונג, א נעמען אף זיך א התחייבות?

געווים. נאר — א התחייבות מיט זיך־גופא. יעדע נייע קולטור־רע־וואלאציע איז — א נאכקומען דעם דראנג פון דער קולטור: זיך צו מת־חייב־זיין מיט זיך־גופא, צוערשט און פאר אלעמען; און דאן, נאכהער — אויך א התחייבות מיט די איריקע; מיט קולטור־איינסן.

דאקעגן, א התחייבות — מיט דער אלגעמיינער מאסע, מיט דער אזוי־גערופענער דעמאקראטיע, — דאס איז — א פראפאנאציע פון דער קולטור; איר לעסטערונג, פארשוועכונג, נעגירונג; איר דערמארדונג, איר טויט. ווייל מ א ס ע פארהאלט דעם וואוקס פון קולטור, דעם גאנג פארויס, דעם פארשרים, דעם מארש פון דער אייגנטימלעכער קולטור־אוואנטורע. ווייל מאסע פארפלאכט די קולטור; דערווערגט איר אטעם, איר גייסט, איר נשמה; קאסטרירט איר לעבן, און רעדוצירט זי — צו אויסשליסלעכער, איבערפלעכלעכער, עס מיינט, טויטער אוטיליטאריש־קייט. ווייל מ א ס ע זעט נאר דעם פ ר יי ז פון די ווערטן, און נישט — ז יי ע ר וו ע ר ט. (א. איילד.)

צי איז קולטור — א קאמפראמעטירונג, א ערן־פארשפרעכן צו עפעס, אדער — צו עמיצן? — געווים. נאר — צו זיך גופא...... יעדע קולטור־מאניפעסטאציע איז — א רייזע־אוואנטורע פון דער קולטור־אין־זיך; א דיסטאנץ־רייזע, א דערווייטערונג פון דער אייגענער פארבלענדנדער סוב־יעקטיווקייט, — כדי צו קענען דערזעען ז י ך ־ ג ו פ א — כאטש אף אזויפיל א ב י ע ק ט י וו ... אזוי זוכט גאט־אין־זיך: ז י ך צו דערזעען — אין וועלט און מענטש. אזוי זוכט מענטש־אין־זיך: ז י ך צו דערזעען — אין גאט... ...דאס איז דער זין פון גאטס רייזע־אוואנ־טורע — צו וועלט און מענטש. דאס איז דער זין פון מענטשנס רייזע־אוואנטורע — צו גאט... דאס זענען אלץ — רייזעס, צוליב אייגענער אב־יעקטיווויטעט; כדי צו דערזעען ז י ך ־ ג ו פ א — אין דיסטאנץ; און נישט — עפעס נייס, וואס איז אומאפהענגיק פון זיך... ווייל, אזוינס איז נישט בנמצא; און עס גייט, במילא, קיינעם (נישט מענטש, נישט גאט) נישט אן...

ווייל „הוא המדע, הוא היודע, הוא הידוע" וויל זאגן: ער איז — דער אומענדלעכער סוביעקטיווער סכום וויסן־אין־זיך, אף אלע אייבי־קייטן; ער איז — דער אביעקטיווער ווייסער אין־זיך, (אדאנק זיינע ריי־זע־אוואנטורעס, אין מאוימדיקער דיסטאנץ פון זיך, אין וועלטן־באשאף

און צעשטער,) פון אַט דעם אומענדלעכן סוביעקטיוון וויסן־זײַנעם אין־זיך; און ער איז — יעדער דערגרייכטער עטאַפּ וויסן־אין־זיך, נאָך יעדן פּעריאָד פון וועלטן־באַנייונג; דאָס הייסט, נאָך יעדער נייער רייזע־אוואַנטורע פון סוביעקטיוון גאָט־אין־זיך — צו אָביעקטיווע פאַר אים וועלט־און־מענטש־אין־זיך...

ח) עס קען נישט געמאָלט זײַן ד ע ר ק י ו ם פון פרייהייט — אָן דעם קיום פון טיראַניע. פּונקט ווי עס קען נישט געמאָלט זײַן ד י פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג פון פרייהייט — אָן דער פאָרשטעלונג פון טיראַניע. זאָל אַף תמיד פאַרשווינדן פון דער וועלט דער קיום און די פאָרשטעלונג פון טיראַניע, און אַף איר אָרט זאָל ווערן אײַנגעשטעלט די אבסאָלוטע פרייהייט, — וועט זי, די פרייהייט, לאַנגזאַם, בהדרגהדיק, נעמען אָפּשטאַרבן פון זיך אַליין — אָן דעם, אַז עמיצער זאָל דאַרפן קומען און זי באַקעמפן... ווײַל אַלץ אין דער עקזיסטענץ איז — ק אַ מ ף פאַר עקזיסטענץ, קאַמף פאַר דערהאַלטונג; קאַמף מיטן אייביקן קעגנעריש עלעמענט, וואָס נאָר אַ ף ז יי ן פ אָ ן איז פאַראַן די מעגלעכקייט זיגעריש זיך אַליין אַרויסצוהויבן און מאַכן אָנזעען... עס איז פּונקט דאָס זעלבע, אַלציינס, ווי דער אייביקער פּאַטאַלער קאַמף צווישן ווייס און שוואַרץ, אין אייביקער קעגנזײַטיקער באַגלייטונג: ווײַל ווייס, צי שוואַרץ — אָן דער פאָרשטעלונג (לאָז זײַן — אין ווײַטסטן דמיון) פון דעם צד שכנגד, — וואָלטן קיינמאָל, באין־אופן, נישט געקענט דערשײַנען — אַזוי, ווי זיי טוען זיך פּרעזענטירן... עס דרינגט דערפון: אַז פרייהייט און טיראַניע, (פּונקט ווי ווייס און שוואַרץ, א. אַ. וו., א. אַ. וו.) זענען, אין דער אמתן — טיילן פון איינעם און דעם זעלבן עצם, וועלכע טוען זיך אייביק דערגאַנצן — דורך און אַדאַנק זייערע שטענדיקע קעגנגעזעצטע מאַניפעסטירונגען.

און גענוי דאָס זעלבע גייט אָן — מיט דעם אַזוי־גערופענעם ק י ו ם פ ו ן ג אָ ט. אויב גאָט שטעלט פאָר מיט זיך — די העכסטע פאַרווירקלעכונג, צי פאַרקערפּערונג פון אַלע נאָבעלע טוגנטן: פון פרייהייט, ליכט, ווייס, מאָראַל, אמת, זין, גלויבן, א. אַ. וו., א. אַ. וו., — דאַן מוז מען צוגעבן: אַז עס קען נישט געמאָלט זײַן — נישט דער קיום, נישט די פאָרשטעלונג אפילו פון אָט די אַלע טוגנטן — פרייהייט, ליכט, ווייס, מאָראַל, אמת, זין, גלויבן, ערנסט, א. אַ. וו., אין דעם זײַן פון גאָט, — אָן צו פאָרשטעלן זיך דעם קיום (אין דעם זעלבן זײַן פון גאָט) — פון טיראַניע, פינצטער, שוואַרץ, אוממאָראַל, שקר, אומזין, כפירה, און שלאַנגיש־לצישער פּאַיאַצישער חוזק און אָפּשפּעט פון אַלדאָס נאָבעלע אין דעם זײַן...

ווײַל, אַלץ (ווי געזאָגט,) אין דער עקזיסטענץ איז — ק אַ מ ף

פאַר עקזיסטענץ, קאַמף פאַר דערהאַלטונג; פאַטאַלער קאַמף מיטן אייביקן קעגנערישן עלעמענט, וואָס נאָר *אַף זיין פאַן* איז פאַראַן די מעגלעכקייט זיגעריש זיך־אַליין אַרויסצוהייבן און מאַכן אָנזעען... (זע דאָס אַלץ גענויער — אויבן.) עס דרינגט, אַלזאָ, דערפון: אַז פרייהייט און טיראַניע, ליכט און פינצטער, ווייס און שוואַרץ, מאָראַל און אוממאָראַל, אמת און שקר, זין און אומזין, גלויבן און כפירה, ערנסט און טייוולש־פאַיאַצישער אָפּשפּעט פון אַלע איידעלסטע טוגנטן, א. אַ. וו., א. אַ. וו. זענען, אין דער אמתן — טיילן (אין דעם זיין און ווערן פון גאָט) פון איינעם און דעם זעלבן עצם, וועלכע טוען זיך אייביק דערגאַנצן — נאָר דורך און אַדאַנק זייערע אומויפהערלעכע קעגנגעזעצטע מאַניפעסטירונגען.

אָט דאָס אַלץ וואַרפט, דאַרום, אַ נייע פינצטערע שיין אַף זאַכן און געשעענישן. עס ווערט, נעמלעך, פון דעם אַלעם געזאָגטן, אַזוי פאַטאַל־קלאָר: אַז יעדע טאַט, יעטוועדע ליכט־צי־שאָטן־געשעעניש, יעטוועדער געראַנגל, אין דעם אָרדן פון זיין, פון קיום, פון אַלדאָס טון עקזיסטירן, איז: אַן אייביקער אומפאַרמיידלעכער פאַטאַלער זיין אין קאַמף — אין גאָט; אויסערהאַלב וועמען — גאָרנישט נישט איז פאַראַן: נישט גאָט אַליין זאָגאַר. און דאַרום: ווען ער, דער גאָט פון זיין, וויל זיך אַליין באַטראַכטן — רעכט און ערנסט, — אַזוי בלייבט אים נישט, פאַטאַל, קיין אַנדער אויסוועג: ווי אַריינקוקן און זיך טון אָנשפיגלען פנים אל פנים — מיט זיין אייגן טייוולש־לציש געשטאַלט פון אייביקן פרוויִ־שלאַנגישן פאַיאַץ (בצלם אלוהים וכ"ו זכר ונקבה;) וועלכער (דער פאַיאַץ) טוט פון אים שפעטן אומדערבאַרעמדיק; און, דאַדורך, אים רעגן, גאָט, אים מאַכן אויפשטורעמען, ביז צו זיינע טיפסטע אומענדלעכסטע אָפּגרונטן — ווידער, צו אַ צעפלאַקערטן קאַמף מיטן טייוול — אָ, פאַר אַ נייעם געטלעך־איבעראַשנדן אויפשוואונג אין דעם זיין...

ט) לייענענדיק וועגן דעם פאַראַט פון פּראָוואָקאַטאָר אַזעוו, וועגן זיין טאָפּעלער שפּיל, — בלייבט מען שוידערלעך־אָפּהענטיק; און עס קומט אויף די פראַגע באַניים:

— וואָס איז — מענטש? וואָס איז — טאַט? וואָס איז — פאַראַט?!. וואָס איז — זיין, בכלל?!

שוין־זשע איז נישט אַלץ פון לעבן — אַ אָפּשפיגלונג, אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג — פאַר דעם איינציקן נאַקעטן טעאַטער־קיום און זיין אין זיך, אין עקסהיביציע־געראַנגל, אין גאָטס געמיט, צווישן זכר ונקבה, (בצלמו וכ"ו זכר ונקבה...): צווישן נאָבעלער ערנהאַפטער געטלעכער אָרנטלעכקייט אין קאַמף — און פרויאיש־שלאַנגישן געטלעכן ליבע־האַס־ווידוי־עקסהיביציע־פאַראַט... אָט די אייביקע טאָפּעלע שפיל, אין גאָטס

קאָנסטיטוציאָנעלן זיין און ווערן — פון אייביקן קעגנזייטיקן ליבע־האַס־ווידוי־עקסהיביציע־פאַראַט צווישן זיך גופא...

נאָכאמאָל: דער אייביקער גראַנגל אין גאָטס (במילא, אַלס אָפּשפּיגלונג, אין מענטשס) געמיט: צווישן נאָבעלער ערנהאַפטער אָרנטלעכקייט־אין־קאַמף: ((אַט דער געטלעכער (במילא, מענטשלעכער) אינטעלעקטועלער דראַנג — צו ה ע ט ע ר אָ ג ע נ י ז י ר ן זיך־גופא: אויפנעמען, ווי נאַרונג, דעם אייגענעם אומענדלעכן איך־זיין־עלעמענט און אים אויפבינדן־דיפערענצירן; צו צעשטערן זיך־גופא; צו אויפרייסן זיך גופא, ביז צו דער טיפסטער טיף — כדי צו דערזעען, דערגיין, דערפאַרשן, דערקענען זיך־גופא; זיך דערווייסן ניים פון זיך־גופא, (באַם מענטשן — די סאָציאַלע וויסנשאַפט,) העט ביז צו דער טיפסטער טיף...)), — און דעם פרויאיש־שלאַנגישן נידערטרעכטיקן שענדלעך־געמיינעם ליבע־האַס־ווידוי,עקסהיביציע־פאַראַט: ((אַט דער געטלעכער (במילא, אַלס אָפּשפּיגלונג, מענטשלעכער) בלינד־אינסטינקטיווער דראַנג — צו ה אָ מ אָ ג ע נ י ז י ר ן זיך גופא, דאָס הייסט: א ו י ך צו צעשטערן, אויפרייסן זיך־גופא, ביז צו דער טיפסטער טיף; נאָר, ערשט, אויסדריקלעך — כדי נ י ש ט־צו־דערזעען, נ י ש ט־צו־דערגיין, נ י ש ט־צו־דערפאַרשן, נ י ש ט־צו־דערקענען זיך־גופא; און נ י ש ט־זיך צו דערווייסן קיינע ניים פון זיך־גופא; (און באַם מענטש — אויפרייסן די סאָציאַלע וויסנשאַפט און אַלץ, וואָס זי איז אין און אַרום זיך כולל...); נייערט: אויפנעמען, וו י נ אַ ר ו נ ג , דעם אייגענעם אומענדלעכן איך־זיין־עלעמענט; און, אין די אייגענע פינצטערע איצטומכאָ־אָפּגרונטן (אַזויווי עס טוט עס איטלעכע ביאָלאָגיש־פיזיאָלאָגישע איצטומכאָ — מיט די פאַרשיידנסטע געריכטן פון אַ מאָלצייט...,) אים א ו י פ ג י ס ן אין איין הייליקער דריי־אייניקייט1) פון געטלעכן (במילא, מענטשלעכן) אָפּפאַל, אומזין; אין איין הייליקער דריי־אייניקייט פון

---

1) עס דאַרף דאָ געצויגן ווערן די אויפמערקזאַמקייט: אַף דעם אַלטן קאַסטעליאַנישן פאָלקס־אויסדרוק — „פאַן דע־דיאָס", דאָס ברויט פון גאָט...; אַף דעם אור־אַלטן ביבליש־העברעאישן אויסדרוק „לחם הפנים" — דאָס ברויט פון פאַן, פון גאָט...; און אַף דער ק. מיסטעריע — פון דער האָסטיאַ — וואו מע עסט דאָס ברויט, און מע עסט דאָס ליב פון גאָט...; און דערזעען אין די אַלע פאַלן: די געטלעכע אייניקייט — אין דעם קאָכיקן אויפמיש פון דעם אָפּפאַל... אָדער, ריכטיקער — די הייליקע ד ר יי ־ אייניקייט: ווייל עס פאַלט צונויף מיט יענעם אַנעקדאָט וועגן איינעם, וואָס איז זיך געקומען טויפן; אָבער ער האָט, באַין אופן, נישט געקענט תופס־זיין דאָס, וואָס זיין נשמה־רעטער האָט אים

געטלעכער (במילא,מענטשלעכער) קאַביקער נירוואַנע, פון פלאַמיקן אָפּ־פאַל; אַ, פון צינישער, בעסטיאַלישער געטלעך־(־מענטשלעכער) אימפּאָ־טענטער ווערעמדיקער פּאיאַצעריי; וואָס בלייבט שטעקן לויערן פּאַטאַל, אַ, אין יעדן נאָבעלן פאַרמעסט אין דעם אייביקן זיין; און זוכט צו גראַ־וויטירן (אויפלייזן־אויפגיסן) אַלץ — צום גאַרנישט...))

מע טאָר אָבער נישט פאַרגעסן: ע ר ש ט נ ס : אַז יעדער עטאַפּ אין גאָטס אויפנעמען, ווי נאַרונג, דעם אייגענעם אומענדלעכן איך־זיין־עלעמענט, און אים אויפבינדן־דיפערענצירן — אין זיין אינטעלעקטועלן דראַנג צו העטעראָגעניזירן זיך־גופא, — פירט, אומפאַרמיידלעך־פאַטאַל, צו דעם א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ן פ אַ ר ד י י ו נ ג ס ־ פּ ר אָ־צ ע ס : וועלכער וואַרפט אָפּ פון דעם אומענדלעכן איך־זיין־עלע־מענט — דאָס געוועזן־פריער־פאַרהוילן־קאָנסטיטוציאָנעלע און איצט — דאָס אויפגעדעקטע און אַרויסגעבראַכטע צו דער אויבערפלאַך (דאָס פאַרוואַנדלטע אין) פּ ס ו ל ת , דעם אָפּפאַל; און שליידערט אים אַראָפּ — אין די אייגענע געטלעכע פינצטערע בלינד־אינסטינקטיווע איצטומכאָ־אָפּגרונטן; און דורכדעם, (לאָז זיין — אומפאַרמיידלעך,) טוט ער פאַרשטאַרקן — דאָרט, אָפּן דעק — דעם דראַנג דעם אומענדלעכן, פון דעם אייגענעם, אַ, אומבאַהערשלעכן געטלעך־שלאַנגישן פּאַיאַץ — צו ליבע־האָס־ווידוי־עקסהיביציע־פּאַראַט...

א ו ן צ ו ו י י ט נ ס : אַז יעדע אַלט־געוואָרענע אַנטפּלעקונג — אין דער ג ע ט ל ע ך ־ א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע ר טייל פון זיין געמיט, — ווערט — אין גאַנג פון זיין, גאָטס, אַנטוויקלונג, וואוקס, פּראָצעסירונג — אָפּגעלעבט, דעגענערירט, צעפוילט; זי פאַרוואַנדלט זיך, במילא — אין אַ שטער אַ עיקרדיקן פאַר גאָטס נייעם אינטעלעקטועלן אויפבליציקן אויפשוואונג אוים זיך גופא; און זי מוז, דאַרום — די, נעכטן ערשט, געוועזן א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע ראשיקע נייס־

געפּרוּוווט דערקלערן — מכוח דער מיסטעריע פון דער הייליקער דריי־אייניקייט... האָט דאָס אַלץ באַ דער זייט גראָד צוגעהערט אַן אַלטער רענעגאַט; מאַכט ער צו אים:

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרשטיין? נעם אַראָפּ אַ משל פון אַ סעודה: מע עסט, אין פלוג, גאַנץ־באַזונדערע און די פאַרשיידנאַרטיקס־טע געריכטן — פלייש, זופּ, פּרוכטן; און דאָך, איז דאָס נישט קיין מניעה פאַרדערפאַר: אַז, צולעצט, זאָל זיך אַלעס צונויפקומען און צוזאַמענגיסן, אַ, אין איין אידעאַלער קאַביקער אייניקייט פון אָפּפאַל... אַלזאָ, מיין ליבער! דו באַגרייפסט נאָך אַלץ נישט, אַ, דעם העכסטן לויטערסטן אמת: אַז זי, די הייליקע דריי־אייניקייט איז... ?!.

אנטפלעקונג אין גאַנץ זיין, — היינט ווערן אַרויסגעשליידערט — שוין ווי אַפּפּאַל, ווי מיסט — אין די אייגענע געטלעך־פינצטערע בלינד־אינסטינקטיווע איצטומכאַ־תהומות; און דורכדעם, (אויך, לאָז זיין — אומפאַרמיידלעך,) פאַרשטאַרקן — דאָרט, אַפן דעק — דעם דראַנג דעם נידערטרעכטיק־אומענדלעכן, (אינערהאַלב גאַנץ געמיט,) פון דעם איי־גענעם, אַ, אומבאַהערשלעכן געטלעך־שלאַנגישן פּאַיאַץ — צו ליבע־האַס־ווידוי־עקסהיביציע־פּאַראַט...

...וואָס בלויז אַן אידעאַלע אָפּשפּיגלונג דערפון, אַ טעאַטער־פאַר־שטעלונג, (אַ, רבותי! לאָמיר עס נישט פאַרגעסן, אַף איין רגע אפילו,) איז — דאָס לעבן, דער מענטש, די וועלט; מיט איין וואָרט — די גע־שיכטע, די אומאָרגאַנישע און די אָרגאַנישע, אין אַלע אירע פּאָזן־טראַנספאָרמירונגען, עפּאָכע־דעקאָרירונגען: פאַר דעם שפּיל־אויפטריט, אַף דער טעאַטער־אַרענע — פון אַלערליי היסטאָרישע טראַגיקער, דראַמאַטי־קער; וועלכע שטורעמען און בושעווען אַזוי לאַנג — אין זייער נאָבעלער טוגנטפולער אָרנטלעכער שפּיל, — ביזוואַנען, אַ, זיי נעמען זיך איבער־ברעגען, איינברעכן; און דאַן, אַ, נעמט אַף איטלעכנס איבערפלאַך אַרויסטרעטן, פרעך־נידערטרעכטיק־געמיין, אויס דעם סאַמע־טיפסטן אינערן — אַ, דער אַלגעמיינער (און, צו גלייכער צייט, יעדן־איינעמס־אייגענער) שענדלעך־פאַרעטערישער פּאַיאַץ...1)

יאָ, איז, דארום, ווען מע לייענט וועגן פּאַראַט און טאָפּעלער שפּיל (אַזעוו, יהודה איש קריות, און נאָך אַזעלכע קאָנסטיטוציאָנעל־אָרגאַנישע אַקטיאָרן־פיגורן אין דעם זיין: וועלכע טרעטן אויף אַף דער וועלט־אַרענע

---

1) אין דעם אַלעמען, דאַרף נאָך אונטערגעשטראָכן ווערן — דער פאַל מיט דעם „געוויסן”, וואָס האָט זיך דערוועקט בא געוויסע רוסישע דינער פון דער רעאַקציע, (לאָפּוכין, באַקאַי, א. אַ.; זע די שריפטן פון סאַווינקאָוו, אַרגונאָוו, בורצעוו, וועגן דער דעמאַסקירונג פון אַזעוו;) און זיי נישט געלאָזן איינרוען אַזוי לאַנג, — ביז וואַנען זיי זענען נישט גע־קומען און זיך געשטעלט שיר — אין דינסט פון דער רעוואָלוציע...

ליידער, ווערט די מיסטעריע „געוויסן” זייער שווידערלעך־העל אויפ־געשלייערט, — ווען מע נעמט אין באַטראַכט דעם היסטאָרישן פאַקט: וואָס דער רוסיש־אייראָפּייאישער אינטעלעקטועלער גייסט האָט זיך באַ־העפט און צוזאַמענגעגאָסן, אַף אַזויפיל, מיט דעם עמאָציאָנעלן אימפּול־סיוון נשמה־שטראָם פון אַזיע, — ביזוואַנען דער לעצטער האָט, צייטנ־וויי, באַוויזן צו באַהערשן דעם עכט־רוסישן גייסט — פולשטענדיק; און אים טרייבן, אומפאַרמיידלעך — צו אונטערגאַנג און זעלבסט־אויפלייז אין כאַאָס... (דער אַזויגערופענער דערוואַכטער „געוויסן...”)

אזוי דרייסט און זיכער מיט זיך: אז זיי זענען אזוי נאטירלעך־עלעמענטאל אין דעם מענטש־שפיל, — אקוראט ווי עס איז דאָס — דער מענטשן־זיין גופא...), — קומט ווידער אויף, אין איר פולן שווידערהאפטסטן גרויל, די פראגע:

— וואָס איז — מענטש? וואָס איז טאט? וואָס איז — פאראט?! אָ, וואָס איז — זיין, בכלל?!.

*) דאָס אידענטיפיצירן גאָט מיט דער נאטור, (והנה אלוהים בגימטריא — הטבע; דער פאנטעאיזם;) איז נישט בלויז — די נעגאציע פון דער יצירה און דאָס פראקלאמירן דעם קדמוניותדיקן קיום פון דער מאטעריע, (באגלייך מיט גאָט;) נייערט, די אבסאָלוטע נעגאציע פון (א אומאָפהענגיקן) גאָט גופא; ערשטנס, ווייל ווייבאלד די מאטעריע איז אזוי קדמוניותדיק, ווי גאָט, — איז קיינער נישט מחויב צו אָננעמען — אז ז י איז אָפהענגיק פון ז יי ן קדמוניותדיקייט; און נישט — פאַרקערט..; אָדער, אז זיי זענען אָפהענגיק־קעגנזייטיק: ווייל זיי טוען זיך, קדמוניותדיק, רעפלעקטירן ־ איינציייטיק...; און צווייטנס: ווייל א גאָט, וואָס איז, פון אייביק ביז אייביק, אידענטיפיצירט מיט א מאטעריע, וועלכע איז אזוי אייביק־קדמוניותדיק־אָן־סופיק, ווי ער אליין, — אזא גאָט איז, אין פלוג, אומפאסנד, (דימענזיאָניש; במילא ענדלעך;) ווי די מאטעריע; דאָס הייסט — דריי־דימענזיאָניש־סטאטיש־אין רוים; און דינאמיש־דימענזיאָניש, אין צייט...

אָבער, אָט די דאָזיקע (לעצטע) געפערלעכע שוועריקייט פאר גאָט, ((דאָס קענען אים אומפאסן, משיג זיין, ווי די מאטעריע, אין די פיר דימענזיאָנען; דאָס הייסט, במילא — אין איר (זיין) ענדלעכקייט...;)) לאָזט זיך נאָך בייקומען דורך דער דערקלערונג: אז איין זאך איז — די מאטעריע, אין אירע מאניפעסטירונגען; און גאָר עפּעס אנדערש איז — די מאטעריע־אין־זיך... ווייל בעת די מאטעריע אין אירע מאניפעסטירונגען, פאר דער ענדלעכער השגה פון אונזערע מאטעריעלע לאָגיק און חושים, איז ענדלעך, — איז זי אָבער — אומענדלעך, אין איר זיין אין זיך, אָט אזוי ווי זי איז, אויסערהאלב, און ערב, און העבער, און איידער — דער שטופע פון דער ענדלעכער באשרענקטער ערדישער, דאָס הייסט, אין דער יערארכיע פון ווערן, שפעטער־אויפגעקומענער, השגה פון שכל און חושים... און כאָטש דער שכל מיט די חושים באנעמען און אָנערקענען אויסגעצייכנט דעם אומענדלעכן אופן קיום פון דער מאטעריע אין זיך, — גרייכט נאָר אף אזוי ווייט זייער השגה — דאָס צו אָנערקענען בלויז; אָבער באין אופן נישט (לכל הפחות, ביז איצט) — דאָס צו קענען משיג־זיין: ווי אזוי עס קומט פאר אָט דער אומענדלעכער קיום־אין־זיך פון דער מאטעריע... ו ו אָ ס דער שכל און די חושים, ווי געזאָגט,

טוען יאָ אויפפּאַסן, — דאָס איז — די מאַטעריע, אין אירע (ענדלעכע) מאַניפעסטירונגען; דאָס הייסט: אין אירע דימענזיאָנען פון רוים, (סטאַטישע דריי דימענזיאָנען,) און פון צייט, (דינאַמישע דימענזיאָן.) דאָס וויל זאָגן, מיט אַנדערע ווערטער: אַז רוים און צייט עקזיסטירן נישט, אינערגעץ, אָן און פאַר זיך, אומאָפּהענגיק פון דער מאַטעריע. און ווען מע דריקט זיך אויס: אַז די מאַטעריע, (דער אוניווערז,) עקזיסטירט אין רוים און צייט, — מיינט עס צו זאָגן — אין די באַדינגונגען פון רוים און צייט; עס הייסט: אַז רוים און צייט זענען — איר אופן זיין, אירע תנאים, אירע געזעצן פון ווערן. און בעת צייט איז — איר דינאַמישער אופן זיין, — איז רוים — איר סטאַטישער אופן זיין... במילא, ווערט קלאָר: אַז בעת אין זייערע מאַניפעסטירונגען אין דער מאַטעריע, (פאַר אונזערע ערדישע שכל און חושים,) זענען צייט און רוים, פּונקט ווי די מאַניפעסטירטע מאַטעריע אַליין — דימענזיאָניש, דאָס הייסט, ענדלעך, — זענען אָבער די זעלבע צייט און רוים, אין דעם קיום פון דער מאַטעריע אין זיך, אויסערהאַלב דער מאַניפעסטיר־השגה פון אונזערע שכל און חושים — פּונקט ווי די קדמוניותדיקע אור־מאַטעריע אַליין — אומענדלעך. און די השגה פון אונזער שכל גרייכט נאָר אַף אַזוי ווייט — דאָס צו אָנערקענען; אָבער ער בלייבט אומבאַהאָלפן, נידעריק, אימפּאָטענט — דאָס צו באַנעמען — וויאַזוי...

יאָ, איז, במילא, ווערט דערפון קלאָר: אַז אויך דער אידענטיפיצירטער גאָט מיט דער קדמוניותדיקער מאַטעריע איז: נ י ש ט — אומפאַסנד, — נייערט — אומענדלעך, אין זיין העכערן זיין אין זיך...

זיין פאַטאַלע טראַגעדיע און זיין געפערלעכע אומבאַהאָלפנקייט באַשטייט אָבער — אין דער ע ר ש ט ע ר שווערקייט; אין דעם: וואָס ער איז, אַף אַלע אייביקייטן, געבונדן צו דער מאַטעריע, ווי אין אַ תפיסה אַלציינס; און ער קען, באין אופן, פון איר נישט פּטור ווערן; פון איר זיך באַפרייען; געמאָלט זיין אין זיין קיום — אומאָפּהענגיק פון איר.. (פּונקט ווי זי קאָן נישט געמאָלט זיין — אָן אים: ווייל נאָר אין ליכט פון גייסט, קאָן געזעצן ווערן — מאַטעריע; ווייל נאָר אין אָנבליק פון מאַטעריע, קאָן געזעצן ווערן — גייסט...) ער איז, דאַרום, אין בעסטן פאַל — איר אופן זיין; איר העכסט געזעץ; אַ תנאי, אַ באַדינג אַזאַ אין איר; אָבער אַלץ — אינערהאַלב איר. דאַקעגן, אַוועקנעמענדיק, אַף איין רגע, אין דמיון בלויז, דעם קיום פון דער מאַטעריע, — אַזוי פאַרשווינדט גלייך פון דעם ווייטסטן דמיון אפילו — דער קיום פון גאָט; וועלכער נעמט באַלד פאַרקומען — ווי דער אַבסאָלוטסטער אומזין!..

אַזוי בלייבט די מאַטעריע, ווי געזאָגט, די אייביקע פאַטאַלע תפיסה פון גאָט; וועלכע רויבט פון אים זיין פרייהייט, זיין רו; און מאַכט אים

זיך־שפּירן — טיף־אומגליקלעך, פאַרצווייפלט, טראַגיש... אין זיין פאַ־טאַלן בלינדן, און אַלץ־פאַרבלענדנדן אומרו, — זוכט ער טיטאַניש, נאָכ־אַנאַנד־אָן־אויפהער — זי צו צעשטערן, זי צו דערשיטערן, די תפיסה; אירע ווענט, אירע יסודות צעטרייסלען; אָ, זי צו צעשמעטערן ביז לעצט, די תפיסה, (די מאַטעריע,) און אַרויס אַליין, מיט דער געטלעכער ברוסט, אויף דער פריי... אָבער, דער וועג דערצו, טרייבט אים פאַטאַל — אָ, גאָט — דעם אַלמעכטיקן, דעם אומבאַהאַלפענעם — צו דער ברוטאַלסטער, צו דער שווידערלעכסטער און טראַגיש־פאַרצווייפלטסטער, גרויזאַמסטער אויסראַטונג — פון זיך גופא...

יא) די געטלעכע דראַמע פון יצירה, וואָס עס לעבט דורך יעדער שע־פערישער מענטש; דער קינסטלער, און דער פשוטער.

ויברא אלוהים את האדם בצלמו וכ״ו זכר ונקבה.

אין קענגזאַץ, אין פלוג, צום געוויינלעכן מענטש, אין וועמען נקבה איז געוואָרן אויסגעטיילט פון זכר, און זיין גלוסטונג צו איר איז די שטרעבונג צו ווערן באַניים בשר אחד, כדי דורך דער ווידער־געוואָרענער־גאַנצקייט — געווינען צוריק דאָס פאַרלאָרענע גליק, — איז אין גאָט (און אַזוי אויך — אין דעם קינסטלער, און ווי מיר וועלן עס ווייטער זעען אויספירלעך,) די גליקלעכע גאַנצקייט, אין פלוג, פאַרבליבן אומבאַ־רירט; און די שטרעבונג אין גאָט פון זכר צו נקבה, אָט די געטלעכע בענקשאַפט פון ע ר צ ו ז י איז אַ גליקלעך־אינערלעכע איינ־זאַמע הערמעטיש־איינגעשלאָסענע גאַנצע איבערלעבונג; אַזוי צו זאָגן, אַ רעגונגס־געוועט אין זיך... און דאָך, איז דער ע ר ־ דראַנג אין גאָטס געמיט צו דער ז י אַזוי מעכטיק־אומגעהויער, — אַז ער, דער געט־לעכער ער־עלעמענט, נעמט זיך דערשפּירן, אין זיין טיפסטער איניגס־טער אינטימיטעט, ווי אַ געפאַנגענער אין אַ תפיסה, וואָס רייסט זיך, מיט אַלע אוממעגלעכסטע צאַפּלען, צו באַפרייונג; אָ, ווי צו דערגרייכן באַניים אַזויווי די פאַרלאָרענע גאַנצקייט, דאָס גליק... דער תענוג און די פיין פון גאָט, פאַרנעמענדיק די דאָזיקע צאַפּלעניש, איז אומגעהויער; און ער, גאָט, וואָלט אַ בעלן געווען, אַז אָט דער שלאָגנדער ער־דראַנג צו דער ז י אין זיין געמיט זאָל אָנהאַלטן אומענדלעך, און גאָר קיינ־מאָל נישט אויפהערן אים צו פאַרשאַפן אָט די זעלטזאַמע רעגנדע פרייד... נאָר, ליידער, געשעט עס נישט אַזוי. צו־מעכטיק איז דער געטלעכער ע ר ־ דראַנג צו דער אומענדלעכער ז י ־ אידייע אין גאָט; אויף אַזוי ווייט מעכטיק, — אַז ער, דער געטלעכער ער־צאַפּל, דערשפּירט זיך, מיטיינמאָל, צו־שוואַך, אויף צו קענען איינהאַלטן אין זיך אָט דאָס אומ־ענדלעכע אויסשטראַלנדע גליק, די גאַנצקייט, וואָס ער באַקומט צו־שטראָמען פון דער זי־אידייע אין גאָט, וועלכע טוט זיך אים שטרעקן

אנטקעגן, מיט אלע אירע ספּאַזמאַטיש־אויפגעלעכצטע טראַכט־פיבערן פון זיין... און נישט־קענענדיק אויפנעמען און איינהאַלטן אין זיך אַזוי־פיל ניי רייצנד שאַרף אומבאַקאַנט אומענדלעך גליק פון דער זי־אידייע, וועלכע טוט אים אַליין, דעם ער־עלעמענט, אַזוי אומגעהויער באַנייען. אין אומויסדריקלעכער פּיין, — אַזוי טוט ער, דער געטלעכער ער־עלעמענט, אָפּגעבן פון זיך דעם אייגענעם ים־גליק; אַזוי טוט ער צוזאַמענברעכן, (די אַזוי־גערופענע קבלישע שבירת־הכלים,) טוט ער אויספּלייצן אין אַ מבול; אין פלוג — פון דערלייכטערונג, פון באַפרייונג; נאָר, באמת — אין אַ תנאי פון געטלעכער ירידה, דעקאַדענץ, אויספלוס מחוץ פון די אייגענע גבולאַזע גבולים, צי תנאים פון זיין; אַזוי טוט ער אויספּלייצן אין אַ מבול, וואָס גייט ווערן יצירה; וואָס צעשטערט די געטלעכע גאַנצקייט אין זיך, דאָס געטלעך־הערמעטיש־אין־זיך־איינגעשלאָסענע גליק פון דער פרייהייט; און אָנשטאָט דער ערשטער פיינפולער שפּירונג אין גאָטס גע־מיט — פון דערלייכטערונג, פון באַפרייונג, — קומט איצט אויף אין זיין געמיט — די שפּירונג פון ז יי ן געפאַנגען און מיט אלע פי־בערן געבונדן צו אַן אומגעוואָלטער אומגעריכט־אויפגעקומענער יצירה; וועלכע איז די דעגראַדירונג פון גאָט; וועלכע איז — נישט זיין כוונה... ווייל זיין כוונה איז: דער געגנוס־ נ אָ ר פון דער אייביקער שטרעבונג־אין־זיך פון ע ר צו ז י, און פאַרקערט; נאָר קיינמאָל נישט — דער מבול־אויספלוס, די באַהעפטונג, דער יחוד זו״נ, מיט איין וואָרט — די יצירה... ווייל זי, די יצירה, איז — אַן ארויסגעריסענע טייל אויס זיינע איינגעווייידן און אַ אומאָפּהענגיק־פון־אים־געוואָרענע אַנטפּלעקונג; אַן אידעאַלע געשטאַלטיקונג פון אים אליין, וואָס טוט איצט אָפּשפּיגלען אלע ריכן און פיבערן פון זיין צעשטערט פון רו געמיט; וועלכע דעקט אויף אין זיך און ווייזט פאַר דער ליכטיקער שיין אלע זיינע אינטימס־טע יחוד־זו״נ־געהיימנישן; וועלכע פילט אפשר אין זיך אַזויפיל געוואַגט־קייט און געטלעכן כוח, ווי ער; און זי נעמט פאַר זיך אַזויפיל רעכט, ווי ער אליין; צו גיין, וואוהין ז י וויל, פריי... אַף אַזוי ווייט, — אַז זי נעמט נעגירן, מיט דער צייט, איגנאָנצן — איר שטאַם־אָנגעהע־ריקייט צו אים; זי פאַרגעסט אין אים; זי נעגירט זיין קיום; און טאַקע דערפאַר, ווייל זי איז אַזוי טיף און אַלמעכטיק דורכגעדרונגען מיט אים, אָבער, אין דער זעלבער צייט, האָט זי אים קיינמאָל רעכט פאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט, — דערקלערט זי איצט איגנאַנצן פאַר איבעריק די נויט־ווענדיקייט פון זיין ז יי ן — פאַר איר אַנטשטיין; ניין, דערקלערט זי זיך אליין, (שפירנדיק בלינד זיין פאַרצווייפלטן אומויפהערלעכן קלאַפּן אין אירע טויבע ווענט, זיין אומגעהויערן שטורמישן אייביקן צאַפּל אין זיך,) — אַזוי אייביק־קדמוניותדיק־געטלעך, ווי ער...

קעגנציבער א י ר , דער נייער יונגער פאַטענט־אויפגעגאַנגענער קונסט־יצירה, — בלייבט גאָט, דער געצוואונגענער קינסטלער־שעפער, דער אויסגעליידיקט־געבליבענער, פאַריינמאָל, פון זיין כוחו ואונו, — ליגן — אַלט, אוממעכטיק, אָפּגעשוואַכט, אימפּאָטענט, און צעריסן אין זיין גאַנצקייט; אַ טיף־אומגליקלעכער...... ביז ער נעמט צערענען, דער באַ־שעפער; און, אין דראַנג צו געווינען באַניים זיין פאַרלאָרענע גאַנצקייט, זיין גליק, זיין אומאָפּהענגיקייט, זיין פרייהייט, — גייט ער פאַרווישן זיין ערשטע קינסטלערישע מבול־יצירה — דורך אַ פרישן מבול־אָנפלייץ פון פאַרטיליקונג, פון פאַרניכטונג, פון אַל־פאַרלענדונג...... נאָר, וואָס עס ווערט דערפון, — ווייסן מיר...... אין פלוג, דערגרייכט גאָט (אַזוי, אַלנפאַלס, קומט אים אַליין פאָר,) צוריק זיין פרייהייט, אומאָפּהענגי־קייט, גאַנצקייט, ווי געווען. נאָר, דאָס איז אַ טעות, אַ ביטערע געטלעכע אילוזיע בלויז. און זי האַלט אָן אַזוי לאַנג, — כל זמן עס האַלט אָן אין גאָטס געמיט אַליין — דער אַלצפאַרפלייצנדער מבול פון זיין צאָרן... ביז דער צאָרן־מבול אין אים נעמט אָפּפאַלן, (און פאַראַלעל מיט דעם — זיין אויסגעגאָסענער מבול אַף זיין קונסט־יצירה), — און עס בלייבן גלייך אָפּגעדעקט אין זיין געמיט (און פאַראַלעל מיט דעם — אין דער נאַטור, זיין קונסט־ווערק,) אָט די אַלע שרעקלעכע מאָוימדיקע הויכקייטן און גרונטלאָזע תהומות פון זיין כאַראַקטער, וואָס שטעלן פאָר מיט זיך זיין אימפּאָזאַנטע געטלעכע צעריסנקייט, ווי געווען; וועלכע וועט שוין איי־ביק אַזוי מיט אים פאַרבלייבן, (אַזוי אויך — אין דעם כאַראַקטער פון זיין קונסט־ווערק, די נאַטור,) אים אייביק באַגלייטן; אָ, ווייל ער אַליין, גאָט דער טראַגישער איינזאַמער און מיטן־געמיט־צעריסענער קינסטלער, נעמט שוין איינזען, שיר נישט מיט רעזיגנאַציע: אַז קיין וועג אַף צוריק איז נישטאָ...; אַז זיין גליק, זיין גאַנצקייט האָט זיך אָפּגעטון פון אים, אַף אייביק; און אַז ער איז, מהיום והלאָה, אפשר מער פאַטאַל געבונדן צו זיין קונסט־יצירה, — איידער ווי זיין קונסט־יצירה צו אים... ווייל זי, אָ, זיין טראַגישע קונסט־יצירה פון דער נאַטור, פון דעם לעבן, איז — אַ ווייטערדיקער עטאַפּ פון אים, אַ נאָכוואוקס, אַ ווייטערדיקער שפּאַן און שריט, אין דעם גורלדיקן גאַנג איבער די פאַטאַלע נעפּל־וועגן פון זיין, וועלכע ציען, אָ, וועלכע פירן, ווער ווייסט, וואוהין...

זאָל מען אפשר נעמען איצט און איבערדערציילן, וויאַזוי אָט דער זעלבער פּראָצעס גייט אָן — אין דעם קינסטלערס געמיט?

זינט דעם געטלעכן קונסט־באַשאַף פון דער וועלט, פון דעם לעבן; זינט גאָט האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצקייט, זיין גליק, — שאַפט ער נישט מער; בלייבט ער אָן עקר... און עס איז זיין איינציקע פלאַטערנדע שטרע־בונג, זיין אומויסדריקלעכע פיין און בענקשאַפט, (אָ, לאָז זיין — בלויז

אין אילוזיע,): זיך באניים צו באהעפטן מיט זיין איינציק קונסט־ווערק — אין ליבע, — אום ווידער צו דערשפירן דעם הייך, דעם ווארעמען ליידנשאפטלעכן אטעם פון זיין געוועזענער גאנצקייט, און גליק פון אמאל... אקוראט ווי עס בענקט, אמאל, און עס לעכצט דאס אפגעריסע־נע קונסט־ווערק פון גאט, א, צוריק צו דעם קאכיקן פלאטערנדן שויס און ליבע־געלעגער מיטן באשעפער... אבער עס ווערט געטריבן פאטאל, גורל־דיק, פון א אומגעזעען פייער־קול — אין פארויס; צו טרעטן ווייטער נייע טראגישע און איינזאמע שליאכן אין דעם געפל פון זיין...

אזוי איז דער טראגישער זיין און אייביקער פאטאלער ליבע־שפיל פון דעם קינסטלער־מענטש און זיין איינציק קונסט־ווערק. (ווייל דער עכטער קינסטלער שאפט נישט מער; בלייבט אן עקר...) עס איז זיין טראגישער אקצידענט — זיין קונסט־באשאף. נישט — ב א ה ע פ ט ן־זיך האט ער באגערט מיט זיין אומענדלעכער זי־אילוזיע אין זיין געמיט, — נאר בלויז אייביק בענקען, אייביק שטרעבן אין זיך. און דער קונסט־אויסברוך אויס זיינע לענדן, די קונסט־יצירה איז בלויז — דער פועל־יוצא פון זיין שוואכקייט, פון זיין קינסטלערישער שבירת־הכלים; מיט אלע טראגישע פאלגן, (ווי בא גאט דעם קינסטלער,) וואס קומען דער־פון... עס איז זיין קונסט־באשאף — א אינפלוטיקער מאמענטאנער גע־ווינס און פאקטישער פארלוסט פון זיין פרייהייט. אבער, קיין וועג אף צוריק איז נישטא: נישט פאר דעם קינסטלער, נישט פאר זיין קונסט־יצירה. נישט ע ר קען איר צעשטערן: ווייל זי איז שטארקער פון אים, דעם אומבאהאלפענעם; נישט ער קען זיך מיט איר צוריק באַ־העפטן: ווייל זי איז אינגער פון אים; זי רייצט טייפליש־אומבאהערשלעך, מיט יונג־ווילדער בליונגס־קראפט — ווי די פרוי, א, ווי די שלאנג; און ער ליגט — דערשעפט, אוממעכטיק, באזיגט...; נישט ז י , די קונסט־יצירה, קאן זיך צוריק אומקערן אין זיין שויס, אין זיינע לענדן, אין זיין געמיט; אים צוריקברענגען זיין גאנצקייט, זיין גליק... אין זיין פיינפולן געגוס־פלאטער צו דער אומענדלעכער אידייע אין זיך, — האט ער דאס קונסט־ווערק באשאפן; עס איז געווארן די פארייביקונג פון א מענטשלעך־קינסטלערישן פלאטער צו דער אומענדלעכקייט; א פערפעק־טער אויסדרוק פון זיין אוממעכטיקייט — זיך אליין איבערצושטייגן; פון דעם ברוך און איינריס אין זיין געמיט; פון זיין פארלארענער גאנצ־קייט און גליק, אף אייביק; ((ווייל אנשטאט, (ווי בא גאט, פ א ר דער יצירה,) צו זיין געליבט און געהאסט א י ן ־ ז י ך , — ווערט ער איצט געבונדן, (ווי בא גאט, נ א ך דער יצירה,) צו ליבן און האסן — מ ח ו ץ פ ו ן ז י ך ...)) און עס ווערט, דאס ווערק, פא־טאל געטריבן אין פארויס...

און אַט דער זעלבער פאַטאַלער טראַגישער ליבע־שפּיל האַלט אָן — אין דעם געטלעכן קונסט־ווערק, אין דער יצירה, גופא פון וועלט און מענטש: צווישן ע ר און ז י , זכר און נקבה; וואו ע ר זוכט אין דער ז י צו געפינען — די צוריק־באַהעפטונג, גאַנצקייט און גליק — אין שוים פון דער אומענדלעכקייט, פון גאָט... (אַט די אייביקע בענקשאַפט צו דער אומענדלעכער אידייע אין זיך...) נאָר, ווען די אומענדלעכקייט, די אידייע, קומט, אַף זיין פלאַמיקן ליידנשאַפטלעכן ספּאָנטאַטישן רוף, און זי שלאָגט אָן אין זיין געמיט, אין זיין שוים, — בלייבט ער, דער סאַמע איינפאַכער מענטש — אַקוראַט ווי דער קינסטלער־גאָט, און ווי דער קינסטלער־מענטש — אוממעכטיק, זי איינצוהאַלטן, די אידייע, אין זיינע אָרעמע שוואַכע כלים; און ער טוט זי אָפּברעכן פון זיך, אָ, די אומענדלעכע גאָט־אילוזיע — אין דער ירידה פון איינציקער יצירה... מיר זאָגן — איינציקער: ווייל אויך ער, דער סאַמע־איינפאַכסטער עכט־פּשוטער מענטש, שאַפט בלויז — איין־און־איינציק מאָל, אין זיין לעבן...

יב) מיר האָבן שוין דערמאָנט, בא אסאך געלעגנהייטן: אז קיינער שטייט נישט אזוי נאָענט צו כפירה — ווי דער צעפלאַטערטער גלויביקער: וועלכער ליארעמט, כדי צו פארשרייען אין זיך די נעגאַציע; וועלכער ברענט א י ב ע ר דעם גלויבן, — ווען אַף זיין אש קענען אויפטויכן — די כפירה; און אויך דערפאַר: ווייל די קעגנזאַצן מאַכן זיך אָנזעעוודיק — בלויז אַף דעם פאָן פון דעם צד שכנגד... אזוי, אז די וועגן פון גלויבן פירן צו כפירה; פּונקט ווי די וועגן פון כפירה פירן צו אמונה... און אַט דאָס זעלבע שטעקן־איינס־אין־דאָס־אנדערע געשעט מיט אַלע אַנדערע קעגנזאַצן. אזוי, פירט דערשעפּטע זינד — צו חרטה, צו תשובה, צו קדושה; פּונקט ווי דערשעפּטע קדושה, אָן באַנייונג, פירט צום פארקערטן. א. א. וו., א. וו. ווייל, אין דער סאַמע־טיפסטער ווירקלעכקייט, זענען אַלע אַלע, אָן־אויסנאַם־אין־ערגעץ, שתי הקצוות — טיילן פון איין מהות: גאָט־מענטש און טייוול אין איינס...

יג) די געטלעכקייט שטעקט — אין דער באַהאַלטנקייט; אין דעם נישט־זעען. דאָס, וואָס מע דערזעט, — הערט אויף צו זיין — גאָט. עס ווערט אָפּגעטון פון אים — די געטלעכקייט. ווערט ער — כאחד האָדם.

יד) די בענקשאַפט פון מענטש צו מענטש, דאָס געזאַנג פון מענטש, זיין געאייל אָנצוקומען אין ערגעץ און זיין דראַנג צו דערגרייכן, — דאָס איז די בענקשאַפט פון מענטש — צ ו ג אָ ט ; דאָס איז דאָס געזאַנג פון מענטש — צו גאָט; אָ, דאָס איז דער געאייל פון מענטש און זיין דראַנג — צו דערגרייכן און אָנצוקומען צ ו ג אָ ט !

דורך די אויגן פון אַלע מענטשן, וואָס קוקן זיך אָן — איינע די אַנדערע, און וואָס קוקן אַלע — אַף דער נאַטור; דורך די בליקן פון אַלע לעבעדיקע, פון דער גאַנצער ביאָלאָגיע — אַף דער נאַטור; פונקט ווי דורך דעם שפּיגלען זיך פון די הימלען, מיט זייערע זונען, און מיט זייערע שטערן און לבנות, דורך די טעג, דורך די נעכט — אין די לויטערע קוואַלן, און אין די ימים, — קוקט גאָט אַליין — אַף זיך אַליין: אָ, כדי זיך צו דערזעען; זיך צו דערקענען; זיך צו פאַרשטיין...

ווייל — די בענקשאַפט פון מענטש צו מענטש, דאָס גוזאַנג פון מענטש, זיין געוויין און געשריי, זיין פּיין און זיין וויי, זיין געאייל און צאַפּל אָנצוקומען אין ערגעץ, און זיין דראַנג צו דערגרייכן, — דאָס איז די בענקשאַפט פון גאָט — צו זיך אַליין; דאָס איז דאָס געזאַנג, דאָס געוויין, דאָס געשריי, די פּיין און דער וויי — פון גאָט; אָ, דאָס איז דער געאייל און דער צאַפּל און דער דראַנג פון גאָט — צו דערגרייכן און אָנצוקומען — צו זיך!..

אַלע טעמפּלען און היכלות, וואָס דער מענטש בויעט, כדי צו דערפאַרשן דעם אמת; איז, וואָס מער, אין כמות, ער טוט זיי אויפשטעלן, — אַלצמער, אין איכות, טוט ער דורך זיי פאַרשטעלן — דעם פרייען וועג צו גאָט... אַלצמער, טוט ער אויסוואַרעמען אין זיי — זיינע אייגענע פאַלשע פאַנטאַזמען...

ערשט, אינעם סוף פון די טעג: ווען עס יאָגן אָן די בייזע צעשטורעמטע אויפגעזאַדענע עלעמענטן פון דער נאַטור, און צעשטערן אַלע פון־מענטש־אויפגעשטעלטע טעמפּלען און היכלות; און רייסן מיט, און טראָגן זיי אוועק — באַנאַנד מיט די אַלטע צעקרישלטע פאַנטאַזמען, ערשט־אויסגעשטעלטע מיט דער נאַקעטער ערווה לעין־השמש, צו שאַנד און צו שפּאָט, און ווי די ברוכשטיקער, ווי שפּענדלעך אַלציינס — צום לעצטן תהום פון אונטערגאַנג, פון אומקום, — יאָ, ערשט דאַן, עפנט זיך אויף אינעם מענטשנס אויג — פאַר גאָט: אָ, די פרייסטע מעגלעכקייט: צו קומען און באַאָבאַכטן — זיך אַליין; אין זיין מבול־ווערסיע פון דער וועלט...

די תפיסה פון דעם זיין און אומזיין.

צום ים:

כ'האָב געוואָלט כאַפּן דיין אומרו, און אים צוימען אין מיין סטראָף, —
און איך בין געוואָרן מיטגעריסן — מיט דיין אייביקן געזאַנג;
און כ'אייל שוין, מיט דיר אינאיינעם — צו דיין מיסטעריעזן אָדסוף:
אין עלעמענטן־צעשפּיל, געפּענטעט, אין גאַנג...

כ'האָב געוואָלט פאַנגען דיין ליכט, און באַהעלן מיין געזאַנג, —
און כ'בין געוואָרן פאַרבלענדעט — פון דיין אייביקער שיין;
און איך זינג שוין, אַף בלינד — פון דיין טראַגישן גאַנג:
נעבערן מזלות; זיי טרייבן, אין פּיין...

א) אין דעם קאַמף מיטן שונא, איז — וויכטיקער פון דעם איינמאָליקן זיג — די כסדר־אָנהאַלטנדע פּערמאַנענטע באַקעמפונג פונעם פּיינט. ווייל, נאָכן ענדגילטיקן באַזיגן דעם שונא, — קאָנסטו זיך אַמאָל ארומקוקן: אַז דו האָסט פאַרלאָרן לחלוטין — דעם זין פון דיין זיין...

ב) אין צייטן, אַזאַ ווי די היינטיקע, ווען אַ וועלט גייט אונטער, ווען אַלץ טרייבט צו צעשטערונג, — דאַן ווערט די מאַטעריע פון דעם זיין טראַנספּאַרענט; י אָ ־ פּאַראַן, און נ י ש ט ־ פּאַראַן; אויס־געשליפט ביז אַ אילוזיע... דאַן, דערזעט דער קינסטלער באַ מענטשן — וואָס באַ זיי טוט זיך הינטער דער הויט... דאַן, ווערן מעגלעך — ו ו א ו נ ד ע ר, אין דעם קינסטלערישן שאַפן... דאַן, ווערט דער מענטש, וואָס גייט אונטער — אומרעאַל, אַ פאַנטאַזם, אַ מאָנסטער: וואָס קרייצט ווענט, באַשטייגט הויכן; מיט איין וואָרט: ער „טוט" אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך — אין דער קראַנקער אילוזיע פון אונ־טערגאַנג... ער טוט די אינערלעכע איינציקע וויכטיקע רעאַלע טואונג פון זיין ווילן, אַזויווי נישט־געשטערט פון דער אומעקזיסטירנדער מאַטעריע; ער טוט די פאַטאַלע וואונדערלעכע טואונג פון זיין גורל, וואָס צע־שטערט די דעגענערירטע מאַטעריע, גלייך ווי זי וואָלט געווען בלויז אַ פאַרבלענזעניש...

ג) נישט נאָר אין דעם עכטן פּאַטאָס, נאָר אפילו אין דעם פּסעוודאָ־קלאַסישן פּאַטאָס געפינט אויס און עס שטרייכט אונטער דער איי־ביקער טייוול־לץ — דאָס לעבערלעכע, דעם טראַגי־קאָמישן שטריך, און ער חוזקט... פּונקט ווי דעם חוזק גופא שטעלט ארויס אַף בייז געלעכטער — דער ערנסט...

אַזוי לאָכן זיך אויס קעגנזייטיק אין אונזער פּולבלוטיק אוניווערסאַל געמיט, און אין דער קאַלאָריטפולסטער גאַמע פון דער גראַציעזסטער און זינלאָזסטער עקסהיביציע — דראַמע, קאָמעדיע, טראַגיזם, פּאַטאָס, איי־ראָניע, דינער הומאָר, סאַטירע, גאַלגן־הומאָר, לוסט, אומעט און טרויער, פרייד און יאָמער־פּיין; זיי לאָכן זיך אויס קעגנזייטיק אין אונז, כדי אָפּ־צופרישן און באַנייען איינס דאָס אַנדערע; און ווייטער אָנגיין, קאָמע־דיאַנטעוועז, אָן אַ זין, אָן אַ ענד, אַף דער אומענדלעכער פּאַנאָראַמע פון־נעם זיין; ווי אַן אָפּשפּיגל אַ לעבערלעכער — פון אַלץ; ווער קען דערגיין — צוליב וואָס...

און ווירקלעך: עס שטייען גרייט אין אונזער געמיט די גוטע האַר־ציקע קוואַלן טרערן און זיי קוקן אויס, אַז עפּעס זאָל געשעען, מחוץ פון זיי, מיטן מענטש — אומדערבאַרעמדיקס, רשעותדיקס, כדי זיי זאָלן אויספּלייצן אין אַ געוויין; און דערווײַלע — וואָס טוען זיי? זיי וויי־נען אין זיך. זיי באַווײנען זיך אַליין; ווײַל דאַרויף זענען זיי דאָך — טרערן... אָבער, דאָך — מחמת וואָס?!... און אַזוי שטייען גרייט אין אונ־זער געמיט די קוואַלן פון פרייד, איבערגעלאָדן איבערגעשוימט ביז צו אַריבער די ברעגן און, ווי די קליינע שטיפערישע קינדער, קוקן זיי אויס אומגעדולדיק, אַז עפּעס זאָל געשעען, מחוץ פון זיי, מיטן מענטש — לוסטיקס, — כדי זיי זאָלן אויסברעכן אין אַ פריידיק געלעכטער; און דערווײַלע — וואָס טוען זיי? זיי לאַכן אין זיך, ווי די קינדער; זיי האָבן הנאה פון זיך אַליין; מיט איין וואָרט: נו, דאַרויף זענען זיי דאָך — קוואַלן פון פרייד, אַז זיי זאָלן קוועלן!.. אָבער, דאָך — מחמת וואָס?!.... און אָט דאָס דאָזיקע — דאָס אומזיניקע — גייט אָן מיט אַלע אַנדערע מינים קוואַלן אין אונזער געמיט... זיי וואַרטן אויף אַקטי־וויטעט, כדי נישט צו בלײַבן פאַרטרוקנט; זיי טרײַבן אונז צו אַזאַ, אָדער אַ אַנדערער אויסערלעכער טעטיקייט — כדי צו דערהאַלטן זייער טיפע, איינציק־וויכטיקע, פאַר זיי — איינציק־רעאַלע טעטיקייט אין זיך... אָבער, אין זייער בלומרשטער רו, אָן וועלכער פאַסירלעכער אָנ־רעגונג פונדרויסן, וואָס זאָל זיי אַרויסרופן אויף דער סצענע פון לעבן, צו נעמען שפּילן זייער ראָל, — שטייען זיי, דערווײַלע, הינטער די קוליסן, אָט די גאַנצע אויסטערלישע כאַליאַסטרע־קאַפּעליע, און זיי שפּילן אין זיך... און זיי שמועסן זיך אויך דורך צווישנאַנאַנדער... און אַזוי ווי קיינס פון זיי קען נישט אַרויסקריכן פון זיך אַליין, דאָס הייסט, פון דער אייגענער ראָל, פון דער אייגענער פאַטאַלער הויט; און אַלץ, וואָס זיי זענען־צו, מחוץ פון זיך, זענען זיי מסוגל צו באַפאַרבן מיט דעם זאַפט פון זייער אייגענעם אומענדלעכן קאָ־ליר, — לכן, איז נישט מער ווי רעכט — אַז זיי זאָלן זיך איינס דאָס אַנדערע נעגירן, און אויסחוזקן; הגם דער אמתער אמת איז: אַז, נאָר דורך דער קעגנגעזעצלעכקייט צווישנאַנאַנדער, טוען זיי זיך איינס אויף דאָס אַנדערע אָנזעען, אַזוי ווי פאָן און בילד, אַלציינס... איז, דאַרף מען, דאַרום, זיך משער־זיין: אַז זייער קעגנזייטיקער גוטמוטיקער אָ פּ ־ ש פּ ע ט איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי גאָר אַ סטימולירנדער אויס־פלוס — אַקוראַט ווי צווישן געליבטע עס גייט פאָר, וועלכע קריגן זיך רק אַרום; און דאָס, זעט איר, איז דאָך שוין אַלט, ווי די וועלט: אַז אַלץ, וואָס מיר ליבן, צעשטערן מיר; פונקט ווי אַלץ, וואָס מיר צעשטערן, ליבן מיר...

ד) די גראַוויטאַציע צווישן די עקסטרעמען איז, ווי אַ ליכט, וואָס ווערט אָנגעצונדן אין ביידע עקן. ברענענדיק, ציט יעדעס פלעמל צום צד שכנגד; ביז וואַנען ביידע עקסטרעמען באַגעגענען זיך.

ה) וואָס עלטער עס ווערט די תפיסה פון גוף, — אַלץ אינגער ווערט די נשמה. וואָס עלטער און אימפּאָטענטער עס ווערט דאָס לייב, די מאַטעריע, — אַלץ אינגער און פּערווערזער ווערט דער גייסט, דער גלויבן, דער אידעאַל, די ליבע, די פאַרגעטערטע קינדערשע געליבטע, דער גאָט; אין וועמענס פּאָטענטע און פּאָטענציעלע יוגנטלעכע קוואַלן — אַלטע אימפּאָטענטע פּערווערזיע קומט זוכן אַ דערקוויקונג; עליי אַ דר. פאַוסט — בא אַ גרעטכען...

ו) ווען אין גאָט. אין זיין אייביקן געראַנגל מיט זיך גופא, נעמט די אויבערהאַנט — די טייוול־טייל, און די גאָט־טייל גייט אין דעקאַדענץ, אין דעמערונג, — דאַן געשעט דאָס זעלבע, אַלס אָפּשפּיגלונג — אין דעם מענטשנס געמיט, אין זיין געשיכטע; און עס רוקן זיך אָן תקופות אַזעלכע פון דעקאַדענץ, פון דעמערונג, פון טרויער, פון (בענקעניש צו) אונטערגאַנג... אַזוי לאַנג, ביז וואַנען גאָט נעמט ווידער, פאַטאַל־אומפאַרמיידלעך, אויפגיין; באַקומען אין זיך די אויבערהאַנט איבערן טייוול; און עס געשעט דאַן דאָס זעלבע אין דעם מענטשנס געמיט, אין זיין געשיכטע; אין זיין אייביקן גיין אין דעם אומענדלעכן זיין...

ז) גוטסקייט, פאַרבונדן דעם אייגענעם עגאָאיזם, איז אָפט אַן אויסדרוק — פון הפקרות, פון קולטור־לאָזיקייט, פון נישט־אחריות־פון שוואַכקייט, פון דראַנג צו אונטערגאַנג; פון גרינגשעצן נישט נאָר ז י ך, נאָר אויך — דעם מענטש, בכלל...

גוטסקייט איז אָפט אַן אויסדרוק — פון דעגענעראַציע, פון וותרנות, פון אומדיפערענצירטקייט, פון אומדיסטינגגירטקייט; פון איינעם, וואָס האָט צעעפנט אין זיין געמיט די אינטעלעקטועלע דאַמבע, און געלאָזן פריי־אומגעשטערט אויספלייצן די ביז־איצט־געווען־פאַרשפּאַרטע פינצטערע וואַרעמע עמאָציע; אַז זי זאָל פאַרפלייצן די אָפּגעקעמפטע באַם ים, מיט אַזויפיל שרעקלעכער מי, יבשה־הויכן פון קולטור. און דער טיף־אינערלעכער אינטימער דראַנג דערפון איז — דער צאַפּל צו אונטערגאַנג.

ח) ווען דער גייסט פון מענטשס געמיט דערזעט, ווי די ווערעמדיקע פּאַטאַליטעט פאַרנעמט זיך אומצוברענגען דעם מענטשס מאַטעריע, זיין מגושמדיקן זיין, — בלייבט דער גייסט אַפּהענטיק, אומבאַהאָלפן, קעגניבער דעם אַלעם. ווייל: וו אָ ס קאָן גייסט טון — ק ע ג ן מ אַ ט ע ר י ע ; קעגן ד ע ם , וואָס עקזיסטירט פאַר אים, בכלל,

נישט?!. און ער זעט צו, דארום, דער גייסט, מיט אייביקן טרויער אין זיין בליק: ווי מע קומט באזיגן דעם מענטש, זיין מענטש, זיין בלומרשטן לבוש, זיין תפיסה; און ער בלייבט געבונדן, אין זיין טון; ווייל, ווי געזאגט: וואס געהער זיך אן — גייסט מיט מאטעריע?!. גענוג האט גייסט צו טון — מיט זיך אליין; מיט זיין אייגענער פיין, אין דעם זיין; מיט זיין אייגענער דראמע, און טראגיק; מיט זיין אייגענער געפאנגענשאפט, אין זיין אייגענער תפיסה; א, מיט זיין אייגענער טראגיש־געליבטער פאטאליטעט.

ט) דער מוח און דאס הארץ זענען צוויי פארטן, וואו אקרענטן נעמען אויף נאכאנאנד לאסט פון דער וועלט, און זיי לאזן זיך דערנאך ארוים איבער דעם צעשטורעמטן ים פון אונזער געמיט — צו צעפירן לאדונגען פון גוטס, פון שלעכטס; פון קולטור־וואפן, און פון אנטי־קולטור־וואפן; לאדונגען געזונטע, און לאדונגען שעדלעכע, באטויבנדע, ווי קאקאין א. א. — איבער די ווייטסטע אפגעלעגנסטע רעגיאנען פון אונזער זיין.

י) דער מענטשלעכער עגאיזם איז, ווי דער געטלעכער עגאיזם... „— גאט — זאגן די פילאזאפן — גיט זיך אפ, דורכוים, מיט זיך אליין; און דאדורך, עקזיסטירן מיר ... און באטש ער קען אונז נישט, — דערפאר, קענען מיר אים — יא; און מיר לעבן — נאר מיט אים...״ אקוראט אזוי, טוט זיך מאניפעסטירן — דער עגאיזם פון מלך, פון שטאט, פון דיקטאטאר, (א פאליטישן, א פינאנציעלן): באטש קיינס פון זיי קען נישט דירעקט די אונטערטאנען, — איז אבער בא יעדן איינעם פון זיי דער פסיכישער איינשטעל אזא, וואס זאגט אים: „— דו, צעשטרייע זיך נישט אף קיינעם און גארנישט — מחוץ פון דיר. דו, גיב זיך אפ, דורכוים — מיט זיך גופא: (קיניג, הערש, פראווע שטאט, דיקטיר, צייל דיינע מיליארדן א. א. וו.); און אויסדריקלעך דאדורך, און אויסשליסלעך אדאנק דעם, — וועלן טון עקזיסטירן די אונטערטאנען. נאר — אזוי. אבער, אינקעגנטייל, — וועלן אלע אונטערגיין...״ יא, איז: באטש קיינס פון זיי, (ווי געזאגט) קאן אונז נישט, און ווייסט אפילו נישט, דירעקט, פון אונזער עקזיסטענץ, — איז דאך דאס פאר אונז נישט קיין שטער, (ווי לעכערלעך־אידיאטיש דאס זאל נישט פארקומען,): זיך־אפצוגעבן, א לעבן־לאנג, מיט פארשן־גרינטעוועון־דערלערנען־דערקענען — נאר זיי; צו טאנצן אף פרעמדע חתונות; זיך־מיטפרייען מיט זייער פרייד; און מיטטרויערן זייער טרויער; מיט איין ווארט: צו לעבן און אטעמען — נאר מיט זיי...

אַט אַזוי איז — אונזער אַלגעמיינער, דער רייןַ־מענטשלעכער ענגאָיזם.

יא) וואָס עלטער, אָפּגעטראָגענער עס ווערט דעם מענטשנס קערפּער, אַלץ ווינציקער פאַרדעקט ער דעם מענטשנס גייסט. ער ווערט, ווי אַן אַלטער גאַרניטור־אַלציינס — פאַרן גוף: וואָס דריקט אוים אַלע זיינע קנייטשן, (דעם גופס,) אַלע זיינע אייגנשאַפטן, און פאַרשטעלט אים נישט מער. דער יונגער קערפּער איז פאַרן מענטשנס גייסט, ווי אַ נייער גאַרניטור־אַלציינס — פאַרן גוף: גיכער, פאַרשטעלט ער דעם גוף, איידער ער טוט אים ווייזן; און דאָס זעלבע איז דער יונגער קערפּער פאַרן מענטשנס גייסט.

דער נייער גאַרניטור און דער מענטשלעכער גוף זענען — צוויי באַזונדערע זאַכן, וואָס געהערן זיך נישט אָן. דער נייער גאַרניטור איז טויט. ערשט אין דעם אַלטן גאַרניטור נעמט זיך מערקן אַ צוזאַמענלעבן מיטן גוף. דער גאַרניטור און דער גוף ווערן איינס; דער גאַרניטור לעבט אויף.

דאָס זעלבע געשעט באַם קערפּער מיטן גייסט. דער יונגער קערפּער, און דער גייסט זענען — צוויי באַזונדערע דערשיינונגען. דער יונגער קערפּער לעבט זיין אייגן פּולבלוטיק לעבן; לגבי דעם גייסט איז ער טויט. ערשט אין לויף פון יאָרן, ווערט דער קערפּער אַלט, ער הערט אויף בהדרגהדיק צו לעבן זיין אייגן לעבן; דאַן, גיט ער זיך איבער אינגאַנצן דעם גייסט, ער באַהעפט זיך מיט אים, ער נעמט לעבן גייסטס לעבן; ער נעמט אַליין אויסזעען, ווי גייסט...

יונגע מענטשן זעען אוים כמעט אַלע — אַלציינס. דער געוויסער פון קערפּערלעכן לעבן פאַרפּלייצט זייערע כאַראַקטער־דיפערענצירונגען. ערשט, ווען זיי נעמען זיך עלטערן, ס פאַלט אָפּ בהדרגהדיק דער געוויסער, — נעמען דאַן אויפקומען פון זיי — די דיפערענצירונגען, יעדן איינעמס גייסט, כאַראַקטער...

ווייל, פּונקט ווי דער קערפּער ווערט געבוירן יונג, אומדערפאַרן, — אַקוראַט פאַרקערט, ווערט געבוירן גייסט — אַלט, ווי די אייביקייט. און עס מוז דער קערפּער אַלט ווערן, פון דערפאַרונג, אויסגעזויגן ווערן פון גייסט, — כדי דער גייסט זאָל אָפּערקומען, דורך אים — אַזוי פּריי־אַלמעכטיק, ווי קיינמאָל.

יב) זאָגט, אַדרבה, רבותי: וואָס־זשע איז פּאַרט — דער מענטש מיט זיין אמת; אַז, וואָס־אויפגעקלערטער און פאַרשטענדלעכער דער מענטש ווערט, — אַלץ שווערער ווערט — אים צו געבן צו פאַרשטיין דעם אמת?!...... אין די אַלטע פּרע־היסטאָרישע פּרימיטיווסטע צייטן, ווען דאָס מין וואָפן איז נאָך נישט געווען בנמצא אפילו, — האָט איינער געמוזט דערלאַנגען דעם צווייטן, מיט דער נאַקעטער פויסט, יענעם אין

די ציין אריין, כדי אים איבערצוצייגן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל — אין
דער ריכטיקייט פון אמת...... נאָר שפּעטער, מיט דער צייט; לאָמיר
זאָגן, אין די עפּאָכן פון שטיין, פון אייזן; ווען דער מענטש איז שוין גע־
וואָרן, אין פלוג, אַפּולע אויפגעקלערטער און פאַרשטענדלעכער, — ניין;
איז שוין דאַן געוואָרן ווינציק — אים צו קענען איבערצייגן, בלויז מיט
דער נאַקעטער פויסט אַליין, צי אפילו, לאָמיר זאָגן, דורך אים דערלאַנ־
גען מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ! אָ, ניין. אַט די אַלע שלאָגנדע אַרגו־
מענטן האָבן, ערשט, אויף זיין אין־קאָמף־אין־משך־פון־דורות־אויסגעשמיד־
טן־און־פאַרהאַרטעוועטן קאָפּ —מער קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט;
אים געלאָזן אַזוי טעמפּ־אומאינטעליגענטיש און עקשנותדיק־פאַרביסן־
פאַנאַטיש־אומויפגעקלערט, ווי געווען; און עס איז זיין אומגליקלעכער
קאָפּ פאַרבליבן פאַרחתמעט און פאַרשלאָסן אויף אַלע זיבן שלעסער —
פאַרן אמת, פאַרן ליכט פון פאַרשטאַנד, — אָ, פונקט אַקוראַט, ווי אין די
סאַמע ערשטע בתולהדיקע טעג פון בראשית אַלצייגנס! און עס איז גע־
וואָרן, דאַרום, דרינגענד־נויטיק, אַצינד, ווי דאָס לעבן — אים אַזאַ איי־
דעלן גלעט־צו־טון, כאָטש מיט אַ שטיין, אָדער מיט אַ שטיק אייזן, (אָ,
אַנדערש גייט עס נישט—) כדי אים עטוואָס, כ אָ ט ש אויף אַזויפיל,
זיין דומען קאָפּ צו צעעפּענען און אהין אַריינצושפּאַרן, אָ, לאָז זיין —
די מינדסטע דאָזע פון אמת...

און אַזוי, אין גאַנג און אין לויף פון אַלע צייטן. וואָס מער וואוקס
(לכל הדיעות,) פון שכל, פון קולטור, פון פאַרשטאַנד, — אַלצמער מאוימ־
דיק־שווערער ווערט פאַרן אָרעמען, מיט אַלע וויסנשאַפטן באַלאָדענעם,
און אין פייער און בראַנד פון די אַלע שווידערהאַפטסטע קאַמפן, אויסגע־
פּרובירטן און פאַרפאַנצערטן, אויף טויזנט שטיקער צעריסענעם, ביז צו
זיינע טיפסטע אָפּגרונטן אויפגעטרייסלטן, רעטזעלהאַפטן ביאָלאָגישן
אומגליקלעכן מהות מ ע נ ט ש — צו באַנעמען זיין אמת...... אַט, אַ
שטייגער, ווי אין די צייטן די היינטיקע: ווען עס איז שוין נישט גענוג
אַלע קאַנאָנען, פולווער־גראַנאַטן, אַנדערע טייפלשע בלי־משחית אָן אַ
צאָל — אויף צו קענען אַריינטריפן אין דעם מאָדערנעם רויט־בלוטיקן
מיט דער ווייסער הויט פאַרדעקטן מאָנסטער־מענטשנס אויפגעקלערטן
מוח — אָ, כאָטש איין טראָפּעלע ליכט! און מע האָט געמוזט דערפינדן
— אַזש דעם־אַטאָמיש־הידראָגענישן אַרגומענט, — כדי דער אָרעמער
עלנטער מענטשלעכער מאַרך זאָל, כאָטש ל פּ נ י ם, רעאַגירן עטוואָס
אויפן אמת!

וואָס־זשע זאָל זיין די סיבה פון דעם אַלעם־אָ?!. נישט שווער־זשע,
דערפאַר: ווייל דער אמת איז, אייביק — קינדיש־פּרימיטיוו און
ג אַ נ ץ ; בעת די קולטור איז — פּילפּאַביק, צעטיילעריש, צעריי־

סעריש; מיט איין וואָרט — ד ע ר ש ק ר ?.... אָבער: אויב אזוי איז — די קולטור, די וועלט, דאָס לעבן, — איז דאָך דאָס — ד ע ר א מ ת; און יענער פרימיטיווער בתולהדיקער אמת איז דאָך — ד ע ר ש ק ר?!. איי, דער פ ר י מ י ט י ו ו ע ר א מ ת (שקר,) ברענגט מיט זיך — די גאַנצקייט, ד אָ ס ג ל י ק; און דער קולטור־שקר (דער אמת,) — די צעטיילונג, ד ע ם א ו מ ג ל י ק ? אָבער, ווער זאָגט דען, אַז אמת און גליק קאָנען גיין באַנאַנד — אינעם מענטש? אפשר איז גאָר — מענטשס רעבעלישער גורל: זיך־אָפּצוטרייסלען פון דעם אַנימאַליש־פּרימיטיוון קעניגרייך — מיט זיין אמת פון גאַנצקייט און גליק; און זיך־ברענגען פאַר אַ קרבן צום איינציקן מענטשלעכן אמת — פון אויפקלערונג, צעשטערונג, און באַנייונג?!.

י״ג) מענטשן, מאַסן, דורות גאַנצע ביאָלאָגיע, וועלכע האָבן געלעבט, געשטורעמט אַ וועלט, געווען אַזוי אינטענסיוו־טעטיק, זיך־גע־שפּירט מיטן געפיל און זיך באַגריפן מיטן געדאַנק אַזוי איך־צענטריס־טיש פאַרוואָרצלט (נישט־פריי) און פאַרבונדן מיט אַלע וועלטן, — איז פון אָט דעם גאַנצן לעבן זייערס, שטורעמס, טעטיקייטן בלייבט לחלוטין גאָרנישט איבער. זיי אַליין, זייערע ביאָלאָגישע מענטשלעכע אָרגאַניז־מען, הן מיט זייער געפיל־וועלט, הן מיט זייער לאָגישער, מיט אַלע זייע־רע פּרעטענציעזע אומגעהויערע אויסשטראַלונגען פאַרמעסטונגען, איך־צענטריסטישע איינבילדונגען וועגן פאַרוואָרצלטקייט און פאַרבונדנקייט מיט אַלע וועלטן, זענען — אַבסאָלוט גענצלעך־פאַרגענגלעך, ווי דער שטויב; גלייך ווי גאָרנישט געלעבט גאָר קיינמאָל, גאָרנישט געווען עק־זיסטירט אין ערגעץ. עס קומט דער טאָג, די עלטער, ווען דער מענטש דער מאָוימדיק־עלנטער דעקט אויף, מיט גרויל: אַז ער געהער זיך נישט אָן מיט גאָרנישט; נישט מיט קיין מאַסן, מיט קיין מענטשהייט — ווי עס האָט אים געלערנט און גענאַרט, אַלע יאָרן, זיין געדאַנק; נישט מיט זיך אַליין, אַלס מענטש־מהות — ווי עס האָט אים געמאַכט צו גלויבן, דאָס גאַנצע לעבן, זיין געפיל... ניין. ער איז — אַ בלינדע פאַרגענגלעכע צאַפּלדיק־צעריסענע שטיק ביאָלאָגיע, נישט מער... נ אָ ר דאַן, ווען ער איז געווען יונג, — האָבן זיך אים געקאָנט אויסדאַכטן, אין בלינדן בלוט־רויש — אָט די אַלע שיינע אילוזיעס־אידייען. דאַקעגן, ווען דאָס אייגענע בלוט נעמט ווערן אויסגעקילט, און עס גייט אָפּשטאַרבן דאָס בלינדע לעבעדיקע געפיל, — אַ, דאַן רעדט שוין דער אַלטער דערוואַכ־טער אויסגעניכטערטער געדאַנק עפּעס אַנדערש; דאַן זאָגט ער דיר אויס דעם נאַקעטן שווידערלעכן אמת: נישט דו געהערסט זיך אָן מיט מענ־טשן; נישט אפילו מיט וועלטן, מיט לעבן, מיט נאַטור; מיט איין וואָרט — מיט קיינעם און מיט גאָרנישט... דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער:

דו ביסט פריי!.. און אויב דו האָסט אַמאָל, אונטער דער שווערער לאַסט פון פאַרבינדלעכקייט מיט וועלטן און לעבן, גענומען שטרעבן, אַ ל ס מ ע נ ט ש , צו פרייהייט, צו באַפרייונג, — נו, האָסטו איצט דיין ציל פון אַבסאָלוטער בונד־אויפגעלייזטקייט ענדלעך דערגרייכט...

וואָס־זשע ביסטו פאַרט? אַ, וואָס־זשע ביסטו אַליין באַטש? — אַ מ ע נ ט ש ; לאַז־זיין — אַ עלנטער?! ניין. דאָס אויך נישט. ווייל, דער באַגריף — עלנט — איז אַן אַלטערנאַטיווע. (עס דערלאָזט די אפשרות — פון פאַרקערטן.) בעת ד ו ביסט — עלנט־אין־זיך. אַזוי־ווי אַלץ, וואָס עקזיסטירט. ווייל — נישטאָ אין ערגעץ קיין מענטשן, קיין מאַסן, קיין מענטשהייט, גאָרנישט... אַלץ איז — יוגנט־רויש, בלינדע שיכורע אילוזיע פון זינלאָזן שוימיקן בלוט; כל זמן עס שוימט... אָט דאָס זענען אַלע... ביז, מע דערגייט צו דיין שטופע פון — אַ אַלט־גע־וואָרן זינלאָז ביאָלאָגיש בלינד בינטל פלייש און ביינער, וואָס גייט בקרוב זיך פאַנאַנדערפאַלן — אַ, באַ דעם (אַנטפּלעקטן) גרויזאַמען גלייכגילט פון לעבן, פון אומענדלעך־פּוסטע שווינדלהאַפט־גרוילנדע הימ־לען, וועלטן, תהומות — פאַרגיין, נישט בלייבן...

פונדעסטוועגן, זיי געטרייסט, שטאָלצער מענטש! עפּעס פאַרט וועט פאַרבלייבן פון דיר. נישט — דאָס שווערע, ממשותדיקע, וואָס דו האָסט געטון ווידערהאָלן אומויפהערלעך, אַ לעבן לאַנג, אַזוי־ווי מיליאָנען אַנדערע, ווי דו; אַזש עס האָט אויפגעהערט צד זיין, צו עקזיסטירן; ווייל עס איז געוואָרן אויפגעדעקט דער סוד און דער שווינדל: אַז דאָס אַלץ איז אַזוי נישטיק, — אַזש עס האָט גאָר קיינמאָל, מיט די אַלע מיליאָ־נען ווידערהאָלונגען, נישט אָנגעהויבן צו עקזיסטירן אפילו; דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער: נישט אָנגעהויבן צו פאַרדינען דעם טיטל, די באַצייכענונג פון עקזיסטענץ...; נייערט, גראָד — דאָס סאַמע נישט־ממשותדיקע, דאָס סאַמע פאַרביישוועבנדע, דאָס סאַמע אומוואָרהאַפטע, אומרעאַלע, פאַרגענגלעכע: דיינער אַ שאָטן־שטריך, אַ נטיה, אַ שמייכל, אַ וואָרט, אַ גרימאַסע, אַ טרויער־בליק...; אָט דאָס סאַמע אָריגינעלסטע פון דיר, דאָס אייגנטימלעכסטע, דיין אייגנס בלויז, נישט צו פאַרמישן מיט קיינעם מער און מיט גאָרנישט, און נישט צום קענען אָפּווענדן־נעג־גירן באַין אופן דעם קאַטעגאָרישן האָבן־געוועזן־קיום־דערפון; אָט דעם אומשטערבלעכן אומדערשיטערלעכן דענקמאָל פון דיר, אַ, מענטש...

יאָ, איז אָט דאָס דערהויבנסטע דאָס איידלסטע פון דיר, דאָס צאַרטסטע און דאָס אייביקסטע, דאָס סאַמע דראַמאַטישסטע און דאָס סאַמע טראַגישסטע פון דיין געטלעך־מענטשלעכן זיין, — וועלן אויפ־נעמען מענטשן אַזוינע ווי דו, דיינע נאָכגייער, און עס פאַרייביקן (פאַר־וואַנדלען) — אין אַ טעאַטער־שפּיל, אַ נאָכמאַכונג, אַ בעסערע צי אַן

ערגערע נאָכקרומונג; מיט איין וואָרט — א שפּאָט, א קאָמעדיע, א לעסטערונג (און ווי זיי וועלן עס רופן — א דערמאָנונג, א פאַרגעדענקונג, א באַערונג) פון דיר... איצט, זאָג, אָרעמער טייפל־מענטש; ביסטו צופרידן?!.

און באמת, פאַרוואָס דען נישט? וויבאַלד אַז דו ווייסט: אַז קומען וועט דער סוף פון די טעג; ווען פון דער גאַנצער אומגליקלעכער צעפּייניקטער ביאָלאָגיע וועט זיך אויסלאָזן — א טייך; און ערגעץ אין יענע פּוסטע אומענדלעכע חללים אונטער דער זון וועט אומשוועבן — א לעצטאויסגעהויכטער זיפץ, אָ, א לעצטע צעקרומטע גרימאַסע פון א געוועזן־געלעבטער אַזויפיל מיליאָנען יאָרן אַקטיאָרישער מענטשהייט... וועלכע שמייכלט איצט אַף דער שטיל־און־ליידיק־געבליבענער אַרענע פון אוניווערז, אַזוי פריי, וואַנזיניק, דערלייזט; וועלכע שפּעט, וועלכע קרומט נאָך, אומאַנטשראָקן — ועמען? דעם פאַרעלנטן גאָט־פּאַיאַץ — צי דעם טייוול?!.

יד) אַלץ, וואָס ווערט דערקלערט דורכן אינטעלעקט, — איז ראַיעל אַזוי — נאָר א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ־ גענומען; ד. ה., אינערהאַלב דעם שטאַנדפּונקט פונעם אינטעלעקט. ווייל, פּונקט ווי דער מעבטיקסטער אָדלער קען נישט פליען העכער פון זיינע אייגענע פליגל, הגם ער וואָלט דאָס אפשר וועלן, — אַקוראַט אַזוי, איז נישט מעגלעך דעם מעבטיקסטן אינטעלעקט צו זעען זאַכן — אַנדערש, איידער ווי אינטעלעקטועל־גענומען. און אויב דער אָדלער, אַלס אָדלער־אין־זיך, ווערט טראַגיש, ווען ער דערזעט זיך געפאַנגען אין דער תפיסה פון זיינע פליגל, וועלכע זאָגן זיך אָפּ צו פליען אַזוי הויך, ווי ע ר וואָלט וועלן — (הגם די לעבעדיקע פליגל אַן־און־פאַר־זיך קענען זיך זיין צעפרידן מ י ט ד ע ר מ י ט , וואָס זיי זענען אומשטאַנד צו דערגרייכן, ווייל, העכער און אויסערהאַלב פון זייער מעגלעכקייט, גייט גאָר ניט זייער השגה, בכלל, —) על אחת כמה וכמה, ווי עס דאַרף עס ווערן טראַגיש דער מענטש אין זיך, ווען ער דערזעט זיך געפאַנגען אין דער תפיסה פון זיין אינטעלעקט, וועלכער זאָגט זיך אָפּ קאַטעגאָריש צו פליען א ז ו י , ווי ע ר , דער מענטש, וואָלט וועלן; ווייל ער, דער אינטעלעקט אַן און פאַר זיך, איז זיכער צופרידן מיטדערמיט: וואָס ער באַנעמט די זאַכן א ז ו י , ווי ע ר באַנעמט זיי, און נישט אַנדערש...

און דאָס זעלבע געשעעט צום מענטש — אין זיינע פאַרהעלטעניש מיט זיין אימפּולס...

נאָר, דער טראַגישער געפּענטעטער מענטש, דאָס שטיקעלע צאַפּלדיקע רעבעלישע מענטש, רייסט זיך פון די תפיסות פון אינטעלעקט און פון אימפּולס, אין וועלכע ער איז פאַרשפּאַרט פאַטאַל, מיט זיין זיין.

עס שרעקט אים נישט אַפֿ די וואָרענונג פֿון אינטעלעקט: אַז אויסערהאַלב אים, (זיין תפיסה; דאָרט ערגעץ, אַף דער פריי,) וועט ער, דער מענטש, אָנטרעפֿן — בלויז אומזין... עס שרעקט אים אויך נישט אַפֿ, דעם מענטש מיט זיין דראַנג צו דער פרייער פרייהייט, די וואָרענונג פֿון אימפּולס: אַז אויסערהאַלב אים, (זיין תפיסה; דאָרט ערגעץ, אַף דער פריי.) וועט ער, דער מענטש, אָנטרעפֿן — בלויז פּ אַ ר ב ל ע נ ז ע נ י ש, שקר...

ניין. ער אַנט, דער מענטש, דאָס שטיקעלע פרייהייטס־דורשטיקע מענטש: אַז אויב ערגעץ איז — שקר, פּאַרבלענזעניש, — איז עס אין די פּאַטאַלע תפיסות פֿון אינטעלעקט און אימפּולס; אַפילו אין זייערע אור־פּרימיטיוועסטע חומר־היוליסטישע מאַניפעסטירונגען פֿון דינאַמישע און סטאַטישע עלעמענטן — אִ י ן ג ע ר אַ נ ג ל ... יאָ, אַט דעם שקר, אַט די פּאַרבלענזעניש פֿוןביידן זעט מען אַרויס — פֿון זייער אייביקן פּאַטאַלן געראַנגל צווישנאַנאַנדער. אין פֿלוג: יעדער צד, יעדער עלעמענט — מיט אַזויפיל זעלבסט־זיכערקייט אין זיך, און מיט אַ פעלזנפעסטן דראַנג — צו צעשטערן דעם קעגנער, כּדי זיך אָנצוזעען — בלויז אַליין!.. נאָר, אין דער ווירקלעכקייט, איז דאָס — שקר, אָנשטעל, בלאַמאַזש! ווייל יעדער צד, עלעמענט שפּירט אין זיין טיפסטער טיף, (אַזוי — אינטעלעקט, אַזוי — אימפּולס; אַזוי ווי ווייס־שוואַרץ, א. אַ.): אַז אַ ל יי ן איז ער — גאָרנישט; איז זיין קיום אויסגעשלאָסן; ווייל ער אַליין וועט זיך, דער ערשטער, שענדלעך פּאַראַטן און אומברענגען — באַלד אַפֿן אָרט; פּשוט דערפּאַר, (איר הערט און שטוינט!) ווייל ער גלויבט נישט אין זיך!.. קיין איין רגע אַפילו... און ער מוז האָבן, פּאַקטיש, דעם פּאָן, דעם סטימול פֿון דעם צד שכנגד — כּדי זיך אַליין צו דערשפּירן; צו דערפילן, איין ווילע, דעם אייגענעם אָטעם און צאַפּל... וואו? — ערשט, אין דער עקסטרעמסטער קעגנגעזעצטסטער טיפעניש פֿון דער נעגאַציע פֿון זיך... אַז, פּאַקטיש, איז איטלעכער עלעמענט — בלויז דער פּאָן פֿאַרן צווייטן; און פֿאַר זיך אַליין איז ער — אַיִן...

אם כּן, — וואָס־זשע קענען זיי ביידע אָנגיין ד ע ם מ ע נ ט ש, מיט זיין דראַנג צו פרייהייט?.. שוין אין זיין דראַנג גופא — זיך צו באַפרייען פֿון ביידע תפיסות פּאַראַמאָל, — אַנט ער, דער מענטש: אַז ערגעץ, אויסערהאַלב ביידן, איז אַ פרייהייט פֿאַראַן; וועלכע קומט — פרייער, פֿאַר זיי — אין דעם אָרדן פֿון זיין...; און אַז ער, ד ע ר מ ע נ ט ש ־ אִ י ן ־ ז י ך, שטאַמט, אייגנטלעך, פֿון דאָרט... דאַרום, וועט ער זיי לאָזן — אין זייער לעבערלעבן געראַנגל, אין זייערע תפיסות; און ער אַליין, דער מענטש, וועט ציען אַהין, (אויסערהאַלב אינ־

טעלעקט און אימפּולס,) — צו זיין אורשטאַם פון דער פּרייסטער פרייהייט... ווייל — ער קען נישט אַנדערש. ווייל אַזוי דיקטירט אין אים זיין טיפסטער אינערלעכסטער פּרייסטער דראַנג צו דער פרייהייט... וועלכער איז אַזוי מעכטיק, אַט דער דאָזיקער אייגנטימלעכסטער דראַנג, אַזוי אומווידערשטיילעך, — אַזש עס איז אוממעגלעך צו אַנטרינען ווערן פון אים — אָ, ווי פון דער אייביק־אייביקסטער תפיסה, אַלציינס, פונעם זיין...

טו) פריער קומט די אייפערזוכט; דערנאָך — די סיבה.

דער, וואָס איז נישט אייפערזיכטיק בטבע, — וועט עס נישט ווערן — אפילו באַ די שאַרפסטע סיבות. דער, ווידער, וואָס איז בטבע אייפערזיכטיק, — וועט נישט רוען, — ביז ער וועט נישט איינשטעלן דעם אַמביענט, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו אָטעמען מיט אייפערזוכט... אים איז פיל ליבערשט — די קלאָרקייט פון אַ געשעענעם פּאַראַט, — איידער די אומזיכערע געשפּאַנטקייט, וועלכע מאַכט אים קראַנק: גיכער, מיט דעם עווענטועלן גיין, — איידער מיט דעם מעגלעכן י אָ ... ווייל, אַלץ געשעט, פאַר אַלעמען, אין אונז...

די שרעק פאַר פּאַראַט, טויט איז — די בענקשאַפט צו פּאַראַט, טויט. ווייל אַלץ געשעט, פאַר אַלעמען, אין אונז. דער אייפערזיכטיקער קאָן נישט לעבן אָן פּאַראַט. דאָס איז — זיין שפּייז, וואָס דערהאַלט אים באַם לעבן; און, פאַר אַלעמען, געשעט דער פּאַראַט — אין אים...

דאָס זעלבע איז מיט דעם, וואָס שרעקט זיך פאַרן טויט — צו ווערען עס ציט אים, אומווידערשטיילעך; ווייל דער טויט איז — אין אים; און די גרעסטע מורא־האָבער פאַרן טויט באַגייען זעלבסטמאָרד...

דאָס זעלבע איז מיט מאָרד. פריער, מאָרדעט איינער — אין זיך. ווייל אַלץ, אָ, אַלץ געשעט, פאַר אַלעמען, אין אונז. עס איז דער אינערלעכער פאַטאַלער דראַנג צו מאָרדן, וועלכער האָט זיך זיין אייגענע אינערלעכע השתלשלות פון סיבה ומסובב. און ערשט אַרום דער אינערלעכער געקייטלטקייט פון געשעעענישן, פון לאָגיק, וואָס רייפט אָן ביז טאָט, (אינערלעכער,) — נעמט אָנוואַקסן — אַ אויסערלעכע כלומרשטע געקייטלטקייט פון געשעעענישן, פון לאָגיק, וועלכע קאָן זיין, (אויסערלעך,) אַזוי גוט — לאָגיש, ווי אומזיניק... ווייל דער אָנגערייפטער מערדער אין פּאָטענץ קאָן אַזוי גוט דערמאָרדן אַ אומשולדיקן, (צו אים, צי צו דער וועלט,) ווי אַ שולדיקן.

מע דאַרף איינזעען: אַז דאָ גייט אַ קאַמף צווישן אינערלעכער אימפּולסיווער אומבערעכנגערישער לאָגיק, און אויסערלעכער אינטעלעקטועלער וועלט־לאָגיק...

דער מאָרד איז פאַרן מערדער — זיין לעבנס־באַרוף; דער זין פון

זיין קיום... דאָס אינערלעכע טונקעלע לעבן איז — י ע נ ע וו ע ל ט, פון וואַנען די נשמה קומט, די אַלטע אייביקע היים, די קינדהייט, די יוגנט, דער כאַראַקטער... און מיט דעם אַלעם, קומט — דער פּאַטאַלער איינזאַמער מענטש, אַנגערייפט און אויסגעוואַקסן־בלינד. ער נידערט צו דער ערדישער וועלט פון אינטעלעקט און אויסערלעכקייט — צו דער־פילן זיין מיסיע... ער קומט, מיט זיין נשמה אין פּאַטאַלן מוז: ווייל קיי־נער קען נישט און טאָר נישט פאַרבלייבן אַף יענער וועלט; נישט — קינ־דיש; נישט — יוגנטלעך...

ער מוז קומען דערפילן (עקסהיבירן) זיין מיסיע (טעאַטער־ראָל): פ ו ן מ אָ ר ד ... (דאַן וועט ער קענען אומברענגען — אַפילו אַ אומשולדיקן; און אויב ער וועט דערגיין, מיט זיין כאַראַקטער, צו וועלט־מאַכט, — וועט ער אומבאַדינגט פּראָוואָצירן אַ וועלט־קריג, אַ אוניווער־סאַלן מאַסן־מאָרד; און אַפילו ווען עס וועלן זיך צייגן טויזנטער אַנדערע וועגן און אויסוועגן, וויאַזוי צו שליכטן אינטערנאַציאָנאַלע סיכסוכים. — יאָ, דאַרף מען אָבער האָבן מוט און מודה־זיין: אַז נישט אין „שליכטן" גייט דאָ, — נאָר אין דורכזעצן, פאַר אַלעמען, — מאָרד; און וויבאַלד אַזוי, איז שוין — גאָר עפּעס אַנדערש... און זעט איר: אינגאַנצן ווידער עפּעס אַנדערש איז — די מיסיע פון דעם באַשולדיקער פאַר מאָרד, פון דעם פּראָקוראָר; און פון דעם ריכטער, וואָס טראָגט אַרויס — דעם שווערן אורטייל פון דער באַשטראָפונג: זיי ביידע, פּראָקוראָר און ריכ־טער, קומען נאָך און דערפילן, דערביי, דורכויס — דעם אייגענעם טיפן אינערלעכן דראַנג צו באַשולדיקונג, און צו באַשטראָפונג — אומאָפּהענ־גיק לחלוטין כמעט פון דעם פאַרברעכן; וועלכער איז בלויז אַף אַזויפיל באַרעכטיקט און ווילקאָמען, — אַף וויפל ער, איינער אַליין, דער פאַרב־רעכן, איז מסוגל צו דערנערן און געבן קראַפט און מוט — דעם דראַנג צו באַשולדיקונג און צו באַשטראָפונג; און ווייטער — אַ האָר נישט מער...); פ ו ן אַ נ ט י פּ אַ ט י ע ... (דאַן וועט ער האַסן דעם גערעכטן, אַזוי גוט ווי דעם אומגערעכטן; ווייל, אין דער אמתן, וויבאַלד אַז עס גייט אין נאָכקומען דעם אינערלעכן דראַנג אויסצולעבן און אויס־צושטראַלן אַנטיפּאַטיע, — טאָ, וואָס איז דער אונטערשייד, צי איינער איז גערעכט, אָדער אומגערעכט?! גיכער, זעט איר, פאַרקערט: וועט ער האַסן דעם גערעכטן, וועלכער שטעלט זיך, אַזוי צי אַנדערש, קעגן דער אַנטיפּאַטיע, — איידער דעם אומגערעכטן, וועלכער טוט דאָך פּאַרט עפּעס לטובת דער אַנטיפּאַטיע...; אָבער, צולעצט, אויב איר ווילט וויסן, וועט ער דעם אומגערעכטן עקסטרע פיינט־באַקומען — טאַקע אויס־שליסלעך דערפאַר: ווייל ער קריכט אים צו ווערן סימפּאַטיש, אַדאַנק זיי־נע געמיינהייטן... דאָקעגן, דער אויפריכטיקער גערעכטער... און אַזוי,

אַן אַ סוף...); צ י פ ו ן ש ו ל ד ... דאַן, וועט ער ווירקלעך זיין שולדיק און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלדאָס געמיינע, וואָס איז, ווערט און וועט געטון ווערן, עד סוף כל הדורות — פשוט דערפאַר, ווייל ער איז — די שולד... ווייל אַזוי איז ער, און נישט אַנדערש, אומאָפּהענגיק פון אַלץ... ווייל ער איז, מיט זיין געמיט — די טיפע אינערלעכע שולד אין זיך... (וואָס זוכט, אגב, דורכצופירן זיין אייגענע מיסיע — דער־מאָרדעט צו ווערן...) וואָס ציט זיין שורש פון יענעם אייביקן שטראָם פון ש ו ל ד ־ א י ן ־ ז י ך , וואָס פליסט אין דעם אומענדלעכן זיין און ווערן — פּאַראַלעל מיט דעם אייביקן שטראָם פון א ו מ ש ו ל ד ־ א י ן ־ ז י ך , אויס וואַנען עס קען ציען זיין יניקה און שורש — דער מערדער; פאַרוואָס דען נישט?!. און הגם עס ווערט פאַרזיכערט, אַז די צוויי פּאַראַלעלן, (ליבע און האַס, שולד און אומשולד, יענע וועלט און ד י וועלט, אימפּולס און אינטעלעקט, הימל און ערד,) טוען זיך אין ערגעץ נישט באַגעגענען, אין דער אומענדלעכקייט, — דאַרף מען אָבער באַנעמען און איינזעען: אַז אָט די דאָזיקע דווקא־קאַטעגאָרישע אומבאַ־געגעניש פון די אייביקע קעגנגעזעצטע שטראָמען איז דאָס — זייער איי־ביקע פּאַטאַלע קעגנזייטיק־גראַוויטירנדע באַגעגעניש... אָט אַזוי, זיך־אויסשליסנדיק איינס דאָס אַנדערע, — זענען זיי זיך סומך איינס אַף דאָס אַנדערע; און ווי קעגנזייטיקע פאַן און בילד אַלציינס, זוכט יעדע פּאַראַלעל: צו ארויסהייבן און דערשפּירן ז י ך — גראָד אַפן צד שכנגד; ווייל אַנדערש, אַליין אין זיך, — וואָלט יעדע פּאַראַלעל זאָפּאַרט אומגעקומען... היינט, טאָ וואָס פאַר אַ כנגדים זענען זיי זיך?!.

און ווען עס ווערט גרויס, שטאַרק־רייף, אויסגעוואָקסן דער טיפער אינערלעכער דראַנג צו מאָרד, אַנטיפּאַטיע, ליבע, לאָיאַליטעט, אייפער־זוכט, צוטרוי, פּאַראַט, שולד, אומשולד, — דאַן נעמט אויפקומען אינעם געמיט — אַן איבערגעשטאַנענקייט, אַן איבערגעוואָקסנקייט, אַ אַנטשעד־פונג, וואָס נעמט דראָען מיט אַ גראַוויטירונג צו דעקאַדענץ און פולש־טענדיקן אויפלייז און ליקווידירונג פון זיך..., — ווען נישט די קעגנע־רישע פּאַראַלעל, וועלכע איילט צו קרעפטיקן און דערפרישן די פאַרחלש־טע געמיטער; (און באַגלייך, אַליין דערפרישט ווערן דורכן קעגנער;) אום, אַף אַלע אייביקייטן, אויפצוהאַלטן דעם גראַנדיעזן אוניווערסאַלן אויפ־מאַרש פון דער מיסטעריעזער דו־פּרצופימדיקער בעסטיע פון גאָט־מענטש און טייוול אין איינס, אין אייביקער באַנייונג...

טז) „התינוק, משעה שנולד, מתחיל להתייבש,״ לערנט רבנו בחיי הדין, אין „חובת הלבבות״. דאָס איז די אומפאַרמיידלעכע פּאַטאַ־ליטעט. באַלד הויבט אָן דער מענטש זיין קאָנפליקט — פאַר זיין... ער פירט דעם קאָנפליקט — מיט זיך אַליין: מיט אינערלעכע עלעמענטן,

וועלכע גראוויטירן אין אים צו טריקעניש, צו אונטערגאנג, צו טויט. ער פירט דעם קאנפליקט — מיטן כוח פון אנדערע אינערלעכע עלעמענטן, וועלכע גראוויטירן אין אים צו פייכטקייט, צו אויפגאנג, צו לעבן.

און ער, דער מענטש, (ווער, אייגנטלעך, איז — ע ר   א ל יי ן ?!.) צאפלט, א געבונדענער, צווישן די צוויי קעגנגעזעצטע דראנגען אין אים — (פון וועלכע, ריכטיק־גערעדט, ער קאמפאנירט זיך; ווייל קיין דריט נייטראל פינטעלע מענטש איז דאך אינערגעץ נישט בנמצא אין אים...1) — פון טויט, און פון לעבן...

ער צאפלט, דער מענטש, אין אומויפהערלעכער מוראדיקער פיין, א געבונדענער, א טיף־אינערלעך־איינגעבונדענער, פארבונדענער און איינ־געפלאנטערטער איינגעשפאנטער אין די שארף־אויסגעשפראכן־עקס־טרעם־קעגנגעזעצטסטע עלעמענטן, אין א אף־טויט־און־לעבן־אייביקן קאמף, גערענגל, קאנפליקט, וואס זוכט לייזונג — וואס זוכט לייזונג פון זיין מענטשלעכער חזוק, פון זיין געבונדנקייט, פון זיין פינצטערע נויט, כדי צו דערגרייכן אליין די פרייהייט... דערשפירן, א, כאטש איין רגע בלויז — זיך אליין, ווי מע איז...

און אפשר איז דאס א טעות בעיקר; א טעות א בייזער, א פאלשער, א פארברעכערישער. ווייל דערשפירן   ז י ך   א ל יי ן   קאן מען — נאר   א י ן   דעם קעגנער. אין זיין זיין. אין זיין שארפסטן אויסדריק־לעכסטן קיום. אף זיין פאן. אין זיין סטימול...

און עס צאפלט דער מענטש־קאנפליקט — אין זיין פאטאלער אויס־געבונדנקייט מיטן ארום, מיטן אוניווערס, מיט דער לופט, מיט די שטראלן, מיט אלערליי סארטן דערנערונג; (דער באנאל־אזויגערופענער שטאף־וועקסל פונעם ארגאניזם;) אין זיין פאטאלער איינגעבונדנקייט מיט אלע וועלטן, מיט אלע פיינען; מיט אלע אייביקע זיינען...

ווער־זשע קען זיך דא קומען אונטערנעמען רעדן פון — פרייהייט פארן מענטש און פאר זיין טאט?!. וויבאלד, אז — וויפל גלידער אין אים, — אזויפיל ווילנס, צעריסנקייט, קאמף... בלויז דער פראזע־מענטש פון דער סאציאלער אויסערלעכער גאס־פראקלאמאציע איז — איינטאָ־ניק, אוניפארמירט, זיך־ווידערהאלנדיק־גאנץ. דאקעגן, דער אינערלעכער קינסטלעריש־איינציקער מענטש, וועלכער ווידערהאלט זיך נישט, נאר

1) זע דעם סעיף י"ד, קאפיטל „די תפיסה פון דער מאסע"; אויך אין פרוידס ווערק „דער פסיכאאנאליז פון די מאסן און פון דעם מענטש־לעכן   א י ך " ,   דארט וואו ער רעדט וועגן דעם „נייטראלן פונקט" אין אונזער פסיכיק.

איטלעכער איז אנדערש, — אָ, ער איז צעריסן, אין דער טראַגעדיע, אין דער תפיסה פון זיין זיין...

און דאָס אויפנעמען קאָן בלויז דער קינסטלער. ער ווייסט בעסער — וואָס עס טוט זיך אין דעם פּראָזע־מענטשן, — איידער ווי דער פּראָזע־מענטש אליין; וועלכער איז אַזוי פאַרדולט פון דעם שטייגער־פּראָקלאַמאַציע־סאָציאַלן דרויסן, — אַז ער הויבט נישט אָן צו אַנען — וואָס עס גייט אָן מיט אים אַליין, אין זיין אינערן...

יאָ, איז, ווער־זשע קען זיך דאָ קומען אונטערנעמען רעדן פון — פרייהייט פאַרן מענטש און פאַר זיין מאַט?! ווען אַלץ פון מענטש, זיין גאַנצער באַשטאַנד איז — אַזאַ בלינדע פאַטאַליסטישע אָפּשפּיגלונג — פון יענעם איבערוועלטישן אייביקן קאָנפליקט אינעם זיין?!

דאָס איז דער סוד — פון דער קינסטלערישער יצירה: וואָס מאָלט דעם מענטש — אין אָרעאָל, אין פאַרבינדונג מיט נאַטור; ווי איר געשטאַלטיקונג, ווערונג, זעונג; ווי די סאַמע־קאָנדענסירטסטע פאָרשטעלונג, פאָרשטייונג פונעם זיין...

און ווען דער קינסטלער אָבסערווירט די טאַוונגען פון מענטש, — קוקט ער פיל ווייטער און טיפער, כדי צו דערבליקן: ווער עס טוט — א י ב ע ר אים, ה י נ ט ע ר אים, א י ן אים... וועמעס מעדיום ער איז... וועמען רעפּרעזענטירט ער...

ווייטיק, פּיין, ליידן, אכזריות, וועלט־שמערץ — פון איין זייט; און מאָראַל, רחמנות, ליבע, בארמהארציקייט — פון דער אַנדערער: אין דעם מענטשנס זיין און טון, אין זיין גאַנג און באַוועגונג איבער דער וועלט און אין דעם לעבן; אָט דער אייביקער שוידערהאַפטער קאָנפליקט צווישן אָט די צוויי קעגנגעזעצטע עלעמענטאַלע אומרואיקע מעכטיקע שטראָמען — אין דעם אומענדלעכן קאָכיקן און אייביק־אויפגעברויזטן ים פון מענטשנס געמיט, — איז אַן אייביקע אָפּשפּיגלונג־בלויז פון אָט דעם פאַטאַלן אייביקן געראַנגל צווישן די כוחות־עלעמענטן פון שלעכטס און פון גוטס — אין דעם געמיט פון אייביקן זיין און גאַנג און ווערן...

דער מענטש־קאָנפליקט — אַ שפּיגל פונעם העכסטן און איידלסטן קאָנפליקט, אינעם האַרץ פון דער אייביקייט.

און ווען מע זעט דעם אויפקום פונעם שלעכטס אינעם לעבן; און פון דעם נאָבלסטן איידלסטן גוטס, וואָס קומט דאָס שלעכטס צו דערדריקן, — זעט מען־צו, אין דער ווירקלעכקייט: דעם געראַנגל און דעם אומרו — אין דעם האַרץ פון אייביקן זיין; אין דעם ים פון אייביקן ווערן: וואו עס שטאַרקט זיך אין גאָטס געמיט דער קאָכיקער שטראָם פון די ליידן און פּיין פון זעלבסט־פאַרלענד און צעשטערונג, — כדי אַרויסצובערענגען, פאַרשטאַרקן, מאַכן אַנטפּלעקן, אויסדריקן אַמהעלסטן — דעם

קענגנשטראָם פון שאַפונג, פון גאַנצקייט, פון גוטס, ליבע, שפע, באַרמ־הארציקייט, מאָראַל און ליכט: וועלכעס טוט זיך אַלץ דערנערן אין גאַנצם געמיט, ווי אַף אַ פאָן אַלציינס און ווי אַ סטימול — גראָד פון דעם פאַר־קערטן... די ליבע ליבט אַזוי־לאַנג און אַזוי־באַרמהאַרציק־אומרואיק (בלינד) דאָס שלעכטס — אין דעם שלעכטס און אין זיך, — ביז זי טוט אומברענגען דאָס שלעכטס, אי זיך... והנה זה לעומת זה עשה אלוהים...

פאַרוואָס־זשע מיינט מען — אַז אינעם לעבן, מיטן מענטשן דאַרף אַנדערש זיין?

סיי דאָס שלעכטס, סיי דאָס גוטס אינעם לעבן, אין אייביקן פאַ־טאַלן געראַנגל, — רעפּרעזענטירט טיפּיש — דאָס העכסטע איידלסטע זיין פון דער אייביקייט...

עס איז, דאַרום, שווער צו ענטפערן אַף דער פראַגע:

— אייביקע מענטשלעכע פּיין, און נביאישער פּאַטאָס — ווער האָט געטון וועמען געבערן?..

בעתביידע זענען אומדערשיטערלעך און עיקרדיק — אין דעם אייביקן גאַנג פונעם זיין...

עס קומט אויף, עס פאַרשטאַרקט זיך די אייביקע מענטשלעכע פּיין — כדי צו דערפרישן, צו פאַרשטאַרקן די קוואַלן די שטראָמען פון לוי־טערסטן נביאישן פּאַטאָס.

ווייל נאָר אין דער פּיין טוט זיך דער פּאַטאָס דערנערן... בדמיך חיי... און אָן די ימים ליידן — וואָלט דער פּאַטאָס גלייך געבליבן פאַר־טריקנט... און עס וואָלט דאַן, במילא, גאָרנישט געבליבן: נישט די פּיין, נישט דער פּאַטאָס, נישט די ליבע; גאָרנישט... ווייל נאָר מיט פּיין דער־נערט זיך די ליבע; פּונקט ווי מיט ליבע דערנערט זיך די פּיין...

אין דעם געמיט פונעם מענטש, פונעם לעבן — אַלציינס ווי אין דעם געמיט פון דער אייביקייט, אונטער די שטורמישסטע שטראָמענדע ימים פון ליידן און פּיין, — צאַפּלט אַלץ און עס שלאָגט: צו דער עכטס־טער פרישער געפיל־אַנטפּלעקונג פון פאַרגליווערטער קונסט.

צו דער עסטעטישער עדיפיקאַציע פון וואָרט־קונסט, (דער נביאישער פאַרגליווערטער פּאַטאָס;)

נישט ווינציקער, ווי צו דער עסטעטישער עדיפיצירונג פון דער שטיין־קונסט. (די פּיראַמידע.)

ביידע — די קונסט פון וואָרט און פון שטיין — זענען, ווי די ים־מושלען, אַלציינס. שטעל אָן דיין אויער, אָ, מענטש...., — און דו וועסט גלייך דערהערן אין זיי, אָ, דעם וויטן מוראַדיקן אָפּהילך פון אימהדיקע מענטשלעכע גרוילנדע אייביקע ימים ליידן און פּיין; וואָס

פארגייען נישט קיינמאל; א, וואס זידן שטורעמען אן אויפהער און מאַ־נען אייביק דעם חשבון פון בלוט...

א ו ן   ד ע ר פ א ר   ט א ק ע — איר הערט?! — האלט זיך איבער זיי, (איבער אט די ימים, הייסט עס,) אזוי פאטאל אייביק אומ־דערשיטערלעך — די קונסט פונעם פארגליווערטן נביאישן ווארט; און די קונסט פונעם שטיין.

ביידע — אויפגעכאפטע און פארגליווערט־געבליבענע מאמענטן פון העכסטער אייביקסטער פלוס־אנטפלעקונג אינעם זיין; וואס טוט זיך אייביק פאטאל דערנערן, אזוי רעטזולהאפט אין ליבע — מיט דער פיין...

יז) דער כאראקטער פונעם מענטשן, דאס איז — דער אינערלעכער מענטש, דער עכטער, דער איינציקער מענטש. אזוי־צו־זאגן — דער אינערלעכער זייגער, וואס טוט זיין טואונג, ער גייט זיין גאנג — אומ־אפהענגיק דערפון, צי דאס הויז ברענט, אדער נישט. דער אינערלעכער זייגער, וועלכער באוועגט זיך — לויט זיינע אייגענע אינערלעכע געזעצן; אומאפהענגיק פון דעם ציפערבלאט, וואס עס דריקט אף אים ארויף דאס לעבן פון דרויסן: אז ער זאל, גלייכצייטיק, באצייכענען, דורך די ספע־ציעלע ווייזערס־אנצייגערס — אויך די באוועגונגען, די אויסערלעכע, פון דעם לעבן דעם פרעמדן פאר אים; הגם מע וויל עס אין אים אנבאהעפטן אף אזוי ווייט, — אז עס זאל כלומרשט הייסן און פארקומען: אז דאס דריקט אויס דער ציפערבלאט — דאס סאמע אינטימסטע אינערלעכסטע לעבן פון דעם מענטש גופא; פון זיין כאראקטער.

ניין. עס איז פאלש; און דער אומאפהענגיקער אייביק־פרייער־אין־זיך מענטשלעכער כאראקטער רעבעלירט קעגן דעם, מיט אלע כוחות; און ער זאגט זיך אפ קאטעגאריש מיטצומאכן אט די דאזיקע פאר־אים־עלע־מענטאל־פרעמדע שפיל פון דעם אויסערלעכן לעבן. און אויב דאס לעבן זוכט אים איינצושפאנען צופיל אין זיינע (דעם לעבנס,) אומגעצוימטע אוואנטורעס, — וועט ער, דער כאראקטער, וויסן זיין מאס — ווען און וויאזוי צו רעאגירן; און ער וועט אומברענגען דעם מענטש אינגאנצן — אויב מע וועט אנלאדן אף אים   צ ו פ י ל   פ ר יי ד , — פונקט אלציינס, ווי ער וואלט דאס געטון, ווען מע וואלט געוועזט אף אים אנ־לאדן   צ ו פ י ל   ט ר ו י ע ר ...

דער כאראקטער פונעם מענטש איז — איראציאנעל. ער איז — בלינדער פארביסענער אייביקער אומפארענדערלעכער אומזין. דאס פסעוודא־אינטעלעקטועלע דרויסנדיקע שטייגער־לעבן טוט אים אבער פארפלייצן; דער אזוי־גערופענער געוויסער פון לעבן; אזוי, אז מע זעט   א י ם   מער נישטאָרוים; מיינט מען: מע האט אים געבראכן, געענ־דערט זיין נאטור. ערשט, עס הויבט זיך נישט אן. גייט נאר אריבער דער

שטורעם־און־דראנג־פעריאָד פונעם דרויסנדיקן לעבן, עס נעמט אָפּפאַלן דער געוויסער, — און ווידער גייט דאָן אויף, מיטאמאָל, הויבט אָן ארויס־צושטאַרצן, אויס אַלע פּלעצלעך־אָפּגעדעקטע ערווה־טאָלן און גרובנס פון מענטשנס־געווען־פאַרפּלייצט געמיט, אַזוי מעכטיק אומבאַזיגבאַר, ווי קיינמאָל, אָ, אַזוי שענדלעך־רוי־נאַקעט־חוצפּהדיק־אַנטבלויזט פאַר די ליכט־שטראַלן פון אַ זון, וואָס ווערט אַליין רויט פאַר שאַנד, וואָס נעמט איין חרפּות־בושות, אַז זי דאַרף גאָר אַזעלכס באַלויכטן — דער אייבי־קער אומפאַרענדערלעכער וואַנזיניק־בלינד־פאַרביסענער פּרימיטיווער כאַראַקטער פון מענטש, ווי געווען.

מיטן מענטשנס כאַראַקטער, מיט זיין נאַטור, גייט אָן די זעלבע שפּיל, ווי מיט דער ארכיטעקטור־אַלציינס. דעם מענטשנס כאַראַקטער, זיין נאַטור, שטעלט ארויס אַסאַך געדולד. און נאָך אַלע ארויפגעדריק־טע אַף אים, דורך דעם אינטעלעקט, פאָרמען און רעפאָרמען, (אַקוראַט ווי בא דעם רויען מאַטעריאַל פון דער ארכיטעקטור, —) נעמט ער, מיט דער צייט, אין לויף פון יאָרן, מאַכן אַלץ דעגענערירן, צעשטערן אַלע פאָרמען; אַליין, ווידער אפּערבערענגען ד אָ ס א י ג נ ס ; באַניים ארויסשטאַרצן, אַזוי פּרימיטיוו־ווילד, ווי געווען, ווי פאַרצייטנס; און ווידער ארויסשטעלן דאָס איינציקע געשטאַלטלאָזע געשטאַלט זיינס — פון אָפּגעלאָזנקייט, פון כאַאָס, פון אומזין. ווייל אים, דעם מענטשלעכן כאַראַקטער, זיין נאַטור, אָן אויסנאַם, ציט צו אונטערגאַנג.

אזוי, אַז עס העלפן נישט קיינע באַמיונגען פון אינטעלעקט, פון לעבן — אים צו רעפאָרמירן, דעם מענטשנס כאַראַקטער. ער בלייבט טריי זיין אייגענער נאַטור, און אונטערגעוואָרפן זיינע אייגענע אינער־לעכע געזעצן, (ווי בא דעם משל פון דער ארכיטעקטור־אַלציינס,) ווי גע־ווען. ער, דער אינטעלעקט, קען אים אָבער אויך נישט צעשטערן, אים אָפּ־שאַפן, אַזוי־צו־זאָגן, אינגאַנצן, דעם מענטשנס נאַטור־כאַראַקטער, פאַר־ניכטן דעם עלעמענט און אים איבערשאַפן, טראַנספאָרמירן אין אַ נייעם: אין אַ נייעם כאַראַקטער, אין אַ נייער נאַטור. ניין. דאָס איז אויסגע־שלאָסן, אפילו ווען דער אינטעלעקט וואָלט דאָס יאָ געקאָנט באַווייזן צו טון. ווייל, אין אַזאַ פאַל, איז קלאָר: אַז דער אינטעלעקט וואָלט, גלייכ־צייטיק, געווען צעשטערט יעטוועדע מעגלעכקייט פאַר זיין אייגענער וועלכער־עס־איז־טעטיקייט. און ווי מיר זעען דאָס ארויס אַזוי קלאָר באַם רויען מאַטעריאַל פון דער ארכיטעקטור: אַז גראָד דערפאַר, וואָס דער רויער מאַטעריאַל בלייבט טריי זיין נאַטור און שטעלט אַ ענערגישן פאַר־ביסענעם ווידערשטאַנד דער דלאָטע פונעם אינטעלעקט, אַף יעדן שריט און טריט, — איז ערשט מעגלעך פאַרן אינטעלעקט אָפּצודרוקן אַף אים — לאָז־זיין, אויבנויף־כאַטש — זיינע, דעם אינטעלעקטס, פאָרמען־אי־

דייען; און אינקאנגנטייל, דאָס הייסט, ווען דער רויער מאַטעריאַל פונעם פעלז, צי גיפּס, גיט אויף זיין אייגענעם נאַטור־כאַראַקטער פון ווידער־שטאַנד, און ער נעמט אָן, לאָמיר זאָגן, אזא נאָכגעביקן נאַטור־כאַראַק־טער, ווי די לופט, — וואָלט אינטעלעקט דאַן גלייך געווען געמוזט ליקווי־דירן אַלע זיינע אַספּיראַציעס, מיטיינמאָל! און אַקוראַט געניי דאָס איי־גענע וואָלט געווען געשען, אין אַ ענלעכן פאַל, מיט דעם געענדערטן נאַטור־כאַראַקטער פון מענטש. עס וואָלט דאַן, אין אזא פאַל, אומפּאַר־מיידלעך־גלייך געווען געוואָרן — אויס אינטעלעקט, אויס מענטש, אויס אַלץ.

אזוי, אַז די באַזע פון מענטשנס פּראָגרעס, פון זיין אינטעלעקטועלן גאַנג איבערן לעבן, פון זיין אימער־זיך־ענדערנדער קולטור־געשיכטע איז זיך סומך דורכויס — אַף זיין אומפאַרענדערלעכן בלינד־אומזיניקן נאַ־טור־כאַראַקטער, וועלכער מוז תמיד פאַרבלייבן — אזוי, ווי ער איז. (אין משיח בא, אלא בהיסח־הדעת: די גאולה שפּאַרט זיך אָן — אַף דעם אבּ־סורד.)

דעם מענטשנס נאַטור־כאַראַקטער, (אין קעגנזאַץ צום טויטן פעלז, וועלכער, אַף זיין שטייגער, דערנערט זיך אויך,) איז אָבער — אַ לע־בעדיקער; און ער פאָדערט, דאַרום, באַם לעבן — זיין אייגענע שפּייז, זיין דערנערונג, כדי צו קענען זיך דערהאַלטן, פולסירן און לעבן. און דאָס לעבן, דער אינטעלעקט, מוז אים זעען נאָכצוקומען זיינע פאָדערונגען פולשטענדיק; דאָס הייסט, אים לאָזן קומען צום אויסדרוק אינעם לעבן, אַף זיין שטייגער; ווייל נעמענדיק אין באַטראַכט: אַז ער איז אָן עיקר־דיקע קאָנסטיטוציאָנעל־אָרגאַנישע און עלעמענטאַלע באַשטאַנד־טייל פון מענטשנס זעל, פון מענטשנס געמיט, פון מענטשנס זיין. און ערשט נאָכ־דעם, ווי מע דערמעגלעכט אים, דעם מענטשנס נאַטור־כאַראַקטער, צו קו־מען צום אויסדרוק אינעם לעבן — פולשטענדיק, דאָס הייסט, געקרעפּ־טיקט אין זיין טבע פון ווידערשטאַנד צו אַלדאָס אינטעלעקטועלע, — קאָן ערשט זיין די רייד (געדענקט: קיינמאָל נישט — פריער,) — וועגן אָפּדרוקן אַף אים ז יי נ ע, דעם אינטעלעקטס, פּראָגרעסיסטישע, פאַרשריטלעכע פאָרמען פון אַ ניי לעבן אין ווערן.

אזוי, מוזן אויך גיין, האַנט־באַ־האַנט, אינעם לעבן, אין דער היינט־צייטיקער מענטשלעכער געזעלשאַפט, (ווען מיר גייען אריבער פון אַבסטראַקט־טעאָרעטישן — צום קאָנקרעט־פּאָליטישן,) — עקאָנאָמישע רעאַקציע, (אַלס טרייער אויסדרוק פון מענטשנס נאַטור־כאַראַקטער,) מיט פּראָלעטאַרישן קאַמף פאַר עקאָנאָמישער דערלייזונג, (אַלס טרייער אויס־דרוק פונעם מענטשנס אינטעלעקט־דראַנג.) ווייל נאָר אַף דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער רעאַקציע און אַף איר פאַרביסענעם ווידערשטאַנד קאָן גע־

לינגען דעם פּראָלעטאַריאַט אָפּצודרוקן זיינע נייע דערלייזערישע פּאָרמען... און זאָל ערגעץ געלינגען דעם אינטעלעקטועלן פּראָלעטאַריאַט צו צעשטערן אינגאַנצן די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע רעאַקציע, (הערט זיך גוט איין!), — דאַן וועט ער גלייך מוזן דערפינדן עפּעס אַ געוויסן סובסטיטוט, אַף צו דערנערן (און לאָמיר זאָגן — נ אַ ר ן ...) די גראַוויטאַציע פון דעם מענטשנס אייביק־פינצטערן נאַטור־כאַראַקטער... ווייל, אויב נישט, — וועט ער זיך אויפהויבן, דער פינצטערער מאָנסטער, און אויפרייסן — זיך און אַלץ, דאָס גאַנצע לעבן!..

דעם מענטשנס אייביק־פינצטערער נאַטור־כאַראַקטער איז אונטערגעוואָרפן, פאַטאַל־אומפאַרמיידלעך, (אַזויווי אַלץ אינעם אַלוועלט,) די אייביקע געזעצן פון ירושה און גראַוויטאַציע, וועלכע, ווי געזאָגט, זענען נישט צום אָפּשאַפן — אָן דעם, אַז עס זאָל נישט אויפגעלייזט ווערן, בליץ־אויגנבליקלעך, אין דער זעלבער צייט, דער סאַמע עצם עלעמענטאַלסטער באַגריף פונעם זיין גופא.

אַלץ אינעם אַלוועלט, דאָס גאַנצע פולע אומענדלעכע זיין — אַזוי, די טויטע אומאָרגאַנישע נאַטור; אַזוי, די לעבעדיקע, די אָרגאַנישע — בלייבט אונטערגעוואָרפן, זינט אַלע אייביקייטן, די אייביקע פאַטאַל־אומפאַרענדערלעכע געזעצן פון — ירושה און גראַוויטאַציע, פון איין זייט; און פון אַדאַפּטירונג, פון דער אַנדערער; פון סטאַטיק, און פון דינאַמיק; פון טעזע, און פון אַנטיטעזע; און דאָס אַלץ, אין אומויפהערלעכן פאַטאַלן געראַנגל צווישנאַנאַנדער; און, נאָר אַדאַנק אָט דעם אייביקן קדמוניותדיקן געראַנגל, ווי באַוואוסט, צווישן די שאַרף־קעגנגעזעצטע עקסטרעמסטע עלעמענטן אין (זינט) דעם סאַמע־אור־פּרימיטיווסטן צושטאַנד אָן פון דעם אַלזיין, — איז דער אוניווערז געגאַנגען פאָרויס, אין זיין פאָרמירונג, אַנטוויקלונג און אין זיין אַריבערשפּאַן פון טויטער אומאָרגאַנישער נאַטור — אין אָרגאַניש־לעבעדיקער, אין אַלע אירע ווייטגייענדיקסטע פאַזן, ביז היינט צו טאָג און ווייטער. דער געראַנגל פון די סאַמע־אויסגעשפּראָכן־קעגנגעזעצלעכסטע נאַטור־עלעמענטן איז די איינציקע און די סאַמע־פונדאַמענטאַלסטע ערבות פאַרן זיין פון אוניווערז, פון אַנימאַל, פון נאַטור, פון מענטש. און זאָל עמיצן געלינגען, למשל, צו צעשטערן אין וועלכן עס איז אַנימאַלישן מין דעם גלייכגעוויכט אין זיין נאַטור צווישן די טענדענצן פון ירושה־גראַוויטאַציע, און פון אַדאַפּטירונג, (דורכן נישט־דערנערן, לאָמיר זאָגן, ווי געהעריק, די ירושה־גראַוויטירנדע טענדענץ, נישט — נאָרמאַל, און נישט אַפילו דורך אַ סובסטיטוט), — אַזוי איז קלאָר: אַז יענער אַנימאַלישער מין וועט גלייך אויפהערן זיין, מיט זיין נאַטור — ד אָ ס , וואָס ער איז; און, מיט דער צייט, וועט ער נעמען ביסלעכווייז פאַרלירן אַפילו זיין נאָרמאַלן אוי־

סערלעכן אויסזעען, ווערן דעגענערירט, און אריינפאלן אין אבסאלוטער דעקאדענץ.

און פונקט דאס זעלבע וואלט פאסירט מיט דעם מין מענטש. וואלט ווען געלונגען, למשל, צו צעשטערן אין מענטשנס געמיט זיין ירושה־גראוויטירנדן נאטור־כאראקטער, (דורכן נישט־דערנערן, לאמיר זאגן, ווי געהעריק, אט די נאטור־שטרעבונג־זיינע, ניש ט— נארמאל, און נישט אפילו דורך א סובסטיטוט), — אזוי וואלט דער מענטש, דורכן פארלירן זיין גלייכגעוויכט, — גלייך אויפגעהערט צו זיין, מיט זיין נאטור — ד א ס , וואס ער איז; און, מיט דער צייט, וואלט ער גענצלעך פארלארן אפילו זיין נארמאלן אויסזעען, און געוועזט דעגענערירט־אריינגעפאלן, דער נאבעלער מענטשן־מין, אין אבסאלוטער דעקאדענץ...

טא, זאל דאס, איינמאל פאר אלעמאל, דינען פאר א ווארענונג קעגן יענע אומפאראנטווארטלעכע פלאפלער, וואס חלומען וועגן אויסראטן פונעם מענטשנס געמיט — איין קלייניקייט! — דאס בייז, זיין נאטור־כאראקטער, זיין פינצטערניש, זיין רישעות, זיין אומזין!

א, זיך נישט־געבנדיק קיין רעכענונג: אז, מיטדערמיט, זוכן זיי גאר אויסצוראטן — דעם מענטשן־מין גופא; זיין קולטור, זיין געשיכטע; זיין העכסטן און נאבלסטן טרוים־שוואונג פון זיין...

סוף.

ב. איירעס. י. 1950

אינהאַלט:

	זייטן
די תפיסה פון דעם געדאַנק און געפיל	3
די תפיסה פון חכמה און אומזין	7
די תפיסה פון דער דערקענטעניש	11
די תפיסה פון דער ווירקלעכקייט	16
די תפיסה פון דעם וויסן און אומוויסן	18
די תפיסה פון דער קונסט	32
די תפיסה פון דער מאַסע	44
די תפיסה פון גליק און פיין	52
די תפיסה פון ליבע און האַס	57
די תפיסה פון געוויסן און מאָראַל	63
די תפיסה פון דער טאַט	77
די תפיסה פון דער פרייהייט	87
די תפיסה פון דעם טויט	89
די תפיסה פון דעם אָפּפאַל	96
די תפיסה פון גאָט	104
די תפיסה פון דעם זיין און אומזיין	120

מעלדונג צו פארלעגער:

דער זעלבער מחבר האט פארענדיקט, נאך לאנגע יארן ארבעט, א גרויסן ראמאן וועגן דער בארימטער ליבאוויטשער ישיבה, (געגרינדעט דורכן רבין שלום־דובער שניאורסאן ז״ל,) אונטערן טיטל:

„אין די טריט פון משיח"

(בילדער פון א אייביקער אידישער וועלט.)

אין פאלגענדע פינף טיילן:

א) אלט־ניי שמידאוויץ.

ב) יאסל, אברהם־יואל דעם קאצקערס.

ג) „שכינתא בגלותא".

ד) די אלטע וועלט.

ה) דער אויפשטאנד פון די תמימים.

דער מאנוסקריפט וועט האבן אין דרוק — העכער 800 זייטן. (50 דרוק־בויגן.)

מיט פארשלאגן וועגן ארויסגעבן דאס ווערק, זיך־ווענדן:

M. GRANITSTEIN

Calle Reconquista 439

Buenos Aires

Rep. Argentina

Este libro se terminó de imprimir
el día 2 de Febrero de 1951 en los
Talleres Gráficos Julio Kaufman,
Corrientes 1976, Buenos Aires.